יודען, געדענקט, אז דער קאמף געגן די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד דויערט

הײנט 22 זײטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

נייעס פאלקסבלאט

№ 265 | Łódź, Piątek, 15 listopada 1935 | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג י״ט מרחשון תרצ״ו | № 265

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71.

טיילווייזער וואהל-רעזולטאט אין ענגלאנד

שטארקער וואוקס פון דער „לייבאר-פארטיי"

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

צו די וואהלען אין פארלאמענט זענען געווען 31.352,869 וואהל - בערעכטיגטע, דערונטער 16.550.270 פרויען. פון דער אלגעמיינער צאהל 615 מאנדאטען זענען 40 דעפוטאטען שוין אויסגע־וועהלט געווארען, ווייל אין זייערע קרייזען זענען נישט געווען קיין קאנטר־קאנדידאטען. עס איז אל־זא געבליבען אויסצווועהלען 575 דעפוטאטען.

די וואהל־לאקאלען זענען געווען אפען פון 8 אינדערפריה ביז 8 אין אווענד. די פערעפענטליכונג פון די רעזולטאטען האט זיך אנגעהויבען ארום 10 א זייגער אין אווענד און האט געדויערט ביז 4 פאר־טאגס. ביז צו דער צייט דארפען בערעכנט ווערען 232 מאנדאטען. אין בעטראכט קומען דא די מאנ־דאטען פון לאנדאן און פון דער אומגעגנד. די פראווינציאנעלע מאנדאטען, פון די ענגלישע גראפ־שאפטען, די אוועלסער און שאטלענדער מאנדאטען וועלען בעקאנט ווערען ערשט מארגען.

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

די וואהלען אין דער הויפט־שטאט זענען אדורך פולשטענדיג רוהיג. די ערשטע רעזולטאטען וועלען געמעלדעט ווערען פריהער דעם קעניג.

דער טיילווייזער רעזולטאט פון די וואהלען, וואס איז פערעפענטליכט געווארען 1 א זייגער ביינאכט בעוויזט, אז די קאנסערוואטיסטען האבען בעקומען 55 מאנדאטען, די אפאזיציאנעלע און אומאפהענגיגע לייבאר־פארטיי 25 מאנדאטען., די נאציאנאל־ליבע־ראלען (סיימאנ'ס גרופען) 4 מאנדאטען.

אין משך פון דער ערשטער שעה זענען פער־עפענטליכט געווארען 12 רעזולטאטען, פון וועלכע 8 מאנדאטען האבען בעקומען די קאנסערוואטיווע, 1 מאנדאט די נאציאנאל - ליבעראלען און 3 מאנ־דאטען די לייבאר־פארטיי. אלע דריי מאנדאטען פון דער לייבאר־פארטיי זענען צוגענומען געווארען ביי די קאנסערוואטיווען. די שטימען פערהעלטניש פון די 12 וואהל־קרייזען בעשטעטיגען פולשטענדיג די השערה וועגן דעם בעדייטענדען וואוקס פון די רייהען פון דער לייבאר־פארטיי. די שטימען וואס זענען אפגעגעבען געווארען פאר דער דאזיגער פארטיי שטייגען איבער די צאהל שטימען פון 1929, שוין נישט רעכענדיג וועגען די שטימען פון 1931.

מאקדאנאלד זאל זיין אדורכגעפאלען. צווישען די אויסגעוועהלטע געפינען זיך צווישען אנדערע וואלאס, מלוכה־סעקרעטאר אין אינערן־מיניסטעריום סאסון מלוכה־סעקרעטאר אין לופט־מיניסטעריום, הודסאן. גרינוואוד געוועזענער מיניסטער פון דער לייבאר־פארטיי (קינפטיגער פיהרער פון דער לייבאר פארטיי) און נאריסאן, דער פיהרער פון דער לייבור פארטיי אין לאנדאנער שטאט־ראט.

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

די צייטווייליגע צוזאמענשטעלונג פון רעזולטאט פון די וואהלען אין ענגלאנד, וואס איז פערעפענט־ליכט געווארען דורך רייטער ארום צוויי א זייגער ביינאכט, בעוויזט, אז די קאנסערוואטיווען האבען בעקומען 70 מאנדאטען. די אפאזיציאנעלע און אונ־אפהענגיגע לייבור־פארטיי 35 מאנדאטען, נאציאנאל ליבעראלען (סיימאנס גרופע) — 5 מאנדאטען. א חוץ דעם האט איין מאנדאט בעקומען א אונאפהענ־גיגער דעפוטאט.

לויט דער דאזיגער צוזאמענשטעלונג האבען די קאנסערוואטיווען פערלוירען 11 פון זייערע מאנדא־טען און האבען געוואונען צוויי נייע. די לייבור־פאר־טיי האט געוואונען 16 נייע מאנדאטען, פערלירענ־דיג איינעם פון די ביז־איצטיגע. דעם דאזיגען מאנ־דאט האבען גענומען די קאנסערוואטיווען אין ליי־ווערפול..

אוסטען טשעמבערלען איז ווידער געוועהלט גע־ווארען אין בירמינגהעם, אבער די צאהל שטימען וואס זענען געפאלען אויף איהם זענען בעדייטענד קלענער אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע וואהלען. הערבערט סעמיועל, דער פיהרער פון דער ליבערא־לער אפאזיציע איז אדורכגעפאלען און דארווין, וואו עס איז אדורך א קאנסערוואטיווער דעפוטאט. דער אויסערן־מיניסטער האאר איז ווידער אויסגעוועהלט געווארען אבער מיט א קלענערע צאהל שטימען ווי פריהער.

טאג-טעגליך

די וואהלען אין ענגלאנד

פון דעם טיילווייזען רעזולטאט פון די וואהלען צום ענגלישען פארלאמענט איז צו זעהען, אז די לייבור פארטיי וועט פון די וואהלען ארויס מיט א גרויסען נצחון, ביזאיצט, ווען עס איז ערשט בע־קאנט דער רעזולטאט כמעט פון א פערטעל וואהל־קרייזען ווייזט זיך ארויס, אז די לייבוריסען האבען א צוואוקס פון מאנדאטען בעת די קאנסערוואטיווען האבען פערלוירען 9 מאנדאטען. דערביי בעמערקט זיך נאך א כאראקטעריסטישע ערשיינונג און נעמ־ליך: עס האט זיך פערקלענערט די צאהל שטימען וואס זענען אפגעגעבען אויף די קאנסערוואטיווע דעפוטאטען .

עס איז זעלבסטפערשטענדליך אויפ'ן יסוד פון די דאזיגע ידיעות קען מען נאך נישט האבען קיין גענויען בעריכט וועגען ענדגילטיגען רעזול־טאט פון די וואהלען. איינס אבער איז זיכער: הגם די קאנסערוואטיווען וועלען פערלירען פון זייער בעזיץ. וועלען זיי אבער בלייבען די שטארקסטע פארטיי אין פארלאמענט און וועלען ווייטער בליי־בען ביי דער מאכט.

פון די איצטיגע וואהלען וועט אבער בעזונ־דערס שטארק ארויס די לייבור־פארטיי. עס האט, זעהט אויס נישט געהאלפען דאס וואס די קאנסער־וואטיווען האבען געהאלטען דאס דער איצטיגער מאמענט איז פאר זיי אמגינסטיגסטען און פאק־טיש האבען זיי אויפצווייזען אין דער אינערליכער פאליטיק א גרויסען ערפאלג אויפ'ן ווירטשאפט־ליכען געביט און אויך אין דער אויסערליכער פא־ליטיק האט די איצטיגע רעגירונג געווינען די סימפאטיע פון פאלק דורך איהר שטעלונג אין איטאליעניש־אביסינישען קאנפליקט און דורך איהר זשענעווער פאליטיק. אבער דאס אלץ האט ווייניג וואס געהאלפען און ווי עס ווייזען די טיילווייזע רעזולטאטען האבען די קאנסערוואטיווען פערלוירען שטימען לטובת דער לייבור־פארטיי

די קאנסערוואטיווען וועלען אבער זיכער ראך ווייטער בלייבען ביי דער מאכט און די פאליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג וועט אין איצטיגען מאמענט, ווען אין אייראפא הערשט אזא כאאס און אונזיכערהייט, זיך פיהלען זיכערער אין איהר האנדלונג און עס איז צו ערווארטען אז איי־ראפא געהט איצט אקעגען וויכטיגע ענטשיידונגען.

ש.

אביסינישע ארמעע אנגעהויבען אנ'אפענסיווע אויף אלע פראנטען

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

לויט די בעריכטען פון קארעספאנדענטען, וואס זענען טעטיג סיי אויף דער איטאליענישער און סיי אויף דער אביסינישער זייט, איז צו זעהן, אז אויף אלע פראנטען האט זיך אנגעהויבען א אביסינישע קאנטר־אפענסיווע. דאס איז איינענטליך נישט א אפענסיווע אין פולען פון פון ווארט, אבער יעדענ־פאלס ציהען זיך שוין די אביסיניער נישט צוריק, נאר זיי שטעלען א פערביטערטען און ווירקזאמען ווידערשטאנד דעם איטאליענישען מיליטער.

אויפ'ן צפון־פראנט איז נעכטען געקומען צו גלייכע קאמפען אין דער געגענד פון אנטאלא, וואס זייער אויסגאנג זעהט אויס צו זיין גינסטיג פאר די אביסיניער. דאס איז צו זעהן פון דעם פאקט, וואס נעכטען אין אווענד האט גענעראל באנא ארויסגע־געבען א בעפעהל צום מיליטער, וואס געפינט זיך אין מאקאלא, אז עס זאל אין מארשען אוועק קיין דרום, בכדי צו פערשטארקען די איטאליענישע כחות.

צוליב דעם אפערגלויבען פון די אביסיניער, וואס האבען מורא צו קעמפען ביים ליכט פון דער לבנה, האבען זיי ערשט איצט זיך דעצידירט אויף קאנטר־אפענסיווע. די קארעספאנדענטען זענען אי־בערצייגט, אז ראס סעיום וועט זיך מעהר נישט צו־ריקציהען, ווייל בעסערע פאזיציעס ווי אין די בערג הינטער אנטאלא וועט ער שוין נישט האבען אויף זיין וועג קיין דרום. די איטאליענער מוזען איצט ארויפקלעטערן אויף די בערג דורך ענגע דורכגענג, וואו עס קען געהן נאר איין מאן אין דער ברייט. פון צווישען די פעלזען ווערען זיי דערווייל אטא־קירט פון אונגעזעהענעם שונא. די בעריהמטע אבי־סינישע שיסער האבען איצט א געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען.

א קארעספאנדענט מעלדעט, אז א אפטיילונג פון 250 מאן איז אטאקירט געווארען אין אזא שמאלען דורכגאנג. דער קאמף האט געדויערט נישט מעהר ווי 20 מינוט, געראטעוועט האבען זיך נאר 80 אי־טאליענער.

די איטאליענער קענען נישט אויסנו־צען זייערע טעכנישע איבערלעגענ־הייט.

די איטאליענישע אפענסיווע אויפ'ן צפון פראנט דארף בעטראכט ווערען פאר אפגעשטעלט. אין משך פון די נאהענטסטע טעג וועלען אויפ'ן פראנט הינ־טער אנטאלא אנקומען די אפטיילונגען פון מינים־טער מילוגעטס ארמעע, און האן, ווי עס גלויבען די קארעספאנדענטען, וועט זיך אנהויבען א אביסיני־שער גענעראל - אטגריף אויף מאקאלע. די אביסי־ניער האבען דא נישט קיין מורא פאר דער טעכני־שער איבערלעגענהייט פון די איטאליענער, ווייל אין די בערג פון אנטאלא קען מען נישט אנווענדען קיין טאנקס און אויך נישט קיין שווערע ארטילעריע. די טראנספארט - שוועריגקייטען האבען זיך ארויס־געוויזען פאר אזויגרויס, אז די בארג־ארטילעריע וואס איז ארויסגעשיקט געווארען פון מאקאלע איז געבליבען שטעקען אויפ'ן וועג.

די איטאליענישע פערלוסטען אין די לעצטע צוויי טעג זאלען זיין זעהר גרויס. די צאהל דערהרג'עטע און פערוואונדעטע זאל זיין בעדייטענד גרעסער ווי די צאהל קרבנות בעת די קאמפען ביי מאקאלע אדער אפילו אדוא.

קאירא, 14 (ספ. טעל.)

די עגיפטישע פרעסע מעלדעט פון בזשערא: אז פון תימן איז אנגעקומען אנ'אביסינישע דעלע־גאציע, וואס האט די אויפגאבע צו שליסען א בונד מיט'ן קעניג איבן סאאוד לויט'ן מוסטער פון בונד, וואס איז ערשט געשלאסען געווארען אין אדיס־אבעבא צווישען אביסיניען און תימן.

הזכרה

זונטאג, דעם 17-טען נאוועמבער ד. י. 12 א זייגער בייטאג קומט פאר אויפ'ן בית-החיים א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה פון מיין אונפערגעסליכע פרוי און טייערע מוטער

נ״ע חי׳ אשת ר׳ יחזקאל נ״י

פאסמאניק

אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

מאז, זוהל און פאמיליע.

אונזער ווארט

הונגער-שטרייקען

אין דער לעצטער צייט קומען ווייטער אן ידיעות פון ארץ־ישראל וועגען א פערשארפטער אקציע געגען די אזוי גערופענע „אומלעגאלע עולים. מען ארעסטירט, זעצט איי אין תפיסה און מען שיקט ארויס פון לאנד מענשען, וואס זייער איינציגער חטא בעשטעהט אין דעם, אז אנטלויפענדיג פון די לענדער וואו זיי ווערען פערפאלגט און וואו עס ווערט ביי זיי צוגערויבט די לעצטע עקזיסטענץ מעגליכקייט, האבען זיי געהאפט צו געפינען א מקום מקלט אין דעם לאנד וואס איז דורך ענגלאנד און דער פעלקער־ליגע פראקלאמירט געווארען אלס די צוקונפטיגע יודישע נאציאנאלע היים. אין אופן פון פערזוירקליכען דעם דאזיגען צוזאג לגבי דעם יודישען פאלק, האט גרויס בריטאניען איהרען וועגען און שיטות, וואס בעשטעהט צי מיר וועלען עס יא אדער נישט מודה זיין, קודם-כל אין דער זארג פאר די ענגלישע אינטערעסען אויפ'ן נאהענטען מזרח. צום בע־דויערען איז עס אזוי און מיר קענען דערין גאר־נישט ענדערען. דערפון נעהמט זיך אויך דער כסדר'דיגער זיגזאג אין דער פאליטיק פון דער ארץ־ישראל רעגירונג. דערפון נעהמט זיך אויך די פערפאלגונגען פון די „אונלעגאלע", וואס חזרן זיך איבער פערי־אדיש, דאס אריינזעצען זיי אין תפיסה און אלס רעזולטאט דערפון די הונגער־שטרייקען.

דאס דאזיגע לעצטע געוועהר פון די הילפלא־זעסטע, האט שטענדיג אין דער גאנצער וועלט געהאט ערפאלג. דאס מענשליכע געוויסען איז שטענדיג גערירט געווארען פון פאקט, אז א מענש ענטשליסט זיך בעסער אויסצוגעהן פון הונ־גער איידער ווייטער צו איבערטראגען די ליידען און דערנידריגונגען, וואס זיינע מיט מענשען טון איהם אן. אבער נאר די ארץ־ישראל־רעגירונג בלייבט קאלט צום דאזיגען פאקט. און מערקווירדיג איין זאך איז נאר אימשטאנד ווייכער צו מאכען דאס הארץ פון דער ארץ־ישראל אדמיניסטראציע — געלד!

אויב פאר די ארעסטירטע ווערט אריינגע־טראגען א קויציע, בעפרייט מען זיי פון תפיסה ביז צום משפט. זעהט אויס אז די ארץ־ישראל אדמיניסטראציע וויל נאך מעהר פערגרעסערען די בודזשעט עודף'ס און די הונגער־שטרייקען פון די אומגליקליכע „אומלעגאלע" וועלען ווערען א קוואל פון הכנסות פאר דער ארץ־ישראל רעגירונג, ווייל ווי קען מען דען אנדערש פערשטעהן די פאדערונג פון דער ארץ־ישראל אדמיניסטראציע.

און דער ישוב? לויט די לעצטע ידיעות האלט דער נייער יודישער ישוב נישט שטארק פון דער מצוה פון פדיון שבויים.

ב.

„קרן=היסוד" לאדז.

מיטוואך, כ״ד מרחשון, דעם 20/11, 8.30 אוונט

פייערליכע ארץ-ישראל=אקאדעמיע!

פילהארמאניע=זאל נארוטאוויטשא 20.

צום 15=טען עקזיסטענץ=יובילעאום פון קרן=היסוד.

מיט א רעדע אויף ד. ט.:

„15 יאהר קאנסטרוקטיווע אויפבוי=ארבייט אין ארץ=ישראל"

וועט ארויסטרעטן

דיכטער ליב יפה

הויפט=דירעקטאר פון קרן=היסוד אין ירושלים.

איינטריטס-קארטען שוין צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא, שרודמיעסקא 29.

נארוט. ישש 20 — זאל פילהארמאניע — נארוטאוויטשא 20

מארגען שבת, דעם 16 נאוועמבער 10 פריה קומט פאר א גרויסער

ארבייטער=מיטינג

אמנעסטיע!

א. ד. ט.

ארויסטרעטן וועלען די ח. ח. ה. ערליך, ל. האניגוויל, ג. נאוואגרודזקי (ווארשע), ש. מילמאן און ס. גוטקאוויטש.

בילעטן צום פרייז פון 25 גר. און 40 גר. שוין צו בעקומען אין די פראפ. פער-אייניגן אבראמאוויטש 9 און „קולטור-ליגע" זאכאדניע 68 און אין פארטיי-לאקאל, פיעטריקאווער 10.

ארויסגעגעבן פון „בונד".

אכטונג, שטריקער=פאבריקאנטען!

די אלע שטריקער, וועלכע האבען געליטען ביי דער פירמע

ראזענפעלד, נאוואמיעסקא 7

ווערען אויפגעפאדערט צו קומען אין אייגענעם לאקאל פיל-סודסקיעגא 69 זונטאג, פינקטליך 4 א זייגער נאכמיטאג, וועגען אננעמען מיטלען געגען דער בייזוויליגער פליטה פון דער אויבענדערמאנטער פירמע.

די פערוואלטונג.

צו דער עפענטליכקייט!

אזוי ווי איך האב מיר געבארגט ביים הויז-אינהאבער און אייגענטימער פון גלאז=געשעפט, פילסודסקיעגא 32

שלמה דלוזשניעווסקי

5.500 זלאטיס איינלייגענדיג ביי איהם אלס משכן א הויז אין דער ווערט פון 55 טויזענט זל. און איך האב איהם געוואלט דאס געלד צוריקגעבען, און פאדערענדיג איהם צו א דין=תורה, האט ער נישט געוואלט געהן, אויף וואס איך האב ארויסגעקריגען א סערב פון ראבינאט, האט ער אויף אלעם נישט געלייגט קיין אכט און האט מיין הויז פערקויפט צו א קריסט און מיך איגנאנצען רואינירט. איך גיב איהם צייט אז אין פערלויף פון 3 טאג זאל ער מיר צוריקגעבען מיין הויז אין געגענטאלס נעם איך אראפ מיר יעדע פעראנטווארט-ליכקייט פאר די ווייטערדיגע פאלגען מיט אכטונג

יצחק ווייבטרויב

Z intencji zaślubin naszej współpracowniczki

p. **Tosi Klarówny**

z p. **Markusem Feldmanem**

życzymy pomyślności i dużo szczęścia w przyszłości.

Państwo Zyzek
i Personel F-my Zyzek

אונזערע פריינד

ה' נאטאן סלאדקעוויטש און פרוי

צום געבורט פון זייער

זוהנעלע

ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גרינגע דערציהונג.

פאמיליע רייך.

דעם חבר

מ. סטריקאווסקי

צו זיין תנאים

מיט פרל. סאלא ברייטשטיין

די הארציגסטע ווא‏ונשען.

ב. זילבערבערג און פרוי

מיין פריינד

ה' מארקוס סטריקאווסקי

צו זיין פערלאבונג מיט

פרל. סאלא ברייטשטיין

ווינשט א הארציגען מזל-טוב

מ. ד. האמבורסקי

יוד. דעמ. פאלקס=פארטיי אין לאדז

שבת, ד. 16 ד. ח. 8 אוונט קומט פאר אין לאקאל פון דער האנדווערקער-עקספאזיטור, פיעטריקאווער 20

א גרויסער פאלקס=מיטינג

כאאס אין יוד. געזעלשאפטליכן לעבן

מיט רעפעראטן וועלן ארויסטרעטן די ח"ח: אדוו. יוסף ווייצמאן (בעריכט פון ב. שטאט-ראט), ראטמ. כארי, פ. גלאטמאן און מגר. באלבערישסקי מ. (בעריכט פון דער קהלה-טעטיגקייט פון דער פאלקיסטישער פראקציע). איינטריט פריי!

ראט פון דער יוד. דעמ. פאלקס-פארטיי אין לאדז.

די פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט צו פלעגען קראנקע

„בקור חולים" און דער קאמיטעט „אוזדראוויסקא"

מאכען בעקאנט, אז פון דעם 15 נאוועמבער ביז'ן 31 דעצעמבער 1935 וועלען פארקומען הזכרות אין דער סינאגאגע פון דער געזעלשאפט אויף פלאץ וואלנאשטשי 10, צו וועלכע עס ווערען איינגעלאדען קרובים, פריינד און בעקאנטע לויט פאלגענדען סדר:

דאטע	צייט			נאמען
ד. 19 ד. ח.	7.30	פריה	נאך נ״ע	משה שטערניק
„ 19 „	7.30	„	„ „	יוסף און פאולינא ווייאלנד
„ 21 „	12	בייטאג	„ „	זשאנעט גאנסקא
„ 21 „	12.30	„	„ „	שרה שיקער און גוסטאוו האלבער
„ 21 „	1	„	„ „	ש. וו. שערעשעווסקי
„ 21 „	1.30	„	„ „	יאקוב זינגער
„ 22 „	7.30	פריה	„ „	פייגע זשורקאווסקא
„ 22 „	7.30	„	„ „	ד״ר. סטאניסלאוו קרול
„ 24 „	12 30	בייטאג	„ „	וואלף בראדאטש
„ 28 „	7.30	פריה	„ „	יוסף לעווינזאן
„ 28 „	7.30	„	„ „	יצחק ציגאמאן
„ 28 „	12.30	בייטאג	„ „	בראניסלאוו גאלדבוים
„ 29 „	7 30	פריה	„ „	איזאק אבראמאוויטש
„ 2 דעצ.	7.30	„	„ „	אויגוסט בארוך
„ 4 „	7.30	„	„ „	ביילע מיקלושאנסקא
„ 4 „	12 30	בייטאג	„ „	פאלא שיקער
„ 5 „	7.30	פריה	„ „	פינקוס זמיגראד
„ 8 „	12.30	בייטאג	„ „	דר. ישראל מארגאליס פערוו. מיטגל.
„ 8 „	1	„	„ „	דארא שפאראג
„ 10 „	7.30	פריה	„ „	בנימין מיקלושאנסקי
„ 10 „	12.20	בייטאג	„ „	בערטא ראבינאוויטש
„ 11 „	7.30	פריה	„ „	יוסף לאנדוי פון ווארשא
„ 12 „	12.30	בייטאג	„ „	דוד שמולאוויטש
„ 13 „	7.30	„	„ „	ווילהעלם גלאזער
„ 14 „	10	פריה	„ „	י. מ. ברעסלער
„ 16 „	12.30	בייטאג	„ „	מארקוס שיקער
„ 17 „	7 30	פריה	„ „	מענדעל לעווין
„ 18 „	12.30	בייטאג	„ „	ס. מ. בארוך
„ 18 „	1	„	„ „	איזידאר שיקער
„ 19 „	7.30	פריה	„ „	לעאן פיליכאווסקי
„ 19 „	7.30	„	„ „	פעליציא נויפעלד
„ 19 „	7.30	„	„ „	יאקוב פאפיערנא
„ 20 „	7.30	„	„ „	אברהם דוד זויבערמאן
„ 20 „	7.30	„	„ „	גיטעל סערעיסקא
„ 20 „	12 30	בייטאג	„ „	בעטי פיינער
„ 22 „	7 30	פריה	„ „	אויגעניא קראנגאלד
„ 23 „	7 30	„	„ „	בנימין האלפערן
„ 26 „	7.30	„	„ „	רישיא קאפעל
„ 26 „	12 30	בייטאג	„ „	מאריא גוטמאן געב. זילבערשטיין
„ 27 „	12.30	„	„ „	לודוויק גוטמאן
„ 29 „	7.30	פריה	„ „	ח. י. קאדיסאן
„ 29 „	7.30	„	„ „	משה זשורקאווסקי
„ 29 „	12	בייטאג	„ „	אדאלף וואהל
„ 29 „	12.30	„	„ „	קאראל מארקסאן
„ 29 „	1	„	„ „	איגנאצי וויינבערג
„ 29 „	1	„	„ „	אברהם נוסבוים
„ 30 „	12.30	„	„ „	ניוטא וואלקאווסקא געב. זילבערשטראם

שפארט געלד

דורך קויפען רעיעלע סחורה

צו די בילינסטע פרייזען

לאזט זיך נור ביי דער פירמע

„בארווין"

לאדז, נאוואמיעסקא 30 טעל. 210-58

וועלכע איז די איינציגע

בילינע און רעיעלע קוועלע

פון גוטען קידוש=וויין

ביז די געשמאקסטע פאלעסטינער, אונגארווייינען, ווי אויך אלע סארטען ליקיער, בראנפען'ס און מעהד

געדענקט, ## שטשענשליווי

ביי

צום ווינטער-סעזאן. א גרויסער אויסוואהל פון

ארגינעלע בילינער און טאמאשאווער סחורות

אויף אנציגער און פאלטענס

פון די בעסטע קוואליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען

מיט 30% בילינער

קומט און איבערצייגט אייך!

R. Szczęśliwy

לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5

טעל. 156-09.

נעדענקט פראנט II שטאק.

בעקאנטמאכונג

היינט פרייטאג, דעם 15-טען נאוועמבער ווערט ערעפענט די נייע

טאנץ=שולע

פון בעוואוסטען טאנץ-לעהרער

ב. לייבאוויטש,

66 זאכאדניא 66

עס ווערען אנגענומען לעקציעס איינצעלנע און גרופען.

די איינשרייבונגען קומען פאר יעדען טאג פון 10 ביז 2 און פון 4 ביז 10 אוונט.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער

פאמיליע מילנער

צוליבן פריצייטיגן טויט פון זייער אונפערגעסליכן מאן און פאטער

נ״ע

אברהם מאיר מילנער

זייט געטרייסט מיט די ווערטער המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

דאס פערסאנאל פון דער היט=פאבריק **א. מ. מילנער** פיעטריקאווער 28.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער שווערגעטראפענער

פאמיליע מילנער

צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכע מאן און פאטער

נ״ע

אברהם מאיר מילנער

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

פאמיליע ליבראך

וויכטיג פאר מענער!

דער לאנג-עקזיסטירענדער לאדזער ערשטקלאסיגער ספעציאליסט פון הויזען איז צוריקגעקומען פון פאריז.

ווער עס וויל טראגען הויזען לויט דער לעצטער מאדע דארף זיך ווענדען נאר צו דעם ספעציאליסט פון הויזען.

B. FAJWLEWICZ אלעע 1. מאי 2, פראנט, 1. שטאק

רעקלאמע פרייזען!

קומט און איבערצייגט אייך!

אנפאלן אויף יודישע סטודענטן
אויף די לעמבערגער און ווילנער הויכשולעס

לעמבערג, 14 (יט"א טעלעגראַפיש)

היינט זענען אויף דער לעמבערגער אוניווערזיטעט אין פּאָליטעכניקום אויסגעבראָכן אַנטי־יודישע עקסצעסן. אַ גרויסע צאָהל יודישע סטודענטן זענען פֿערוואונדעט געוואָרען, בלויז אויפ'ן פּאָליטעכניקום זענען שווער פֿערוואונדעט געוואָרען 10 יודישע סטודענטן.

בעפאלען און געשלאגן יודישע סטודענטן אין ווילנע

ווילנע, 14

אַרום 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג איז אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע פֿון ווילנער אוניווערזיטעט ראָג נאָוואָגראָדער און סלאָוואַצקי־גאַס איז אַריין אַ גרופּע פֿון אַ מאַן 30 סטודענטן (כמעט אַלע צוהערער פֿון יורידישען און מעדיצינישען פֿאַקולטעט.

די סטודענטן האָבען אַלע געטראָגען אויפגעשטעלטע קאָלנערס פֿון זייערע מאַנטלען און די היטלען זענען ביי זיי געווען פֿעררוקט ביז איבער די אויערן. איבערן קאָרידאָר זענען זיי געגאַנגען שטיל, ווען זיי זענען אַריין אין צימער פֿון לאַבאָראַטאָריע האָט די סטודענטן האָבען געאַרבייט, האָבען זיי מיט אַ געשריי: „נידער מיט די יודען!" זיך געוואָרפֿען אויף די יודישע סטודענטן און גענומען זיי שלאָגען. זיי האָבען געבראָכן די אינסטרומענטן און געגאָסען אויף די יודישע סטודענטן פֿליסיגקייטן וואָס צוברענען די מלבושים.

די יודישע סטודענטן זענען אַרויס אויף דער גאַס. ס'איז געוואָרען אַ טומעל. מען האָט אָנגעקלונגען אין קאָמיסאַריאַט, פֿון וואַנען ס'זענען אָנגעקומען עטליכע פּאָליציאַנטן. די כוליגאַנעס, אָפּטועדיג זייער שטיקעל אַרבייט זענען אַוועק. עס האָבען געליטען די סטודענטן פרענסקי, אשקענאַזי און שניירסאָן.

אַ ביסעל שפּעטער זענען אָנגעקומען דער רעקטאָר סטאַניעוויטש און דער פּראָרעקטאָר פּאַטקאָזוסקי. זיי האָבען זיך אינפֿאָרמירט וואָס דאָרטען איז פֿאָרגעקומען און פֿערזיכערענדיג, אַז איצט וועט שוין זיין רוהיג האָבען זיי אויפֿגעפֿאָדערט די יודישע סטודענטן זיך אומצוקעהרען צו דער נאָרמאַלער אַרבייט. די יודען האָבען ערקלעהרט, אַז זיי קענען זיך נישט שטעלען אַרבייטען צוזאַמען מיט איינעם וועלכער האָט מיט אַ ווײַלע פֿריהער צוגעהאָלפֿען די אָנקומענדיגע שלאָגען די יודען. דער רעקטאָר האָט זיך געפֿרעגט ווער דאָס איז. די יודישע סטודענטן האָבען אָבער ערקלערט, אַז זיי ווילען נישט דענונצירען. אויב יענער פֿערמאָגט עפּעס אַנ'עהרען־געפֿיהל דאַרף ער האָבען דעם מוט און זיך אַליין אָפּרופֿען. דער שלעגער האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופֿען. אַרום 6 אַ זייגער איז די אַרבייט ווידער אַוועק נאָרמאַל.

היינט ווערען אָנגענומען דעקרעטען וועגען העכערן דעם הכנסה־שטייער

וואַרשאַ, 14 (טעלעפֿאָניש)

די זיצונג פֿון מיניסטאָרען־ראַט אויף וועלכער עס וועלען אָנגענומען ווערען נייע דעקרעטען זי אויף דעם פּרעלימינאַר בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1936/37 ווערט פֿאָרקומען מאָרגען 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

אויף דער דאָזיגער זיצונג וועלען אָנגענומען ווערען די דעקרעטען וועגען העכערען דעם הכנסה שטייער, פֿערקלענערען די אינוואַלידען־רענטעס און די עמעריטורען.

ציוניסטישער צ. כ. אינטערווענירט וועגען די שוועריגקייטען ביים ענגלישען קאָנסול אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 14 (יט"א טעלעפֿאָניש)

דער צ. ק. פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילען, האָט אַרויסגעשיקט אַ דרינגענדע ווענדונג צו דער עקזעקוטיווע פֿון דער יודישער אַגענץ אין ירושלים, אין צוזאַמענהאַנג מיט די שוועריגקייטען, וואָס דער ענגלישער קאָנסול אין וואַרשאַ מאַכט די טוריסטען.

אין דער ווענדונג ווייזט דער צ.ק. אָן, אַז אַזעלכע התחייבות'ן וואָס עס פֿאָדערט איצט דער קאָנסול איז געגען געזעץ און נישט בערעכטיגט.

צוריקגעגעבען דעם פּאַס דעם פּרעזעס פֿון דער בערלינער יודישער קהלה

בערלין, 14 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

מיט אַנ'ערך 3 חדשים צוריק, האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען דעם פּאַס ביים פּרעזעס פֿון דער יודישער קהלה, היינריך שטאַהל, אַזוי אַז עס איז איהם אונמעגליך געווען צו פֿערלאָזען דייטשלאַנד. נעכטען האָט שטאַהל צוריקבעקומען דעם פּאַס.

400 יודישע דאָקטוירים פֿון דייטשלאַנד פֿאָהרען אַרויס קיין ארץ־ישראל

בערלין, 14 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

צוליב די ערוואַרטענדע אויספֿיהר־בעשלוסן פֿון די נירענבערגער־געזעצן, צוליב וואָס ס'וועט בעשטערט ווערען דאָס לעבען פֿון יודישע דאָקטוירים אין דייטשלאַנד זענען שוין 400 יודישע דאָקטוירים אַרויסגעפֿאָהרען קיין ארץ־ישראל נאָך איידער ס'טרעטען אַריין אין קראַפֿט די נייע בעשטימונגען.

בעפרייט 13 פּוילישע יודען, וואָס זענען געווען אַרעסטירט פאַר „ראַסען־שענדונג"?

בערלין, 14 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

די געסטאַפּאָ האָט בעפֿרייט פֿון דער תפיסה 13 פּוילישע בירגער יודען, וואָס זענען געווען אַרעסטירט פֿאַר „ראַסען־שענדיגונג". געשעהען איז דאָס צוליב די אינטערווענץ פֿון דער פּוילישער געזאַנדשאַפֿט.

פֿון אַנדערע קוועלען בעקומט מען וועגען דעם דאָזיגען ענין פֿאָלגענדע דעפּעשע:

בערלין, 14 (ספּ. טעל.)

צוליב דער אינטערווענץ פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין בערלין, האָט דאָס דייטשע אויסערן מיניסטעריום בעוואויגען די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אַרויסצולאָזען פֿון תפיסה 13 יודען פֿון פּוילען, וועלכע די דייטשע פּאָליציי האָט מיט דריי טעג צוריק אַרעסטירט אונטערן פֿאָרוואורף פֿון נישט לעגאַלע האַנדעלס אָפּעראַציעס.

אייער באגאזש ארץ־ישראל
ווערט אפגענומען פון דערהיים און צוגעשטעלט קיין
PRZEDBORSKI, KOLNER i S-ka, Łódź, Sienkiewicza 6 דורך
ביליג און שנעל. קלינגט טעל. נומערן 129-25 און 247-75

Bar „Ala Fourchette"
PIOTRKOWSKA 62, tel. 183-64 ביז 2 ביינאכט.
ארדענט־איין
א רעקלאמע־חודש
א מיטאג פון
3 פאַרובקעס מיט קרויט 30 גר.
1 גרויסע וואורשט 60 גר.
1 זל.
א גלאז טיי מיט א $\frac{1}{2}$ גלאז גלי ווין 25 גר.
פריי געבעקס!
קומט און איבערצייגט אייך

L. ODERBERG
שיך־סאלאן
דער בעוואוסטער נייער עפענטער
33 פיעטריקאווער 33 (פריער פיעטריקאווער 17)
עמפעפעהלט צום יעצטיגען סעזאן די לעצטע מאדעלען שיך

Dr. SZUMACHER
Choroby skórne i weneryczne
przyjmuje od 9—1 i od 5—9-ej
ul. Piotrkowska 56
tel. 148-62.

אויערן, נאז און האלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוזאַמ... אפעראציע א. ז. וו., ווי אויך אמבולאַ... טאָרישעס פון 9-2 און פון 4-8 אוונט.

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינדין
פרל. נחה מארגענשטערן
מיט ה' עזריאל יצחק מושער
ווינשען מיר פיל גליק און עוויגעס צופרידענהייט.
יעקב פיינענבוים.

דאנקזאגונג.
דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק דעם פערוו. מיטגליד פון בלעכער־צעך
ה' חיים גאלדמאן
ווי אויך דעם סטארשי
ה' סענדעראוויטש
פאר זייער מיטווירקען, אז איך זאל ארויסבעקומען א האנדווערקער־קארטע.
מיט אכטונג
מ. האכנעלערנטער.

צו דער חתונה פון אונזער ליבע קוזינקע
פרל. מאניא ווארזאק
מיט ה' אבראם ראזענבערג
ווינשען מיר א הערציגען מז"ט און א גליקליכע צוקונפט.
יחיאל בארובקא און פרוי

טיכטיגע
זעצער און בוכבינדער
ווערען געזוכט אין די גראפישע אנשטאלטען פון
A. J. Ostrowski, S-cy
צו מעלדען זיך צווישען 9—11 פריה
פיעטריקאווער 55.

דאס בעוואוסטע
טוך־ און קארט־געשעפט פון
M. TAZBIR
לאדז, פיעטריקאווער 23, פראנט II שטאק טעל. 226-39
טיילט מיט, אז צום קומענדען הערבסט־ און ווינטער־סעזאן בעזיצט איך אויף לאגער א גרויסן אויסוואל פון די נייעסטע און מאדערנסטע
הערען און דאמען־שטאפען
פון די בעסטע ביליצער און טאמאשאווער סחורות
צו די ביליגסטע פרייזען.
ספעציעלער אויסוואל פון רעשטן וואס מען פערקויפט מיט 30% ביליגער
געדענקט די אדרעס!
רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג!

בהלה אויף דער געלד־בערזע אין בערלין

אקציעס פון די גרעסטע אונטערנעהמונגען פאלען מיט 30 פונקטען

בערלין, 14 (יט"א טעלעגראפיש)

די פאניק אויף דער געלד־בערזע פערשטארקט זיך מיט יעדען טאג. די קורסען פון אלע אקציעס פאלען כסדר. אפילו פון די גרעסטע אונטערנע־מונגען, וואו די אקציעס זענען געפאלען מיט 30 פונקטען.

די לעצטע טעג האט געמאכט א שטארקען רושם דאס פאלען פון די אקציעס פון דער בע־וואוסטער פירמע סימאן האלסקע געפאלען מיט 30 פונקטען. די פירמע א. ע. ג. (אלגעמיינע עלעק־טריציטעטס־געזעלשאפט) מיט 33 פונקטען. אנדערע אקציעס זענען נאך מעהר געפאלען.

היינט ווערט פערעפענטליכט דער דעקרעט וועגן דירה-געלד

ווארשא, 14 (טעלעפאניש)

אין „דזשענניק אוסטאווו" פון 15 ד. ח. ווערט פערעפענטליכט דער דעקרעט פון מלוכה פרעזידענט וועגן דער רעדוקציע פון דירה-געלד, ווי אויך די ענדערונגען אין געזעץ וועגן לאקא־טארען שוץ.

אין די שוין בעקאנטע פונקטען פון געזעץ דארף נאך צוגעגעבן ווערן, אז די קליינע וואוי־נונגען, וואס זענען ענטשטאנען דורך דעם איבערבוי פון גרעסערע וואוינונגען נאך דעם 1־טען דעצעמ־בער 1935 וועלען נישט אונטערליגען דעם לאקא־טארען־שוץ.

דאס קינדיגען וואוינונגען און לאקאלען וואס ווערן אויסגעשלאסן פון געזעץ וועגן לאקאטא־רען־שוץ קען נישט פארקומען אין א פריהערדיגען טערמין ווי: פאר וואוינונגען אויף דעם 30 יוני 1936, פאר אינדוסטריע און האנדעלס-לאקאלען אויף דעם 30 סעפטעמבער 1936.

א ויסגעלאסטעוועטע באנעס פון אינוועסטיציע-פאנד

ווארשא, 14 (טעלעפאניש)

עס זענען אויסגעלאסטעוועט געווארען די באנעס פון אינוועסטיציע פאנד, וואס זענען בעצייכענט מיט די נומערן 16,546, 21877, 27611, 29634, 34422, 34518 און 36480 אין אלע 10 סעריעס. די אויסגעלאסטעוועטע באנעס ווערן אויסגעקויפט דורך די קאסעס פון די שטייער אמטען צו 100 זל. פאר א 25-זלאטע באן.

שטאהל פון דייטשלאנד קיין אמעריקא

שארפער פראטעסט פון דער אמע יקאנער פרעסע

ניו־יארק, 14 (יט"א טעלעגראפיש)

די אמעריקאנער פרעסע טרעט ארויס מיט שארפע פראטעסטען געגען דער ידיעה, אז פון דייטשלאנד האט מען ארויסגעשיקט קיין אמעריקא 5000 טאן שטאהל אויף צו פעריכטען א בריק.

ספּעציעלע קאמיסיע פארשט די טרומנע פון מארש. פּילסודסקי

קראקא, 14 (ספ. טעל.)

א ספעציעלע קאמיסיע אונטערן פארזיץ פון גענעראל רופערט, האט היינט פעסטגעשטעלט, אז די שימעל, וואס האט זיך פריהער ארייבעקומען אין מונדיר פון מארשאל פילסודסקי, צוליב דעם וואס די פריהערדיגע זילבערנע טרומנע איז נישט געווען הערמעטיש פערמאכט איז שוין פולשטענדיג בעהערשט געווארן, אזוי אז איצט האט מען זוין נישט פעסטגעשטעלט קיין שום שפור פון שימעל. דער באלזאמירונגס צושטאנד איז א גלענ־צענדער.

די נאבעל-פרעמיע פאר ליטעראטור איז נישט פערטיילט געווארע?

שטאקהאלם, 14 (ספ. טעל.)

די נאבעל-פרעמיע פאר ליטעראטור איז אין לויפענטען יאהר נישט פערטיילט געווארען. די פער־טיילונג איז אפגעלעגט געווארען אויפ'ן קומענ־דיגען יאהר.

די נאבעל פרעמיע פאר פיזיק האט בעקומען דער פראפעסאר טשעדווין פון קעמברידזשער או־ניווערזיטעט.

Doktór
Z. Henrykowski
ספעציאל-ארצט פאר ווענערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוואכע
9 טראוגוטא 9
טעל. 262-98
נעהמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אוונד.
זונטאג פון 9 פריה ביז 12.30 ביטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייז!

Dr.
B. Robinzon
אינערליכע קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען
אויף 10 פאמארסקא 10
פראנט ll שטאק, טעל. 131-86
נעמט אן פון 6 ביז 8 אוונד.

Dr.
R. Zaclwasser
כירורג
צעגעלניאנא 19, טעל. 125-17
נעמט אן פון 1—2 און פון 4—6.30.

Dr.
Wołkowyski
ציגעל-גאס 11, טעל. 238-02
ספעצ. פאר טריפער, סיפילים און הויט-קראנקה.
בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע
נעמט אן פון 8—11 בייטאג און פון 4—9 אוונד.

מאדערנע דאמען-שיך
אין נייסטע קוואליטעט בעקומט מען נור ביי
A. Ogórek
Łódź, Zawadzka 11
tel. 202-86
בעמערקונג: א ספעציעלע אפטיילונג פון מענער-שיך

א דרוק-מאשין
פארמאט 100x70
אין גוטען צושטאנד, פון זאפארט
פרייזווירדיג צו פערקויפען
אפערטען אונטער „דרוק-מאשין" אין אדמיני. פון דער צייטונג.

בעקאנטמאכונג.
א בשורה טובה
פאר די לאדזשער מחותנים
נאך א גרינדליכען רעמאנט איז ערעפענט געווארען אונטער פעכמענישער אויפזיכט
אויף 5 וואולטשאנסקא 5
א זאל אויף חתונות
און פערלאבונגען נור 10 זל.
מיט א שיינעם מענער-זאל
מיט א גרויסע היגיענישע כשר'ע קוך געפירט לויט די נייעסטע ארט. נייע מיט־בעשטעק אויך קוכען-געשיר. ...
מיט אכטונג די אינהאבער.

האנטווערקער-פעריין אין דער פויל. רעפובליק
אפטיילונג אין לאדז, ציגעל-גאס 4
מארגען שבת, דעם 16 ה. ח. פינקטליך 5 נאכמ.
קומט פאר אין בערלינער זאל, זאכאדניא 26
א גרויסער מיטינג
פון האנטווערקער און באלעבאטים
א.ד.ט.: „אלע ארעמע האנטווערקער און באלעבא־טים ארייגן אין אונזער פעראיין!"
ארויסטרעטען וועלען די חברים: מ. אזשעך (ווארשע), ש. מילמאן, י. בערקאוויטש. ה. גאלדבערג. מ. גייסט, י. גרינבוים. מאררכע מענער-מאגאזין
די פערוואלטונג.
בילעטען צום פרייז פון 30 גראשן צו בעקומען ביים אריינגאנג

קירזשנער-אטעליער פון
א. קלאר
8 נאוואמיעסקא 8
נעהמט אן זאמטליכע
פעלץ-אויסארבייטונגען
לויט די לעצטע מאדעלען צו די ביליגסטע פרייזען.
ס'ווערען אויך אנגענומען סקאנקס צו פארבען.
ערשטקלאסיגע אויספיהרונג.

עלעקטרישע מאטארען נייע און געניצטע
פערקויף און אויסטויש — אויסבארגונג פון מאטארען
רעפעראציאנס-ווערקשטעל
רעפעראטור און איבערוויקלונג פון זעמטל. עלעקטרישע מאטארען
אינסטאלאציעס פון קראפט און ליכט
שנעלע און סאלידע אויספיהרונג
Inż. S. LEBENHAFT, ŁÓDŹ
Wólczańska 35, tel. 205-59.

ליטאגראפישע דרוקזאכען
אין גרעסערע קוואנטומס פערטיגט אוים די ליטאגראפיע
ר. דיאמענט
קיליגסקיעגא 63, טעל. 188-76

DR. MED.
H. KRAUSKOPF
אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
זגערזשער 15, טעל. 113-47
נעמט אן פון 8.30 ביז 10 אינדערפריה און פון 4 ביז 8 אין אוונד.

Dr. med. M. TAUBENHAUS
ספעציאליסט
פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
פערהיטונג נעגען שוואנגערשאפט
זגערזשער 11. טעל. 246-09
נעמט אן פון 4—8 אוונד.

Dr. med. H. HAMMER
ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
וואוינט יעצט
11 listopada 32 (róg Gdańskiej)
Telef. 128-39 טעלעפ.
נעמט אן פון 3 ביז 7 אוונד.

Dr. med.
P. Braun
ספעציאליסט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען
וואוינט יעצט פיעטריקאווער 81
טעל. 100-57.
נעמט אן פון 8—1 און פון 4—8 אוונט

Dr. med. I. Bette
ספעציאליסט פאר אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
PIOTRKOWSKA 6 tel. 144-95
נעהמט אן פון 8—11 און פון 4—6 אוו.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
שערפּיעז 37 (בענעדיקטא) 6.
נעמט אן פון 5—7 נאכמ.

Dr. J. Lubicz
כירורג און ארטאפעד
צוריקגעקעהרט
9 פאלודניאווא 9
טעל. 183-17.

לעטשניצע
פאר וועגערישע קראנקע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
לאדז, זאוואדזקא 1
טעל. 122-78
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונד.
וענערישע-קראנקע, מענער־שוועכע און הויט-קראנקהייטען
אנאליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאציע
אין טעטיג א גאנצען טאג לעת
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל
א בעראטונג 3 זל.

Dr. W. Łagunowski
spec. chorób wenerycznych seksualnych i skórnych
(Gabinet Roentgeno- i światło leczniczy)
Piotrkowsk 70, tel. 181-83.
Przyjmuje: od 8.30 do 10.30 rano, od 1-ej do 2.30 pp. i od 6 do 8.30 wiecz. w niedzielę i święta od 10—1.

ד"ר
ל. שיפמאן
איז ארויסגעטרעטען פון דער לעטשניצע
בזשעזשינער 11
און נעהמט אן ביי זיך אינדערהיים
זאכאדניא 64
פון 4 ביז 7 אוונד.

צאהן-ארצט
M. URBACH-KWALOWA
10 פאמארסקא
נעהמט אן פון 11—2 און 4—7 אוונד.

Dr. Justman
וואוינט יעצט
8 NAWROT 8
telef. 138-99

ד"ר העללער
ספעצ. פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע
8 טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונט
זונטאג פון 10—2 מיטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייז

Dr. J. Herszfinkiel
ספעצ. פאר קינדער-קראנקהייטען
נעהמט אן ביי זיך זשעלאנא 8a
טעל. 111-87
ווי אויך אין לעטשניצע „פאמאץ" אלעקסאנדראווסקא 1.

Dr. med.
G. Wegmajstrowa
18 Sródmiejska 18
tel. 246-58
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
נעמט אן פון 5—7 נאכמיטאג.

Dr. med.
G. GERSZTAJN
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
Traugutta 12, tel. 175-10
נעמט אן פון 11—2 און פון 5 ביז 8.30

Laboratorjum analiz lekarskich
„SANITAS"
Wólczańska 41, tel. 232-94
פיהרט אויס אלע ארט אנאליזען פון בלוט, אורין, פלעגמע א. א.
אויפ'ן טעלעפאנישען פערלאנג שיקען מיר נאך מאטעריאל און שיקען אפ די אנאליזען אהיים

Dr. med.
W. Łaski
ספעציעל אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
2 פאלודניאווא 2
און נעמט אן נור 2 שעה פון 11—1 בייטאג
אויף נייערם מארק 3/4
Piac Reymonta 34.

זאל פילהארמאניע טעלעפ. 213-84

ווילנע איז לאדז!

די לעצטע 3 גאסטשפילן פון וועלט-בארימטן ווינער אנסאמבל, וואס בעשטעהט פון 25 בע-רימטסטע וועלט-ארטיסטן, ווי אויך פון די שענסטע ווינער פרויען מיט די קעניגין פון די קאמיקער

Farkas i Grünbaum

און דער שפיץ.—מעלא-פאראדיסטען HANS ALBERS, FELIKS BRESSART און RICHARD TAUBER אין נייעם פראגראם אינטער'ן נאמען: „די געגנבעטע פיעסע“

אנהויב פון די פארשטעלונגען: היינט, פרייטאג, ד. 15-טען, 9 אווענד, מארגן שבת, ד. 16-טען, 4.30 נאכמיטאג און 9.15 אווענד און זונטאג, 4.30 נאכמ. און 9.15 אווענד

אויף די נאכמיטאג-פארשטעלונגען צוהנחה-פרייזען ווערט געגעבן דאס פראגראם א.ג. „א טעאטער צו פערקויפען“. בילעטן אין קאסע פון פילהארמאניע

פייערליכע שול-אקאדעמיע אין גימנאזיע

אויף פאמארסקא 46

צוליב דעם פוילישן נאציאנאלן יום-טוב

דעם 11 נאוועמבער, אין טאג פון פוילישן אומ-אפהענגיגקייטס - יום-טוב איז, לויט דער איניצ-יאטיוו פון דער „שילער זעלבסט-הילף“ אין דער פאלקס-שול און גימנאזיע ביי דער געזעלשאפט צו פארשפרייטן טעכנישע וויסענשאפט צווישן יו-דען (פאמארסקא 48), פארגעקומען א פייערליכע אקאדעמיע.

נאך א תפילה, וועלכע איז פארגעקומען אין דער איינענער שוהל און איז אפגעריכט געווארן דורכן חזן זשאלאנזש, איז אויסגעפירט געווארן פאל-גענדער פראגראם דורך די שילער פון גימנאזיע און פאלקס-שול.

מיט א מינוט שטילשווייגען איז בעערט גע-ווארן דער אנדענק פון מארשאל פילסודסקי. דאן האט דער שול-ארקעסטער געשפילט דעם פוילישן הימן.

דאן האט געהאלטן א רעפעראט וועגן „די מעשים פון די לעגיאנען און די פוילישע אומאפ-הענגיגקייט“ — רעפעראט פון שילער ראסקולקא פון דער אכטער גימנאזיאל-קלאס.

דעם ערשטן בעפעהל פון מארשאל פילסודסקי צו דער ארמעע האט אדורכגעלייענט דער שילער פון 8-טען גימנאזיאל-קלאס, דער שול-ארקעסטער האט דאן געגעבן זיין קאנצערט, וועלכער איז בעשטא-נען פון א קראנץ לעגיאנען-לידער.

דער שילער קאפער פון 8טען גימנאזיאל-קלאס האט געהאלטן א רעפעראט וועגן דעם, וואס זאגען די בעדייטענדסטע פוילישע מלוכה-מענער וועגן טאג פון 11-טען נאוועמבער. א העררליכע דעקלא-מאציע „דער פיהרער“ פון סט. אגאנאווסקי האט געפיהרט געווארן דורך דעסכאר פון דער שול. די דער פאלקס-שול, „דאס פרייהייטס-ליד“ איז אויס-געפיהרט געווארן דורך דעסכאר פון דער שול, די שילער פון דער 4-טער אפטיילונג פון דער פאור-שעכנער שול האבן דאן געלייענט א קאלעקטיווע דעקלאמאציע און די פייערונג איז פארענדיגט גע-ווארן מיט'ן מארש פון דער ערשטער בריגאדע.

די אקאדעמיע איז פארגעקומען אין גרויסן שול-זאל, וועלכער איז געווען שעהן דעקארירט. ס'זענען אנוועזענד געווען אלע לערער מיט דיר. באלין בראש.

יובל-פייערונג לכבוד פראפ. ש. דובנאוו

ארדענט איין די היגע געזעלשאפט פריינד פון „ייווא“

די ידיעה וועגן דער פייערונג פון איינעם פון די פערדינסטפולסטע יודישע געלעהרטע, פון פראפע-סאר שמעון דובנאוו, וועלכע עס ארדענט איין די היגע יודישע געזעלשאפט „פריינד פון יודישען ווי-פערשטענדליכען אינטערעס אין די קרייזן פון דער פערשטענדליכען אינטערעס אין די קרייזן פון די היגער יודישער אינטעליגענץ.

די היגע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע אינ-סטיטוציעס גרייטען זיך מאסענהאפט צו דעם אנטייל אין דעם אווענד, בכדי אויף א געהעריגען אופן צו פייערן דעם יובל פונם נעסטאר פון דער יודישער היסטאריע פראפ. ש. דובנאוו.

דער אווענד, וועלכער וועט פארקומען זונטאג דעם 17-טען ה. ח. אין לאקאל פון דער פויליש-פאלעסטינער האנדעלס - קאמער (פעטריקאווער 113) וועט פארקומען פינקטליך האלב 9 אווענד.

וועגן דובנאוו'ס גייסטרייכען לעבען און שאפען וועלען רעפערירען די ה"ה רער. י. אוגער און ד"ר פ. פרידמאן.

CASINO

אנהויב 4, 6, 8 און 10 אווענד, שבת און זונטאג — 12 בייטאג.

לעצטע טעג!

די פאנאמענאלע

GRACE MOORE

אין פילם א. נ.

מיר געהען נאך גליק

פערקלענערטע פרייזן 1.09 זל. און אויף אלע סעאנסן

שפענדען פאר'ן אנדענק - הויז

פון מארשאל יוזעף פילסודסקי

צום בוי-קאמיטעט פון מארשאל פילסודסקי-הויז, זענען אנגעקומען ווייטערע שפענדען פון פאלגענדע פערזאנען און פירמעס:

אסטאשעוויטש פון ווילעון — 2 זל. בעאמטע פון 7-טען פינאנץ-אמט — 16.40 זל. פירמע „פערום“ — 43 זל. בעאמטע פון 1-טען פינאנץ-אמט 31,75 זל. תבואה-בערזע — 1000 זל. מאג. קאשינסקי — 5 זל. מאג. אטע פון סטריקאוו — 10 זל. ארבייטער פון ווידז. מאנופאקטור 806.55 זל. (און 255 זל.) פירמע בר. נארבלין בוב און ווערנער (גלאווגע) 222.75 זל. סוחרים-פעראיין — 400 זל. בעאמטע פון 2-טען פינאנץ-אמט — 15,80 זל. מאג. וויגאנאווסקי אין לוטאוו — 5 זל. בעאמטע פון אקציז און טאבאק-מאנאפאל — 40.60 זל. ב. גראבסקי — 10 זל. מאג. באלעראווסקי פון פאב-יאניץ — 10 זל. פעראיין פון פאפיראסען-בודקעס-בעזיצער — 30 זל.

ביליגע וואכען אין „קאנסום“

די ברייטע מאסען קויפענדע דריקען אויס שטענדיג די פערוואונדערונג צוליב די אונגעוועהנ-ליך נידריגע פרייזען צו וועלכע עס פערקויפט דער איינציגער אין אונזער שטאט ווארען-הויז „קאנ-סום“ ביי דער ווידזעווער מאנופאקטור, ראקיטשי-נער 54, צופאהר מיט די טראמוואיען 10 און 6. דאס געהיימניש פון דער אויסערגעוועהנליכער בי-ליגקייט אין קאנסום בעשטעהט דערין, וואס די דירעקציע קויפט איין גרויסע פארטיעס סחורות און קאלקולירט, אז די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג זאלען האבען די מעגליכקייט איינצוקויפען די סחורות צו אונגעוועהנליך ביליגע פרייזען. איצט ארדענט איין דער קאנסום ביליגע פאר-יום-טוב וואכען, בעת וועלכע יעדער איינ-ציגער קען בעקומען אין א גרויסען אויסוואהל הערען, דאמען און קינדער-וועש, טיכלעך, בעט-איבערצוג, סעקונדא, רעשטען ווי אויך זעמטליכע ווייסע סחורות פון דער ווידזעווער מאנופאקטור פון דער בעקאנטער מארקע ק. א. צו אויסנאהמס ביליגע פרייזען.

אין אינטערעס פון יעדען איינציגען איז צו מאכען זיינע איינקויפען נאר אין קאנסום ביי דער ווידזעווער מאנופאקטור.

יובל-קאמיטעט ביי „משמרת החולים“

אין צוזאמענהאנג מיט די 30-יעהריגע פיי-ערונג פון פעראיין משמרת-החולים, איז פערגאנ-גענעם מיטוואך פארגעקומען א פערזאמלונג מיט'ן צוועק אויסצוועהלען א פייערונגס-קאמיטעט.

אין קאמיטעט זענען מצד דער פערוואלטונג אריין פאלגענדע ה"ה: י. פרעזעס, פ. רובינשטיין, שאול ברייננבארד, מ. שפיגעל, א. פאמעראנץ, א. מאזעלשיא, ב. פארבער, א. הערשקאוויטש, מ. פרינץ, מ. קאנטראוויטש, מאיר האכמאן, און מענדעל באזשיקאווסקי. מצד די דאקטוירים ארדי נאטארען, ד"ר ע. גוטמאן און ד"ר ראזענפעלד, ווי אויך דער סעקרעטאר פון פעראיין גאלדרינג.

פון דער יוגענד-סעקציע: הערש ברייננבארד, ג. קאהאן, נ. לעמעל, א. בראנד, ל. גראך, מ. ליטיואק, ל. אפעלבוים, ח. פאמעראנץ, פ. פרעצעל, א. ברייטבארד, פ. האכמאן, יעקב זילבערינג און ניסן פערענבאק, בראש פון יובל קאמיטעט די רבנים: הרב פרידעל און הרב סילמאן.

Dr. med

Sadokierski

כירורג פון ציינער און יאסלעס

Piotrkowska 164 tel. 114-20

צוריקגעקעהרט

ליקווידירט דער קאנפליקט אין די זייף-פאבריקען

(א) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט איז אויסגעבראכען א שטרייק אין די לאדזשער זייף-פא-בריקען צוליב דעם וואס די פאבריקאנטען זענען נישט נאכגעקומען די לוין-פאדערונגען פון די ארבייטער.

נעכטען זענען פארגעקומען אונטערהאנדלונגען צווישען די ארבייטער און די פאבריקאנטען און ס'איז געקומען צו אן אויסגלייך. היינט טרעטען די ארבייטער צוריק צו דער ארבייט.

משוגענע מאכט אן'אוואנטורע

אין בנין פון קרייז-געריכט

(א) נעכטען איז אין בנין פון קרייז-געריכט, צו דער פראקוראטור געקומען א געוויסע יאדוויגא בארטאשיק פון זדונסקא 12. זי האט פערלאנגט, אז מ'זאל איהר צאהלען רענטע אין דער הויך פון 160 זלאטעס, נישט האבענדיג קיין שום רעכט דער-צו. דעריבער האט זי געמאכט א מוראדיגע אוואנ-טורע. ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט איז דאס א משוגענע, די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אהיים.

געשלעג צווישען שיכורים

(א) אויף דער גאס פון 28-טען שיסער-פולק איז ענטשטאנען א געשלעג צווישען שיכורים, בעתן געשלעג זענען פערוואונדעט געווארן מיט מעסערס דער 22-יעהריגער וואצלאוו און 18-יעהריגער סטא-ניסלאוו בעדנארעק.

די פאגאטאוויע האט זיי ערטיילט הילף.

איינער זיך אויפגעהאנגען, דער צווייטער זיך פערסמט

צוויי זעלבסטמארדען צוליב ארבייטסלאזיגקייט און נויט

נעכטען ביינאכט איז אויף ריבנא 12 בעגאנגען זעלבסטמארד דער ארבייטסלאזער זיגמונד אדאמסקי.

אדאמסקי איז שוין א לאנגע צייט אהן אר-בייט און האט זיך געפינען אין א לאגע פון דער שרעקליכסטער נויט. נעכטען האט זיך אדאמסקי אויפגעהאנגען אויף דער קלאמקע פון דער טיר, וואו ער האט געוואוינט אלס סובלאקאטאר, ווען מ'-האט בעמערקט דעם זעלבסטמערדער איז ער שוין געווען טויט.

* * *

אין טרעפען-הויז אויף זאווישא 19 האט זיך געפרובט דאס לעבען צו נעהמען דער לאקאטאר פון דעם הויז, דער 42-יעהריגער גרשון קאץ. ער האט אויסגעטרונקען א גרויסע דאזע יאדינע, די פאגאטאוויע האט איהם אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין ראדאגאשטשער שפיטאל, די סיבה פון זעלבסטמארד איז די שווערע מאטעריעלע לאגע.

Dr. med.

HALTRECHT

ספעציעל-ארצט פאר הויט-, געשלעכטס-קראנקהייטען און מענער-שוועכע

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

עהמט אן פון 8 פריה ביז 2 מיטאג און פון 5 ביז 9 אוו. זונטאג פון 10—1 מיטאג. אלס ארט אנאליזען פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן

א ספעציעלער ווארטע-זאל פאר פרויען.

קינא „EUROPA“

אנהייב 4, 6, 8 און 10 אווענד.

דער פענאמענאלער זינגער (נעגער)

PAUL ROBESON

דער געניאלער אונפערגלייכליכער שעפער פון יודישע און הברעאישע לידער, ליבלינג פון פובליקום פון דער גאנצער וועלט, אין דער עקטועלסטער סענסאציע

„Bosambo“

(אין שאטען פון אביסיניע)

אין דער הויפטראלע די שעהנע אביסינקע

LILONGA

שבת און זונטאג פריהמארגען-סעאנסען

פרייזען פון די פלעצער פון 80 גר.

ביי העמאריד-לייר'ען

אבסטרוקציעס, בלאזונג פון דער דיקער קישקע, אגריז, אמנהאלטונג, וועהטאג אין קרייץ, ברוסט-דרוקעניש, הארץ-שיעק, קאפ-וועהטאג ווערט יענוצט דאס נאטירליכע ביטער וואסער FRANCISZKA JÓZEFA וואס פערשאפט אן אנגענעהמע פערליכטערונג און מילדאל א נענצליכע אויס-מורירונג, פרעגט דאקטוירים. צו בעקומען אין אלע אפטיי-קען און סקלאד-אפטעטשנים.

א גרויסער מיטינג וועגען אמ-נעסטיע אין פילהארמאניע זאל

די פראגע וועגען אמנעסטיע פאר פאליטישע ארעסטירטע גייט נישט אראפ פון טאג-ארדנונג פון געזעלשאפטליכען לעבען אין פוילען.

אין דער פרעסע און אויך גרויסע פערזאמ-לונגען — איבעראל ווערט געפיהרט א ברייטע קאמפאניע פאר דער אמנעסטיע.

א ספעציעל גרויסע קאמפאניע אויף צו בע-פרייען די פאליטישע ארעסטירטע פיהרען די סא-ציאליסטישע ארבייטער-פארטייען.

ביי אונז אין לאדז קומט פאר היינטיגען שבת 10 פריה א גרויסער מיטינג וועגען אמ-נעסטיע, איינגעארדענט דורכ'ן לאדזשער קאמיטעט פון „בונד“ צום מיטינג קומען ספעציעל צופאהרען פון ווארשא די אדוואקאטען ל. האניגוויל און ה. ערליך.

דער מיטינג האט ארויסגערופען א שטאר-קען אינטערעס.

אינטערעסאנטע פארלעזונג אין „זש. ט. ק.“

די פרייטאגדיגע פארלעזונגען אין זש. ט. ק. האבען זיך שוין קונה שם געווען אין אונזער שטאט. די פארלעזונגען, וועלכע זענען ביז איצט שוין פארגעקומען האבען בעהאנדעלט פערשידענע יויסענשאפטליכע ליטערארישע און קולטור געזעל-שאפטליכע טעמעס. און זיי זענען אדורך מיט א גרויסען ערפאלג.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז דער אריינגאנג צו די פארלעזונגען איז א פרייער.

איינע פון די אינטערעסאנטסטע פארלעזונ-גען פון איצטיגען סעזאן קומט פאר היינט, פריי-טאג, ד. 15 ד. ח. 9 אוועגד דער בעקאנטער פסי-כאלאג פראפ. י. טראנק (מיטגליד פון אינטערנא-ציאנאלען פערבאנד פאר אינדיווידואל פסיכאלאגיע אין וויען) וועט לייענען א פארטראג א. ד. ט. „דער וועג צום נייעם מענש“.

דער רעפערענט וועט בעריהרען א גאנצע רייהע פראגען, וועלכע האבען ארויסגערופען א שטארקע דיסקוסיע צווישען די וועלט-בעריהמטע סעקסואל פסיכאלאגען און וויסענשאפטלער, ווי פראפ. זיגמונד פרויד, אדלער, יונג און שניאורסאן.

דער אווענד האט ארויסגערופען א שטארקען אינטערעס.

Rialto

אנהויב פון די סעאנסען 5, 7.30, 10 אוו. שבת און זונטאג 12 בייטאג.

„דער חלום פון א זומער נאכט“

רעזשי: Max Reinhardt

אכטונג: שבת און זונטאג וועלען פארקומען פריהמארגען-סעאנסען פאר דער שול-יוגענד 10 פריה

פרייזען פון די בילעטן געגען בעווייזען די מעטריקולע פון 54 גר.

פון סאָצ. האַנדוו. - פעראיין

(קאָמוניקאַט)

דער סאָצ. האַנדוועקער - פעראיין, וועלכער האָט אונטערגענומען אַ ווערביר־אַקציע פון נייע מיטגלידער „האַנדוועקער און כאַלופּניקעס" האָט אויך זיין לעצטער פערוואַלטונגס־זיצונג בעשלאָסען כדי צו דערמעגליכען אַ גרעסערן טייל אָרעמע האַנדווערקער און כאַלופּניקעס אריינצוטרעטען אין פעראיין — צו רעדוצירען אויף דער צייט פון דער ווערביר־אַקציע, דאָס איינשרייב־געלט אויף 1.25 זל.

בכדי צו בעקענען די ברייטע מאַסן אָרימע האַנדווערקער און כאַלופּניקעס מיט דער נויטווענדיגקייט פון געהערען צום סאָציאַליסטישען האַנדוועקער־פעראיין, קומט פאָר שבת דעם 16 ה. ח. 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין בערלינער זאַל, זאַכאָדניאַ 26 אַ גרויסער ווערביר־מיטינג, אויף וועלכען עס וועלען צוו. אַנד. ארויסטרעטען ה' אָזשעך פון וואַרשע און דער פאָרשטעהער פון לאָדזער קולטור־אַמט פון די פּראָפ. פעראיינען ה' ש. מילמאַן.

די אויסשטעלונג „שוץ איבער'ן קינד און יוגענדליכען"

פערלענגערט געוואָרען

צוליב דעם גרויסען ערפאָלג פון דער אויסשטעלונג „שוץ איבער'ן קינד און יוגענדליכער", וועלכע קומט פאָר אויף קאָשטשושקי 15, איז זי פערלענגערט געוואָרען ביז דעם 17. ד. ח. אין די לעצטע עטליכע טעג וועלען אויף דער אויסשטעלונג פאָרקומען פאָרלעזונגען אויף פערשידענע טעמעס.

רייזעס קיין פאלעסטינא

צוליב'ן אַרויסציהען די שיף „פּאָלאָניע" פון פערקעהר צוליב'ן רעמאָנט פון דער שיף, קומען פאָר די רייזעס קיין פּאַלעסטינא 2 מאָל חודש'ליך מיט דער טוריסטען־שיף „קאָשטשושקאָ".

דער נאָהענסטער אָפּפאָהר קומט פאָר דעם 27 נאָוועמבער. צו דער דערמאָנטער רייזע נעהמט אָן וואַגאָן לי איינשרייבונגען און ערלעדיגט אַלערליי פאָרמאַליטעטען, וואָס זענען פערבונדען מיט דער רייזע קיין פּאַלעסטינע. ס'איז גענוג צו בעלעגען אַ פּאַס און 2 פאָטאָגראַפיעס כדי צו ווערען אַנ'אויספלוג־אַנטיילנעהמער, פאַ־ די צוריקפאָהרענדע: פון פּאַלעסטינא רעזערווירט וואַגאָן לי פלעצער אויף אַלע שיף־ליניעס ווייל אויך אַלס פאָרטרעטער פון דער איינציגער יודישער שיף „תל אביב".

באַהן־בילעטען קיין קאָנסטאַנץ און טריעסט צו הנחה־פרייזען.

בעריכטיגונג

אין צוזאמענהאַנג מיט אונזער נאָטיץ וועגען רער עקסמיסיע, וועלכע איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף אַלטשטאָט 5 געגען אַ 70־יעהריגען זקן דורך דעם הויזווירט יאַכימאָוויטש, האָט אונז דער הויזווירט מיטגעטיילט, אַז ה' יאַכימאָוויטש האָט די עקסמיסיע ניש אויסגעפיהרט. פונקט פערקעהרט, ה' יאַכימאָוויטש האָלט אויס דעם זקן זייט אַ לאַנגער צייט אַזוי אַז ס'האָט גאַרנישט געקענט זיין קיין רייד וועגען דעם, אַז ה' יאַכימאָוויטש זאָל אויספיהרען אַזאַ עקסמיסיע.

פון דער לאדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי – – – –		95.—
3 פּראָצענטיגע בוידאָוולאַנע	–	40.—
4 „ דאָלאַרובקא	–	51.75
7 „ סטאַביליזאַציע (אמ.)		61.38
5 „ וואַרשאָווער פ.־ב.	1934	50.25
5 „ לאָדזער		45.25
ענגלישער פונט – – –		26.15
דאָלאַר אָפיצ. – 531,75 – נישט־אָפיציעל –		5.30
גאָלד־דאָלאַר – – –		9.01
גאָלד־רובל – – – –		4.75
דייטשער מאַרק – – –		1.49

אַ דובנאָוו - אָוועגד אין „תרבות"

היי־יאָהר פאַלט אויס דער 75 געבורטסטאָג פון דעם גרויסען יודישען היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. צוזאַמען מיט דער גאַנצער יודישער וועלט פייערט אויך „תרבות" דעם גרויסען פאָלקס־יום־טוב.

שבת, דעם 16 נאָוועמבער 8,45 אין אָוועגד, וועט אין „תרבות" פּיעטרקאָווער 18, האַלטען אַ פאָרלעזונג דער פּראָפ. י. ראָזענצווייג א. ד. ט. „דאָס לעבען און שאַפען פון שמעון דובנאָוו".

ביים פלעגען אַ קינד

ביים פלעגען אַ קינד דאַרף מען בעזונדערס זאָרגען וועגען האַלטען אין ריינקייט און זויבערקייט זיין קערפּערל, וואָס עס איז כישט פון די לייכטסטע זאַכען צוליב דער אונגעוועהנליכער עמפינדליכקייט און דעליקאַטקייט פון קינדערישען הויט, כדי צו פערהיטען די קינדערישע הויט פון רויטקייט, פון פאַרעניש, אָנגעריבענקייט, אָנ־צינדונג, בייסונג, צעראַצונג — דאַרף מען דאָס קינד גוט בעשיטען מיט פודער בעבע שאָפּמאַנ'ס, וואָס ווערט שוין זייט 35 יאָהר רעקאָמענדירט דורך דאָקטוירים־ספּעציאַ־ליסטען. דער פודער בעבע שאָפּמאַנ'ס איז דעליקאַט ווי אַ דינער שטויבעלע, ער ווערט דורכגעזופּט דורך פיל זיי־דענע זופען און צוגעריכט ביי אידעאַלע היגיענישע בע־דינגונגען מיט דער אַנווענדונג פון די מאָדערנסטע מאַ־שינען. דער פודער איז דערפיהרט צו פערפעקציע אַלס בעשיטונג פאַר קינדער

ראַדיאָ־פּראָגראַם

פרייטאָג, ד. 15־טען נאָוועמבער

6.34 גימנאַסטיק. 6.50 פּליטען. 8 אודיציע פאַר שולען. 11.57 צייט־סיגנאַל. 12.03 ידיעות. 12.15 אוי־דיציע פאַר שולען. 12.40 קאָנצערט. 1.30 פון אַרבייטס־מאַרק. 1.35 פּליטען. 3.12 בערזע. 3.15 עקספּאָרט. 3.20 וואַרשאָווער בערזע. 3.30 קאָנצערט. 4 שמועס פאַר קראַנ־קע. 4.15 קאָנצערט. 4.45 שמועס פאַר עלטערע קינדער. 5 רעפּאָרטאַזש. 5.15 פּאָעזיע. 5.20 פאָרטעפּיאַן קאָנצערט. 5.50 ראַטגעבער פאַר ספּאָרטלער. 6 געזאַנג. 6.45 פּליטען. 7.20 רעקלאַמע־קאָנצערט. 7.35 ספּאָרט. 8 מאָנאָלאָג. 8.10 סימפאָנישער קאָנצערט. 10.30 „דער הער שאָפער". 10.50 פּליטען. 11 ידיעות, קאָמוניקאַטען. 11.05 פּליטען.

שבת, ד. 16־טען נאָוועמבער

6.34 גימנאַסטיק. 6.50 פּליטען. 8 אודיציע פאַר שולען. 11.57 צייט־סיגנאַל. 12.03 ידיעות. 12.15 קאָנ־צערט. 1.30 ציגיינער־מעלאָדיעס. 2.25 בערזע. 2.30 פּלי־טען. 3.15 — „אונזער ים־האַנדעל". 3.30 — קאָנצערט. 4 — לעקציע פראַנצויזיש. 4.15 — טראַנ־סמיסיע פון וואַרשאָווער קאָנסערוואַטאָריום. 4.45 „גאַנץ פּוילען זינגט". 5 רעפּאָרטאַזש פון מזרח־פּרייסען. 5.15 נייעס פון פּליטען. 5.50 אונזערע שטעט און שטעטלעך. 6 אודיציע פאַר קינדער. 6.30 פעליעטאָן פון לאָדזער לעבען. 6.40 „25 יאָהר לאַנדקענטניש - געזעלשאַפט איז לאָדז". 6.45 פּליטען. 7.20 רעקלאַמע - קאָנצערט. 7.35 ספּאָרט. 7.50 אַקטועלער שמועס. 8 קאָנצערט. 8.45 אָוועגד ידיעות. 9 אודיציע פאַר פּאָליאַקען אין אויסלאַנד. 9.30 „די פרעהליכע סירענע". 10 „דער פשוט פון וואַלץ" — אָפּערעטקע פון שטראַוס. 11.15 ידיעות, קאָמוניקאַטען. 11.20 טאַנץ־מוזיק.

טעאַטער, מוזיק און פּראָוויזונג

(קאָמוניקאַטען)

לעצטע טעג „אַ חתונה אין תפיסה" אין „ראַזמאַיטאָשטשי"

די לעצטע אויפפיהרונג „אַ חתונה אין תפיסה" אין טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי" מיט די בעליבטע קינסטלערין דינה האַלפּערן האָט איבערגעשטיגען אַלע ערוואַרטונגען, יעדען טאָג איז דאָס טעאַטער איבערפולט. דינה האַלפּערנ'ס קרעאַציע אין „אַ חתונה אין תפיסה" בעצויבערט אַלע.

די גאַסט־שפּילען פון דינה האַלפּערן אין לאָדז זענען געציילטע און דערפאַר ווערט די פּיעסע „אַ חתונה אין תפיסה" געשפּילט די לעצ־טע דריי טעג.

היינט פרייטאָג, 9,30, מאָרגען 4,15 בייטאָג (צו ביליגע פרייזען) און 9,15 אָוועגד און זונטאָג 4.15 בייטאָג (צו ביליגעפּרייזען) און 9.15 אָוועגד.

פון פּוילישען טעאַטער

אין שטאָטישען פּוילישען טעאַטער ווערט היינט און מאָרגען 8.30 אָוועגד געשפּילט „קושיק".

שבת 4 בייטאָג — „קאָזשדי טשלאָוויעק".

קאַפּיטאַל און אַרבייט

(ענדע פון 9־טע זייט)

זענעם סאָציאַליסט אַנ'אַרבייטער, אַ פּאַרטייער, וואָס איז אַליין געוואָרען אַ פאַבריקאַנט.

עלקינס איז רייך געוואָרען צופעליג. זיינער אַנ'־אַמעריקאַנער רייכער קרוב האָט איהם איבערגעלאָ־זען אַ ירושה... איז עלקינס געוואָרען אַ שותף צו דעם „בית חרושת לכתנות"... עלקינס שותף איז דער געוועזענער מינסקער סוחר גוטמאַן, וועלכער רופט זיך אין ארץ ישראל טוביה איש־טוב...

אָט דער דאָזיגער טוביה איש־טוב איז אַנ'ארץ־ישראלדיגער „בעבּיט"... דער מחבר שילדערט טרעפ־ליך דעם דאָזיגען „איש־טוב'ס" אויסזעהן. זיינע טו־אונגען און מחשבות, זיין ווייב באַבצע, אַ פרוי אין די יאָהרען וואָס „מיידעלט" זיך נאָך אַלץ און פיהלט ווי די בליטען איהרע „צינדרען זיך נאָך אַלץ, טונ־קעל און רוישיג"... איש־טוב'ס גרויסע טעבטער, וועל־כע יאָגען זיך אַרום אין אויטאָס מיט זייערע קאַלאַנים טישע חתנים...

עלקינס — אַ געוועזענער אַרבייטער, סאָציאַ־ליסט, פאַרטייער — פיהלט, אַז כאָטש ער איז איש־טוב'ס אַ שותף, געהערט ער דאָך מיט זיין נשמה, מיט זיינע מחשבות, „צו דער מחנה מיידלעך, וואָס טריי־בען די עלעקטרישע מאַשינען"...

עלקינס וויזט זיך אַרויס, טראָגט זיך אַרום מיט אַ גאָר האַרציגען סוד: ביי איהם אַרבייט אַ יונג שיין מיידעל — ווועלאַ, אָט צו דער דאָזיגער ווועלאַן ציהט זיך דער מיטעליעהריגער עלקינס... איהר, ווועלאַן, איז 18־20, איהם — איז שוין אודאי פערציג... אָ־בער ס'איז אַ חילוק... ארץ ישראל פערייונגערט, מעקט אָב דעם דיסטאַנץ אין יאָהרען... און עלקינס שאַרפט זיך צו צו ווועלאַן, רעדט מיט איהר, אַז „אַלע זענען מיר חברים"... ווועלאַ אָבער פיהלט אַנדערש, זי אָבער פיהלט נישט אַז „אַלע זענען מיר חברים"... ווועלאַ פיהלט אַז עלקינס איז בעל־הבית און זי, ווועלאַ, זיין אַרבייטערין, זיין שקלאַף... און ווועלאַ האָט זיך איהר וועלט — די וועלט פון אַרבייט.. און ווען עלקינס דערוויסט זיך לסוף, אַז ווועלאַ האָט גאָר אַ מאַן — שטאַרבט אָפּ זיינער אַ שעהנער חלום, און אַ לעצטע האָפנונג...

אָט אַזוי ראַנגלען זיך אַצינד, אויך אין ארץ יש־ראל, קאַפּיטאַל מיט אַרבייט....

וויסט איר לאדז

אויפ'ן פערלאַנג פון צאָהלרייכען פובליקום, וואָס נעמט אַזוי וואַרים אויף דאָס פּראָגראַם פון די ווינער געסט אין פילהאַרמאָניע זאַל, פערבלייבט דער אַנסאַמבל אויף נאָך דריי טעג, און וועט אויפטרעטען אין אַ נייע־פּראָגראַם א. נ. „די געגנב'טע פּיעסע". אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען די אויפטריטען פון די בעליבטע קאָמיקער פאַרקאַס און גרינבוים — איבריגענס דאָס נייע פּראָגראַם פון דעם איצטיגען אַנסאַמבל וועט זיין די רעוואָלאַציע פון איצטיגען סעזאָן.

מעלדונגען

לערנט אַ פאַך!

אין די פּראָפעסיאָנעלע לערן־וואַרשטאַטען פון דער געזעלשאַפט „אָרט" קאָן מען זיך איינשרייבען אויף פאָלגענדע פאַכען:

1) מעכאַנישע רונדטריקאָטאַזש־אַרבייט. 2) מעכאַנישע רונד־זאָקען־אַרבייט; 3) מעכאַנישע הילפס־אַרבייט פון דער ווירקער־בראַנזשע: שפולען) קעטלען; 4) סוועטער־שטריקעריי; 5) אויסאַרבייטונג פון הענדשקעס; 6) מעכאַנישע וועבעריי; 7) פרויען־שניידעריי מיט צושניידען; 8) וועש־נייהעריי מיט צושניידען; גאָרסעטען־אַרבייט מיט צושניידען; 10) אַנדולאַציע און האָר־פאַרבען; 11) מאַניקור; 12) הוט־פוצעריי; 13) האַנד־שטיקעריי און מאַשין־האַפט).

רעליגיעזע פעראיינינגונג ביי דער נ. צ. אַ.

לאָדז, שרודמיעסקאַ 19

מיר מעלדען אַלע חברים און סימפּאַטיקער, דאָס מיר האָבען זיך צוריק איבערטראָגען אויף שרודמיעסקאַ 19. שבת אַ זייגער 2.30 נאָכמ. קומט פאָר אַ שיחת חברים פון פאָלגענדע ח"ח הרב בן לוי, רעד. שוואַרצמאַן, ד"ר פינקיעל, צבי ראַדזיעווסקי, שמואל פּרעצעל, א. גליקסמאַן און יעקב הערץ. מוצש"ק אַ זיצונג פון דער יוגענד־בע־וועגונג. דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג יעדען טאָג פון 10—7.30 אָוועגד.

זענען גילטיג טעגליך אויסער זונטאָג.

ברית הקנאים

היינט, דעם 15 נאָוו. 7.30 אָוועגד קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער יודענשטאַטס־פּאַרטיי פּילסודסקיעגאָ 57 אַ גרויסע דיסקוסיאָנס - אָוועגד אויף דער טעמאַ: דער וועג פון דער יודישער יוגענד, אויף וועלכער ס'ווערט איינגעלאַדענט אַלע יודישע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס.

הסתדרות „החלוץ המזרחי" נאַרוטאָוויטשאַ 7

זונטאָג, כ"א מרחשון 17 נאָוו. אין אָוועגד קומט פאָר די פייערליכע ערעפנונג פון די העברעאישע קורסען.

ביי אונזער אָרגאַניזאַציע חברים און סימפּאַטיקער ווערען געבעטען פּינקטליך צו ערשיינען. וויכטיגע איינשרייבונגען ווערען פאָרטגעזעצט אין מזכירות פון 8—10 אָוועגד.

הועד

אַכטונג שערער!

זונטאָג ד. 17־טען נאָוועמבער ד. י. 5 נ. מ. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל זאַוואַדזקאַ 4 אַ גרויסע שערער פערזאַמלונג.

די פערוואַלטונג

הודעות הסניף „תרבות" בלודז

רח' פיוטרקובסקה 18 קומה שניה בשער השני

1) במוצאי שבת 16-11 ב 8.45 תתקיים הרצאת ה' יחיאל רוזנצוויג על הנושא: „ליובל השבעים והחמש של שמעון דובנוב". כל העברים מוזמנים.

2) הרשמו לשעורי הערב שע"י הסניף „תרבות". התשלום 3 זה' לחודש, לחברי הסתדרויות הנ'ער—הנחה.

3) מתארגן חוג לבלשנות עברית בהנהלת הד"ר א. ש. קמינצקי. העברים מתבקשים לפנות למזכירות.

4) מתקבלות הרשמות לסטודיה העברית.

5. המקראה ע"ש הד"ר י. נ. שמחוני פתוחה בכל ערב (מלבד יום שישי) ובה כל העתונות העברית.

6) עוד מתקבלות הרשמות לחוגים: לספרות עברית, לתנ"ך, לקורות, לפסיכולוגיה ולסוציולגיה.

זש. ט. ק. (וואָלטשאַנסקאַ 35, טעל. 121־53)

די נאָהענטסטע אויספלוגען

שבת ד. 16 ה.י. קומט פאָר אַנ'אויספלוג אויף דער פאָטאָגראַפישער אויסשטעלונג אין באַרטאָשעוויטש־מוזיי. זאַמעלפּונקט 11.30 אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט. זונ־טאָג ד. 17 ה.ח. קומט פאָר אַנ'אויספלוג אויף דער אויס־שטעלונג א. נ. „שוץ איבערן קינד", זאַמעלפּונקט 11.30 פריה אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט.

אימפּרעזעס

פרייטאָג, ד. 15 ה. ח. פּונקט 9 אַ זייגער אָוו. קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט אַ פאָרלעזונג פון פּראָפ. י. טראַנק (מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַלע פער־איינינגונג פאַר אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע אין ווין) א. ד. ט. „דער וועג צום נייעם מענש". דער פּרעלעגענט וועט צוו. אַנד. זיך אָפּשטעלען אויף פאָלגענדיגען טעזען: דער מענש און זיין קאַמף פאַר בעפרייאונג פון מינדער־ווערטיגקייט געפיהל דער „איך" און „דו". דער קאַמף פון געשלעכטער. די רעוואָלטע פון דער פרוי. נישט גלייכבערעכטיגונג נאָר גלייכווערטונג פון דער פרוי. איינ־גאַנג פריי.

אַ קלוב־אָוועגד אין זש. ט. ק.

שבת ד. 16־טען ה. ח. קומט פאָר אין אייגענעם לאָ־קאַל דער ערשטער היי־יאָהריגער קלוב־אָוועגד. דער ספּע־ציעל־צוגעגרייטער ערשטקלאַסיגער אָרקעסטער און חברי־שע סביבה איז אַ גענוגענדע גאַראַנטיע, אַז דער אָוועגד וועט אַדורך מיט דעם געהעריגען דערפאָלג. איינגאַנג פאַר מיטגלידער, קאַלאַניסטען און קורסאַנטען. אָנהויב 9 אַ זייגער אין אָוועגד. זונטאָג ד. 17 ה. ח. פּונקט 5 אַ זייגער פאַרנאַכט, קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אַ חברישער טיי־אָוועגד. איינגאַנג פאַר מיטגלידער און געסט.

שפּראַך־קורסען אין זש. ט. ק.

די שפּראַך־קורסען אין זש. ט. ק. האָבען במשך פון זייער קיום 3־וואָכיגע עקזיסטענץ אַרויסגערופען אַ גרויס פעראינטערעסירונג אין די ברייטע שיכטען. פון דער לאָדזער אינטעליגענץ אַ דאַנק זייער גוטע אָרגאַניזאַציע און די ערשטקלאַסיגע פעדאַגאָגען, דורך וועלכע זיי ווערען אָנגעפיהרט. וועלענדיג געבען אַ מעגליכקייט דער גרע־סער צאָהל רעפלעקטירענדע אַנטייל צו נעמען איז די דאָ־זיגע קורסען — ווערען אָרגאַניזירט נייע קאָמפּלעטען פון ענגליש (פאַר אָנפאַנגער און אַוואַנסירטע) פראַנ־צויזיש, יודיש, שפּראַך און ליטעראַטור, העברעאיש און עספּעראַנטאָ. די ערשטע לעקציעס פון די ניי־געשאַפענע קאָמפּלעטען הויבען זיך אָן ד. 19 ה. ח. איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון זש. ט. ק. טעגליך פון 10—12 מיטאָג און פון 6—10 אָוועגד. דער אָפּצאָהל איז אַ מינימאַלער.

גימנאַסטישע קורסען פאַר דאַמען

דער גימנאַסטישער קורס פאַר דאַמען קומט פאָר 2 מאָל וועכענטליך, דינסטאָג און שבת אין די אָוועגד־שעה'ן. איבונגען קומען פאָר ביי קלאַוויר־אַקאָמפּ. איינשרייבונ־גען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט אין די ביוראָ־שעה'ן.

הנחה־בילעטען אין שטאָטישען טעאַטער און קינאָס

די הנחה־בילעטען אין שטאָטישען טעאַטער זענען גילטיג יעדען מאָנטאָג און דינסטאָג, די הויך פון דער הנחה בעטרעפט 50%. די הנחה־בילעטען אין קינאָ'ס

Dr. med. M. Wejs

אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען

לאַגעווניצקאַ 25 טעל. 215־18

ביים קאַבינעט: בעלויכטונג מיט קוואַרץ־לאַמפּען און עלעקטריזאַציעס.

Dr. med. J. Nadel

ספּעציאַליסט פון אַקושעריע און פרויען־קראַנקהייטען

אַנדזשעיאַ 4, טעל. 228־92

נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוו.

Dr. med. W. Lubraniecki

ספּעציאַליסט פאַר אינערליכע קראַנקהייטען

וואוינט יעצט אויף

Aleja 1 maja 15 אַלעי 1־טען מאַי

tel. 108-65.

Dr. Wajnberg

ספּעציאַליסט פאַר לונגען־, האַרץ־ און סקלעראָז־קראַנקהייטען

וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145

טעל. 126־02.

נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אָוו.

PRYWATNE

Kursy Kroju, Szycia i Robót Ręcznych

Tow. Utrzymyw i Popier. Szkół Rzemieśln. dla Dziewcząt Wyzn. Mojzesz.

Łódź. R. Mielczarskiego 24.

Kancelarja przyjmyje zapisy od 9-ej do 13-ej i od 15-ej do 19-ej na wydziały:

1. Gorseciarstwo-krój
2. Bieliźniarstwo-krój
3. Haftarstwo i Roboty Ręczne (wszelkie roboty na drutach)
4. Krawiectwo-krój

לעטשניצע

פאַר ווענערישע קראַנקע

מענער־, שוועכע און הויט־קראַנקהייטען

פון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטען

פּיעטריקאָווער 45

טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אָוועגד.

פרויען און קינדער נעמט אָן אַ פרוי דאָקטאָר פון 11—1 און פון 5—7 אָוועגד.

אַ בעראַטונג 3 זל.

Dr. med. GUSTAW KOHN

געוועזענער אַסיסטענט פון דעם גינעקאָלאָגישען קליניק אין פּאַריז.

(ספּעצ. פאַר פרויען־קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט).

ספּעצ. פון היילען אונפרוכטבאַרקייט.

נעהמט אָן אין לאָדז

פּילסודסקיעגאָ 51, טעל. 170־03

נעהמט אָן פון 8—10 און פון 4—6 נאָכמ.

איבערציהונגען אין ארץ־ישראל און עקספּעדיציעס נאָך

אין געזאַמעלטע וואַגאָנען ערלעדיגט

שנעל און פּינקטליך צו מעסיגע פּרייזען

„POLSKI LLOYD" Sp. Akc.

oddział w Łodzi Kilińskiego 45

tel. 213 20, 209-72, 106-45

פערטרעטונג:

Palestine Shipping Co. Ltd.

Palestine and Egypt Lloyd Ltd.

לעטשניצע

פון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטען

11 בזשעזשינער 11

טעל. 137־63

עס נעהמען אָן פאָלגענדע דאָקטוירים:

ד"ר קויפּמאַן, ד"ר דינענזאָן, ד"ר רויטער, ד"ר שפּירא, ד"ר שמערלאָווסקי, ד"ר י. איציקזאָן, ד"ר סטופּאַי, ד"ר שמירגעלד, נערווען־קראַנקה. און דענטיסטין סטאַראָפּאָלסקאַ

וויזיטען אין שטאָט.

אַלע אַרט מעדיצינישע הילף.

קאַבינעט פאַר פיזיקאַלישער טעראַפּיע.

אַ וויזיט 3 זל.

Dr. med. Niewiażski

ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט־קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער־שוועכע

אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159־40

פראָנט, 1־טער שטאָק.

נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו. זונטאָג און יום־טוב פון 9—1 פאַרמיטאָג.

בעזונדערער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. Jakubowicz

צוריקגעקעהרט

פּאָלודניאָווא 9, טעל. 109־71.

נעמט אָן פון 10—12 און פון 4—6 אָוו.

GABINET ŚWIATŁOLECZNICZY

ביים

Laboratorjum „HYGJENA"

מאַכט בעלויכטונגען קוואַרצאָווע און סאָלוקס פון 50 גר. אָן. דיאַטערמיע 2 זל. פאַר אונפערמעגליכע ווערען אויך אַנאַליזען געמאַכט ביליגער.

Gdańska 31a/10.

Dr. med. A. Rojter

הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען

24 Narutowicza 24

נעהמט אָן פון 3—9 אָוועגד

NA RATY FOTO-KODAK GRAMOFONY Gloriaphone 10 ZŁ. miesięcz. GRIMM i KAMIEŃSKI Łódź, PIOTRKOWSKA 64. Tel. 206-26. BEZ ZALICZKI

די מיכטיגסטע פילם־רעװאלוציע, רעזשי: Harry Lachman

אין די הויפט־ראלען: **Spencer Trac** **Claive Trevor**

„גיהנום“

היינט פרעמיערע!

דאס אומשטערבליכע מייס־טערווערק פון DANTE

אנהויב פון די סעאנסן אין געוו. טעג 4.30 א זייגער נאכמ., שבת און זונטאג 12.30 בייטאג.

קלאנג־קינא **CAPITOL** זאוואדזקא 16

„קרייץ־צונגען“

מעכטיג פילם - מייסטערווערק, וואס וועט דעמאנסטרירט ווערן ביז׳ן 17-טען נאוועמבער איינשליסליך

„קרייץ־צונגען“ זענען פראדוצירט געווארען און קאסטען איבער 3 מיליאן דאלאר ∴ אין די הויפטראלען: LORETTA YONG ∴ HENRY WILCOXON ∴ נעקסטער פראגראם: „דאס קליינע מאמעלע“ מיט Franciszka Gaal ∴ פרייזן פון די פלעצער: I פל. 1.09 II פל. 90 גר. III פל. 50 גר. ∴ הנחה קופאנען זונטאג אונגילטיג ∴ אנהויב 4, שבת, זונטאג 12 בייטאג

קלאנג־קינא־טעאטער **PRZEDWIOŚNIE** זשעראמסקיעגא 74/76 (רוג קאפערניקא)

היינט און פאלגענדע טעג

גרויסער דאפעלטער שלאגער־פראגראם!

— I. —

„שקלאפין פון מאנדאל“

גרויסע סענסאציאנעלע סאלאן־דראמע

אין די הויפט־ראלען: Ricardo Cortez, Warner Oland, Kay Francis

אנהייב 4 נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12 בייטאג.

— II. —

„די רויטע דאמע“

דראמע פון א פרוי, וועלכע איז בעהערשט מיט א גרויסער ליידענשאפט פון שפילען

אין די הויפט־ראלען: Barbara Stanwyck, Joel Mc Crea, Pat O Brien

פרייזן פון די פלעצער אויפ׳ן I סעאנס 50 און 54 גר. אויך די איבריגע 54, 85 און 1.09

קלאנג־קינא־טעאטער **CORSO** לעגיאנוב 2/4

דאס בילינסטע טעאטער אין לאדז קינא־רעווי **AMOR** פאמארסקא 89, טעל. 48-250 89

היינט פרייטאג, דעם 15־טען, מארגן שבת, דעם 16־טען און זונטאג, ד. 17. נאוועמבער ד. י. פערבאנד פון די פוילישע ארטיסטען אונטער דער לייטונג פון JANUSZ SZYNDLER פרעזענטירט די גרויסע רעווי פון הומאר און טאנץ אין 14 בילדער א. נ.

„און... אין דעם איז די שטערונג!!“

ס׳נעהמען אנטייל: S. Grochowska, G. Gryczyńska, B. Winecki, J. Szyndler, W. Smigelski, Bebi and Milam

אויפ׳ן עקראן: „פערבוידערונג פון פעלקער“ לעבענס־דראמע פון גרובען־ארבייטער — מערצווייפלונג, טרעהרען פון מוטערס, פרויען, פאטערס, מענער און ברידער. — אין דער הויפט־ראל: A. GRANACH

רעפארמאציע־פילען

מיט דער מארקע נייטמליי־בער בעקאנט פון יאהר 1602 רעגולירען דעם מאגען, שיצען פון רעוומאטיזם. רײ־ניגען דאס בלוט. נעגען דיק־קייט, ארטעריעס, קא־מען בלוט אין קאפ־שטילען די יסורים פון הע־מארוידען ריינגען דאס בלוט און בײ נעגענגעגן צו אבסטרוקציס—גינסטיגען דורכריינגונגס־מיטעל.

צו בעקרוויכען 1 אדער 2 פילען א נאכט. פרייז פון א שאכטעל 1.35

צו פערלאנגען אין די אפטייקען און סקלאדען מיט׳ן גייסטליכען (Zakonnik)

„PRACA“

פ״ריזעו־פאך־קורסען בײ דער נעו. צו פערשפרײטען פאך־קענטענישען צווישען יודישע פרויען.

וואולטשאנסקא 21, טעל. 167-15

נעהמט אן איינשרייבונגען:

1) קונסט־סטיקערײ,
2) דאמען־שנײדערײ־צושנײדען,
3) גארסעט־פאך־צושנײדען,
4) הוטען־פוצערײ,
5) וועש־נײהען־צושנײדען,
6) אנדולאציע,
7) מאניקור.

דער סעק טעטאריאט איז עפען פון 9—13 און פון 15—19.

מיר טיילען מיט אונזערע שטענדיגע קונדען וועגען אנהויב פון די

פאר חגאות׳דיגע בילינגע וואכען

איבערצייגט זיך

קומט

מיר עמפעהלען די בעקאנטע סארטען מארקע **O. K.** און צו אויסנאהם׳ס בילינגע פרייזען

„WIMA“ - וועש

KONSUM PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE“ S.A.

ROKICIŃSKA 54 Dojazd Tramwajami 10 i 16

פאבריקס־פערקויף פון קופאנעז, רעשטלעך און סעקונדא

געניס

פון די בילינגע פרייזען

Ogłoszenie.

Zarząd Miejski w Łodzi podaje do wiadomości, że od dnia 16 listopada 1935 roku czynna będzie przy ul. Zawiszy Nr. 22 (na Bałutach) filja sklepu Taniej Jatki, gdzie sprzedawane będzie mięso, uznane za mniej wartościowe, a mianowicie:

wieprzowina peklowana	w cenie po zł. 0,75	za 1 kg
„ gotowana	„ „ „ 0,69	„ 1 „
słonina solona	„ „ „ 1,27	„ 1 „
szmalec	„ „ „ 1,50	„ 1 „

ZARZĄD MIEJSKI w ŁODZI.

Łódź, 14 XI. 35.



מעטאל־בעטען

מאטראצען אלער ארט

קינדער־וועגעלעך

אין א רייכען אויסוואהל

וויזשימאטשסעס. אייז־קאסטענס. פעלד־בעטען פאטענט „Perfekt“ א. ד. גל. קויפט מען אמביליגסטן אין דער עלטסטער און רעיעלסטער פירמע

J. B. WOŁKOWYSKI

עקזיסטירט פון יאהר 1896

פאבריקס־לאגער

לאדז, נארוטאוויטשא 11

טעל. 137-70

געדענקט דעם אדרעס!

ספעצ. רעפעראטור־ווערקשטעל און לאקערער.

אשותף

צו אן איינגע־פיהרט געשעפט פון שטובע־לאטשען,

וואס ברענגט א גוטען ריוח, מיט א קא־פיטאל פון עטליכע טויזענד זל. ווערט געזוכט. דאס געשעפט איז אין צענ־טרום פון נאוואמיעסקא גאס. צו ערפאהרען אין אדמיני. פון דער צייטונג.

די פערוואלטונג פון דער

יודישער קהלה אין לאדז

טיילט מיט, אז

דער צוגאב־בודזשעט פאר׳ן יאהר 1935

און דער פערטער (לעצטער) טייל פון עטאט־רעגיסטער פאר׳ן יאהר 1935

וועלכער ענטהאלט די פערבליבענע עטאט־צאהלער, ווערט אויסגעלעגט בהסכם מיט די פארשריפטען צום דורכזעהען במשך פון 8 טעג, ד. ה. פון דעם 15 נאוועמבער ה. י. ביז דעם 24 נאוועמבער ה. י. איינשליסליך אין דער קאנצעלאריע פון דער יודישער קהלה, פאמארסקא 18 אין די שעה׳ן פון 10 ביז 1 נאכמיטאג.

לאדז, דעם 14 נאוועמבער 1935.

די בעקאנטע סינסטלערישע **שטאפעריי M. Kleber**

נעפינט זיך איצט אויף פיעטריקאווער 18

לינקע אפיצינע II שטאק און נעהמט אן צו צערעווען בעשטריגטע אנציגער, דיוואנעז, זיידענשטאפען און אלער ארט נעוועבען.

אלע ארט גארדינען

און קאפען, טילענע און קארענקאווע, ווי אויך א גרויסען אויסוואהל פון טיול און שאטקע פון מעטער. פערשידענע קאפעס פון פלוש, גאבעלין, בראקאט און זיידענע. צו בעקומען בײ

L. Elbaum, Łódź, Nowomiejska 26

פראנט 1־טער שטאק

ס׳ווערען אנגענומען אלע ארט בעשטעלונגען פון די נייעסטע פאסאנען.

Dr. L. Suchowczycki

כירורג

Gdańska 11

טעל. 123-47 (רוג קאנסטאנטינער)

POWROCIŁ.

נעהמט אן פון 4—6 נאכמ.

Dr. med.

Z. DATYNER

אוראלאג

ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין־קראנק.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95,

נעמט אן פון 9—11 און פון 6—8 אוונט

Dr. med. H. Wajs

כירורג

וואוינט יעצט

פיעטריקא ווער 17

טעל. 148-01

נײַעז 2־יעהריגע ראטען־צאהלונגען

אינלענדישע שרייבמאשינען F. K.

אויסגעארבייטונגען פון דער מלוכה׳שער אמוניציע און געווער־פאבריק, פראדוצירט לויט די בעסטע אויסלענדישע שרייב־מאשינען־מאדעלען.

איך בעזיץ אויך די פערטרעטונג פון אמעריקאנישע שרייב־מאשינען

ווי אויך שרייבמאשינען: L. C. Smiths „Corona“, „Mercedes“

דאס דעמאנסטרירען אהן פערפליכטונג.

Józef Leżon, Przejazd 4, tel. 102-23.

קאמוניקאט. די בעוואוסטע בעסטע ושארובקעס „HELIUM“ צום מענטשליכ־ נעלען פרייז 65 גר. שטיק ווי אויך אנדערע זארטען ושארובקעס צו 53 גר. שטיק צו בעקומען פילסודסקיעגא 20 פראנט־געשעפט.

קירזשנער־ווערקשטעל

פון **מ. שאליט**

4 נארוטאוויטשא 4

נעמט אן אלער ארט

פעלץ־אויסארבייטונגען

לויט די לעצטע מאדעלן צו ערמעסיגטע פרייזן.

PHILIPS-RADJO

44 A gotówką 360 — na raty 396
947 A gotówką 250 — na raty 275

poleca GRIMM i KAMIEŃSKI, ŁÓDŹ, PIOTRKOWSKA 64. — TEL. 206-26.

גענעז מזומן Philips-Radjo אויף ראטעס

נייעסטער מאדעל 1936. שטענדיג אויף לאגער זשיראנדאלו און עלעקטראטעכנישע ארטיקלען דעטייל! הורט! 30 זגערזשער טעל. 163-71 H. GOTLIBOWSKI :עמפפעהלט

I. BOMBEL

ערשטקלאסיגער קירזשנער-אטעליר פון זאוואדזקא 6, טעל. 118-62

לויט די נייעסטע מאדעלן. — פיַנקטליכע און רעעלע אויספיהרונג. — ערמעסיגטע פרייזן. פעלץ-בעשטעלונגען פידערט אויס אלערליי און רעפאראטורען

KINO TEATR ADRIA GŁÓWNA 1

אנהויב 1 אזייגער, שבת 8 און 1 אזייגער

היינט און פאלגענדע טעג! צום ערשטען מאל אין לאדז!

די לאנג נישט געזעהענע קעניגען פון הומאר אין זייער נייעסטער אריגינעלער פראדוקציע

PAT i PATACHON אלס היימלאזע

אויסערן פראגראם: קלאנג-צוגאבען פון P.A.T. און „דאס ליד פון פייגעל" אין קאלירען.

פאספארטוס און הנחה-בילעטן אונגילטיג.

KINO TEATR METRO PRZEJAZD 2

אנהויב 12 א זייגער

קלאנג-קינא-טעאטער

Czary

2 ציגעל-גאס 2.

אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 בייטאג

היינט און פאלגענדע טעג! אונזער רעוועלאציאנס-פראגראם! היינט און פאלגענדע טעג!

1) פילם-רעוועלאציע — „די בחורים פון קריגס-פלאץ"

רעזשי: Frank Borzage

2) שאמפאנער קאמעדיע „די פערזענליכע סעקרעטארקע האט חתונה"

אין די הויפטראלן: MARY GLORY, JEAN MURAT, ARMAND BERNARD

RAKIETA

שענקעוויטשא 40 טעל. 141-22

אנהויב אין געוו. טעג 4 א זייגער נאכמ. שבת, זונטאג און יום-טוב 12 בייטאג.

היינט און פאלגענדע טעג!

גרויסער ווינער מייסטערווערק אויפ'ן גרונד פון בעריהמטן ווערק פון Artur Schnitzler

„ליבעלעך" (LIBELEI)

אין די הויפטראלן: MAGDA SCHNEIDER, PAUL HÖRBIGER, OLGA CZECHOWA, WOLFGANG LICHENEINER, LUIZA ULLRICH, WILLI EICHBERGER

אויפ'ן ערשטן סעאנס און פריהמארגען-סעאנסען צו 54 גראשען.

קליינע אנאנסען

פרייז פון אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זלאטי

זעק! וויכטיג פאר סוחרים איינקויף און פערקויף פון פערשידענע זעק ווי אויך זעק צום פאקען. אלטער מארק 2.

צו פערקויפען זינגערס דאמסקי נוי-מאשין אין נייעם צושטאנד. לימאנאווסקיעגא 24 פראנט 8-טער שטאק וואוינונג 19.

צו פערדינגען א פלאץ אויף 70 זל. קווארטאלני, פראנציסקאנער גאס, געגענד פון פולנאצנא ביז יאקובא. אפערטען אין אדמיניסטראציע אונטער „וו".

א גוטע איינגעפיהרטע צוקערניע איז אוועקצוגעבען מיט זעמטליכע איינריכטונג. צו ערפאהרען אין עלעקטרישען געוועלב 6 שערפיען 32.

צו די ח"ת גנבים! מען האט מיר נעכטען ארויסגעגנבעט א גאלדענע בראנסאלעטקע נישט קיין טייערע. אפצוגעבען געגען בעלוינונג צו ארבוז, פל. וואלנאשטשי 10 אדער קלינגען טעל. 238-29. דיסקרעציע גע-זיכערט.

לעבער און גוואלד-ריסען אין הערצן און דאמען-גארדעראבען ווערען קינסטליך פערשטאפט געגצליך נישט צום דערקענען. צו זעהר ביליגע פרייזען. 11 ליסטאפאדא 29 פארטער לינקס ביי ארגאנעק.

איך נעם אן ארבייט אויף לוין אויף 10"ער מאשינען צו ערפאהרען באלוטער מארק 3 ביי וואולף צו טרעפען פון 8.30 אוועגד.

וויכטיג פאר בעל שמחות! איך גיב געפעס אויף אפנויץ ביליג. אלערליי געפעסער אויף חתונות און אויף בעלער, זגערזשער 17 לינקע אפיצינע 1-טער שטאק.

א סאלידער מענש מיט די גרעסטע רעפערענצען זוכט צו שלאפען אין א געשעפט אדער ביי וואס ס'זאל נישט זיין ארבייט פאר א מינימאלען לוין. אפערטען אין אדמ. אונטער „סאליד".

אכטונג! די יודישע מעכאנישע שלייפעריי פון וואלבארסקא 18 איז געווארען איבערגעטראגען אויף וואלבארסקא 19 פראנט-געוועלב.

2 וויקעל-מאשינדלעך אויף קלעצלעך און 2 סנוי-טער-מאשינדלעך צו צודאטען צו פערקויפען. צו ערפאהרען פאדזשעטשנא 15 וו. 1.

פאר 8 זל. א חודש לערנען מיר אויס גרינדליך בוכהאלטעריע, סטענאגראפיע, האנדעלס-קארעספאנדענק, מאשין-שרייבען (מיט דער קאנסטרוקציע, ארדנען איין אויך בילאנסען און פיהרען איין ביכער צו ביליגע פרייזען. קילינסקיעגא 50, קווער-אפיצינע 1-טער שטאק. 2464

Języka polskiego, arytmetyki handlowej korespondencje szybko i gruntownie wyucza rutynowany nauczyciel. Dla starszych specjalny, praktyczny kurs polskiego wypróbowaną metodą. Piotrkowska 37, m. 11, front, III piętro, godz. 6—9 wiecz.

(Gaśnice) פארשריפטליכע פייערלעש-אפאראטן (pianowe) נייע און גענוצטע, ווי אויך פילונגען (Ładunki) צו אלע טיפען אפאראטען צו מעסיגע פרייזען. מ. באטשאן, פאמארסקא 25, רעכטע אפ. 1. איינגאנג, 1. שטאק. וו. 28. איך קויף גענוצטע פייערלעש-אפאראטען. טעל. 166-27.

Rutynowany buchalter poszukuje posady, względnie na godziny. Zgłoszenia do administracji pod „Rutynowany"

Sprzedawczyni rutynowana, znająca zakup. Branża trykot-bieliźniana damska. Oferty pod B. B. do administracji.

א לעהרערין, גוטע פעדאגאגין ערטיילט אונטעריכט פאר דערוואקסענע אין פויליש, יודיש און דייטשע שפראכען צו ביליגע פרייזען, לאסמאן, בזשעזשינער 15.

צוליב אפרייזע איבערצוגעבען א געשעפט, אנ'איינגעפיהרטע פרנסה אויף זגערזשער גאס. צו ערקונדיגען זיך וואלבארסקא 19 אין דער שלייפעריי.

כ'וויל צושטעהן אלס שותף מעגליך צו שטריקער-געשעפט אדער פאבריקאציע. ס'קען אבער זיין אויך צו איין צוויים געשעפט. איך בעזיץ 3 טויזענד זל. אויך א 10"90 שטריק-מאשין. אפערטען ביטע אונטער „בע-פע"

צוויי צימער און קוך מיט בעקוועמליכקייטען פון זאפארט איבערצוגעבען, גלובנא 67 צו ערפאהרען ביים וועכטער.

פרייע פאסטענס

עס ווערט געזוכט א יונגעל אין דער לעהר צו סוויטערס, גאנצוווייך זיעלנע 11 (באלוט)

נייטאריגס צו קאפערטען פון וואטע דעקען ווערען געזוכט. אפערטען אין רעדאקציע אונטער „ל".

Poszukiwane biuralistki wykwalifikowane. Oferty sub „Biuralistka".

פערשידענעס

איך זיך א גוט=איינגעפיהרט קאלאניאל=געשעפט אין צענטרום שטאט. אפערטען אין אדמ. אונטער „W."

א האלבער פלאץ א פרימא פונקט אויף קויהלען הינטער לאדז פון שוין צו דינגען. אפערטען סוב „קויהלען" אין „נייעם פאלקסבלאט"

ס'איז געפונען געווארען א מעטריקע אויפ'ן נאמען פון חנה שרה סקאטשילאס אין ראדאשיץ. אפצונעהמען געגען אנאנס=קאסטען אין אדמיניסטר.

געלעגענהייט: ליך צו פערקויפען א ניי-מאשין מענסקא, פירמא זינגער אין בעסטען צושטאנד, נאוואמיעסקא 29 ביים צייטונגס-פערקויפער. 162

נאך מיין צוריקקייזע פון מיליטער-איבונגען נעהם איך ווייטער אן אלער ארט בעשטעלונגען און רעפעראציעס פון זאקען, ספארט- און טריקאטאזש-מאשינען צו ביליגע פרייזען I.Tron, Brzezińska 6

ראקאלען

א בעקוועם ארט צום שלאפען פאר איין אנשטענדיגען יונגערמאן זאכאדניא 39 וו. 5 פראנט 1 שטאק.

צו פערמיטען אנ'ענצעל-געוועלב, א געוועלב-צימער און קוך, 2 צימער און קוך, קילינסקי 50 ביים וועכטער.

א מעבלירט צימער מיט בעזונדערן איינגאנג פון טרעפען-הויז אפצוגעבען. זאוואדזקא 2, רעכטע אפיצינע 2-טען שטאק וו. 14.

אנ'ארט צו שלאפען ביי אנשטענדיגע מענשען פאר 2 קאוואלירען, עווענטועל פאר פרייליינס, ציגעל-גאס 11 וואוינונג 20.

צו פערמיטען א גרויסע שטוב צו ארבייטען. ס'קען זיין מיט שלאפען. צו ערפאהרען פאלודניאווא 5 וו. 27.

אנ'ארט אריינצושטעלען א מאשין צו א קראפטשפול-מאשין. גלייכצייטיג צו פערקויפען א סוויטער-מאשין אין גוטען צושטאנד 65.8 „צ" גדאנסקא 17 וו. 19.

אנ'ארט צו שלאפען פאר איין פערזאן נארוטאוויטשא 25 וו. 9.

אפצוגעבען א צימער פאר א סובלאקאטאר ביי אנ'אנשטענדיגער פאמיליע. צו ערפאהרען נאדלודקא 12 ווי לעווי.

צו פערמיטען זאפארט אויף פראנציסקאנער גאס אנ'איינגעפיהרט געוועלב, א יאטקע, וואס עקזיסטירט שוין 12 יאהר. עס קען זיין אויף אנדערע זאכען. צו ערפאהרען אויף פאמארסקא גאס 35 ביי א. צוקערמאן.

צו פערמיטען דער „נייער ווינער זאל" פאמארסקא 43, ווי אויך א פאבריק-לאקאל מיט אלע איינריכטונגען צו ערפאהרען אויפ'ן ארט.

2 צימער מיט קוך, זונען-זייט מיט אלע בעקוועמליכקייטען פארטער, מאגיסטראצקא 25 צו פערמיטען, טעלעפאן 122-69 ווי אויך א פראנט-געוועלב.

אנ'ארט צו שלאפען פאר עטליכע יונגעלייט ציגעלניאנא 38 וו. 20.

פאבריקס-געביידעס פארטער 3 שטאק, צענטראל-בעהייצונג 3 זייטען ליכט צו פערקויפען אדער צו פערמיטען. טעלעפאנירען 173.25 פון 4—3

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה: ערשטע זייט 18 גר., פרייטאג און ערב-יו"ט 24 גר. אין דער זייט טעקסט ... [illegible] ... 40, 60; ... 12, 18 ... [illegible] ... מינימום 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט.

נעקראלאגען — 20 גר. א מ/מ (אין דער זייט שפאלטען) קלענע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט צושטעלן אין הויז. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקע — 1 דאל.

רעדאקציע, עקספעדיציע, ... [illegible] ... פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אנאנס אדער צוריקצוצאלן פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע ... [illegible]

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 2.

קינדער־ערציהונג

פון ד"ר חיים קנאפינג

וואס איז עס אזוינס ערציהונג, ווער האט דאס רעכט, אדער ריכטיגער, דעם חוב פון ערציהונג, וועלכע זיינען די ריכטיגע ערציהונגס־מעטאדען, פון וואנען נעהמען זיך די שלעכטע מדות ביי קינדער, ווי אזוי בעשטראפען קינדער, צי זיינען שטראפען אי־בערהויפט נויטיג, ווי פערהאלטען זיך די קינדער צו די שטראפען, מיט איין ווארט זיך בעקענען און פער־טיפען אין דער נשמה פונם קינד.

די ערציהונג איז נישט עפעס אנדערש, ווי אג'־אויסערליכע השפעה אויף די גייסטיגע כייגונגען פונם מענש.

די אלע ווירקונגען קען מען נאר אויף איין און איינציגען וועג דערגרייכען, נעמליך, מיט דער הילף פון אונזערע 5 חושים.

נאר דאס, וואס מיר זעהן, הערען, פיהלען, שמע־קען און טאפען אן, דאס ווירקט אויף אונזער גייסט.

אויב אבער די חושים און בכלל דער גאנצער קערפער זיינען נישט אין ארדנונג, וועט אפילו די בעסטע ערציהונג נישט העלפען.

עס איז בעקאנט, אז די אלגעמיינע שוואכקייט, פונם קערפער, שטערט אויפצונעמען אפילו די בעס־טע ערציהונג.

די ערשטע פראגע פון דער ערציהונג איז די ענטוויקלונג פונם קערפער.

ערשט ווען דער קערפער איז פערהעלטניסמע־סיג גוט ענטוויקעלט, הויבט זיך אן די צווייטע שטו־פע פון דער ערציהונג, נעמליך, די ערציהונג פונם גייסט.

וואס איז עפעס אזוינס דער גייסט און פון וואס בעשטעהט ער? דער גייסט פונם מענשען בעשטעהט פון 3 טיילען: פון שכל, געפיהל און רצון.

די אויפגאבע פון דער ערציהונג איז צו ענט־וויקלען אינם קינד די דריי בעשטאנד־טיילען פונם גייסט.

איצט קומט אבער די גרויסע שאלה: ווי אזוי צו ענטוויקלען דעם גייסט?

די אלטע ערציהונגס־מעטאדען זיינען בעשטאנ־דען אינם אנווענדען קינסטליכע מיטעל.

אבער די ערפאהרונג האט אונז געלערנט, אז אנווענדען קינסטליכע מיטלען הייסט, געהן אקעגען דעם ווילען, געפיהלען און שכל פונם קינד.

דאס קינד קומט באלד אין קאנפליקט מיט'ן ער־ציהער, וואס רופט ארויס ביי איהם אומצופרידענ־קייט און עקשנות.

עס שטעהן 2 ענטגעגענגעזעצטע וועלטען: א קלייגער מענש, „דאס קינד" אהן ערפאהרונג און אהן פערשטענדניש פאר די צילען פונם לעבען, זעהענדיג פאר זיך זיין קליין וועלטעלע און ווילענדיג נאר די פרימיטיווע זאכען.

אויף דער אנדערער זייט דער ערפאהרענער מענש, וועלכער שטרעבט נאר צו פערווירקליכען גע־וויסע צילען פונם לעבען.

דאס אנווענדען פון קינסטליכע מיטלען איז נישט עפעס אנדערש ווי נישט פערשטעהן דאס קינד, אדער איינפאכער געזאגט, נישט אריינגעהן אין דעם קינדס וועלטעלע, נישט בעגרייפען זיין נשמה.

אנווענדען קינסטליכע מיטעל הייסט, נישט זיך ארפאסען צום קינדס שכל, געפיהלען און ווילען.

וואס־זשע איז די אויפגאבע פונם ערציהער? קודם כל בעשאפען גינסטיגע בעדינגונגען פאר א זעלבסטשטענדיגער און פרייער ענטוויקלונג. דאס קינד קען נאר ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען דורך זעלבסטשטענדיגקייט. איידער מיר געהן איבער צו אנא־ליזירען די דאזיגע פראבלעמען, מוזן מיר בעהאנד־לען די פראגע פון ערציהונג הויפטזעכליך אין דער היים.

מען איז אלזא איינשטעליך צוריקגעהען צו דער ערציהונג פון דער מאמען.

עס איז מיר בעקאנט אנ'עפיזאד פון דעם בע־גרינדער פון דער נייער פעדאגאגיק זשאן זשאק רוסא.

עס איז אמאל געקומען צו איהם א פרוי און גע־פרעגט, ווי זאל זי איהר קינד ערציהען.

— וויפיל איז אייער קינד אלט? — האט דער פראפעסאר געפרעגט.

— 4 וואכען — האט די פרוי געענטפערט.

— אה! — האט אויסגערופען דער פראפעסאר — איהר זענט צו שפעט צו מיר געקומען.

נאך שטרענגער האט זיך פערהאלטען צו דער פראגע בערנהארד שאו, ווען א דאמע האט איהם גע־פרעגט וועגען ערציהונג פון איהר קינד, האט ער איהר געענטפערט: „דאס האט איהר געמוזט לער־נען אין אייער קינדהייט.

עס איז אלזא קלאר, אז די ערציהונג פונם קינד העטגט אפ פון דער ערציהונג פון די עלטערן.

דער בעקאנטער דענקער יוליאן בארכאד זאגט אויסדריקליך, אז די ערציהונג פונם קינד איז אפ־העננגיג דערפון, ווי מען איז זיך מיט איהם בעגאנ־גען באלד פון זיין געבוירען אן.

די ערציהונג פונם קינד, זאגט ער, ווי אויך זיין קומען אויף דער וועלט שטעהט אין איין ענגען צו־זאמענהאנג מיט'ן פאמיליען־לעבען, מיט די חתונה פערהעלטנישען פון די עלטערן.

דער איינפלוס פון די דאזיגע פערהעלטנישען אויפ'ן קינד איז הויפטזעכליך אפהענגיג פון די על־טערנס אלגעמיינער צושטאנד, פון זייער לאגע. די התחייבות פון די עלטערן לגבי די קינדער זיינען חל פאר זייער געבוירען ווערען, ווייל שוין דעמאלס איז דעם קינדס גורל אפהענגיג פון זייער גורל.

די שוועדישע פעדאגאגין העלען קאו זאגט אין איהר ווערק: „דאס יאהרהונדערט פונם קינד" אויס־דריקליך, אז מאן און פרוי זיינען פעראנטווארטליך דערפאר, ווען עס וואקס אויף א שלעכטער דור.

דער ענגלישער דענקער עמערסאהן זאגט נאך דייטליכער אין זיין בעריהמטען ווערק

conduck of Life

אז מיר זעהען דאס וואס די עלטערן מאכען פון אונז.

א גרויסע שולד טראגען די עלטערן אין דער ערציהונג דאדורך וואס זיי געבען די קינדער שלעכ־טע ביישפילען.

דאס קינד מערקט אלע קאנווענציאנעלע שקרים אין אונזער לעבען, עס בעמערקט אז מיר נעהמען אויף מיט א פריינדליך פנים מענשען, אויף וועלכע עס ווערט גערעדט אהנטער די אויגען אלעם בייז, עס בעמערקט ווי מיר בענוצען זיך מיט שקרים, כדי צו בעזייטיגען געוויסע אונבעקוועמליכקייטען, און אזוי ווערט פער'סמט די קינדישע נשמה.

אויף יעדען שריט און טריט ווערט דאס קינד אפ־געגנארט פונם ערציהער.

די עלטערן געבען די קינדער פאלשע הבטחות, כדי עס איינצושטילען און ווען די עלטערן האלטען נישט און קענען נישט האלטען זייערע הבטחות קומט דאס קינד צו דער איבערצייגונג, אז עס איז מעגליך זיך צו בענוצען מיט זאגען ליגען. עס איז שוין מעהר קיין צווייפעל נישט ביי דעם קינד אז די גאנ־צע סביבה זייגע בעשטעהט פון לויטער שקרים, טא פרעגט זיך: פאר וואס זאל דאס קינד אויך נישט זא־גען ליגען?

עס איז יעצט געקומען דער מאמענט צו בעהאנד־לען די פראגע: ווי אזוי זאל באמת דער ערציהער צוטרעטען צו דער ערציהונג פונם קינד? די מא־דערנע פעדאגאגיק זאגט: דער ערציהער מוז מא־כען די ארבייט פונם קינד אנגענעהם און אנציהענד די ארבייטען מוזען זיין צוגעפאסט צו די קרעפטען און פעהיגקייטען פונם קינד. מען מוז תמיד וועקען אינם קינד דעם חשק אליין צו ארבייטען. מען מוז וועקען אין דער יונגער נשמה דעם רצון צו דער אר־בייט און צו ענטוויקלען זיינע גייסטיגע פעהיגקיי־טען און זיין געפיהל. דער הויפטציל און די אויפ־גאבע פון דער מאדערנער פעדאגאגיק איז, צו גע־בען דעם קינד די מעגליכקייט פריי צו ענטוויקלען זיינע איינגעבוירענע פעהיגקייטען און נייגונגען, נישט הרעסירען זאל מען דאס קינד. נאר איהם לאזען פריי זיך ענטוויקלען.

דער עיקר איז אויסמיידען איבריגע פערבאטען, מען דארף געבען נאר אזעלכע בעפעהלען וואס זיינען ווירקליך נויטיג פאר דער טובה פארן קינד. מען מוז וויסען וואס דעם קינד איז דערלאזבאר אדער נישט.

די נישט נויטיגע פערבאטען זיינען דער איינענט ליכער מקור פון אונגעהארכזאמקייט. דאס קינד קען נישט בעגרייפען פאר וואס די עלטערן פערווערען איהם דאס אדער יענץ צו טאן, וואס נאך זיין שכל איז עס גוט. אזא פערבאט האלט דאס קינד פאר איין עוולה און עס פערלירט דעם צוטרויען פונם ערצי־הער. דערפון נעהמט זיך די אונגעהארכזאמקייט און דאס עקשנות ביים קינד.

דער ערציהער דארף, ווילענדיג אויסראטען די אונגעהארכזאמקייט, נעהמען זיך בעשטראפען דאס קינד, מייגסטענטייל מיט שלאגען.

דער ערציהער דארף נישט פערגעסען אז דעם קינדס נעהרווען דארף מען שוינען פון קינדהייט אן. די שטרענגע שטראף בעזונדערס דאס שלאגען צער־רייצט די קינדערשע נערוווען, מאכט קאליע זייער שמי־מונג און דערפיהרט זיי צו פערשידענע קאפריזען.

עס איז קלאר די מאדערנע ערציהונג קען זיך אבסאלוט בעגעהן אהן שלאגען. דער קאנטשיק, נישט נאר וואס ער העלפט נישט, נאר ער איז פשוט שעד־ליך און האט א פערקעהרטע ווירקונג.

דער ציל פון דער ריכטיגער ערציהונג איז ארויס־צופירענגען אויף דער וועלט פרייע און גליקליכע מענ־שען. דעם דאזיגען ציל קען מען דערגרייכען דורך ענטוויקלען די אלע פעהיגקייטען, מיט וועלכע דאס קינד איז פון דער נאטור בעשאנקען געווארען. דאס אונטערדריקען די נאטירליכע נייגונגען איז אונאנ־גענעהם פארן קינד און פערשאפט איהם גרוים צער, בעת די פרייע מעטיקייט פון די זעלבע נייגונגען פערשאפט איהם גרוים פערגעניגען. מען טאר נישט צווינגען די קינדער צו דעם וואס עס איז אין גענענ־זאץ צו זייער נאטור. מען מוז פרעגען אין בעוועגונג און אויסאיבען זייערע איינענע כוחות. ווייל דאס אליין פערשאפט זיי פערגעניגען.

דעריבער מוז מען איבערהויפט די שטראף אויס ראטען פון דער ערציהונג.

די שטראף ווערט א פערלאנג ביים קינד נקמה צו נעהמען.

עס איז קלאר אז די מאדערנע ערציהונג, וועל־כע טרעט ארויס נעגען שטראף בכלל, מוז זיין קע־גען שלאגען. דאס שלאגען איז די ברוטאלסטע שטראף, דאס איז שענדליכער פון אלע שטראפען און דעריבער מוז זי ווי אמשטארקסטען בעקעמפט ווערען אלס איינע פון די אלט־פערשימעלטע ערציהונגס — מעטאדען. דאס שלאגען פייניגט נאר דאס קינד, בע־לייריגט זיין פערזענליכע ווירדע און אמביציע. בעזונ־דערס מוז מען אויסמיידען צו שלאגען מיידלעך, ווייל שלאגען איז אנ'אנגריף אויפן קולט פונם קערפער און גאנץ בעזונדערס לייזט דערונטער דאס ווייבלי־כע קינד.

* * *

קאמף צווישען פלעכאנאוו' מיט דער „נאראדנאיא וואליא"

(ענדע פון ד־טע זייט)

געפלאגט, דערנאך בעווייזט דער עפיזאד, ווי ענג עס איז ביי דער רעוואלוציאנערער יוגענט שוין דע מאלט געווען דער צונויפבונד פון ריין־טעארעטישע, סאציאלאגישע און געשיכטס פילאזאפישע פראגען מיט די פראבלעמען פון דעם דירעקטען רעוואלוציא נערען קאמף.

איז דער צונויפבונד פון טעאריע און פראק־טיקע אויסגעקומען עפעס משונה ווילד, עס האט אויס געזעהען אנ'ערך אזוי: אויב די פארמען פון דעם פאמיליען לעבען ביי די אינדיאנישע שבטים וואק־סען נישט ארויס פון דעם עקאנאמישען לעבען, נאר האבען נאר א זעלבסטשטענדיגען מקור, אנ'אומאפ העננגיגען פון דער „עקאנאמיק", דעמאלט קאן מען זיך שטעלען די אויפגאבע דורכצופיהרען דעם סאצ־יאליזם מיט די גוואלט־מיטלען פון דעם שטאט. אויב אבער עס זאל זיך חלילה ארויסווייזען, אז ביי די איראקעזען אין נארד אמעריקע זיינען די פאמי־ליען פארמען דירעקט ארויסגעוואקסען פון דעם עקא נאמישען אונטערגרונט, איז דעמאלט טאר מען נישט טראכטען וועגען דעזארגאניזירען די צארישע רע־גירונג אין רוסלאנד און — מיט דער הילף פון אויפ שטאנדען אין די צענטרען — אריבערפיהרען די מאכט אין סאציאליסטישע הענט, „פערכאפען די מאכט"? — היות נישט זיכער!

אזא משונהדיגער צונויפבונד פון טעאריע און פראקטיק עקזיסטירט נאך עד היום ביי א גרויסער מאיאריטעט פון די מארקסיסטען, זי האט דעמאלט געהערשט אויך ביי אונז, אבער מיר האבען דאס דא־זיגע משונהדיגעס נישט בעמערקט.

די ארבייט פון דעם קרייזעל איז אבער פארט גע ווען זעהר א פרוכפערע. ווייל זי האט געוועקט אונ־זער גייסט, בערייכערט אונזערע קענטנישען און גע שארפט אונזערע מוחות.

* * *

שארפע פאל־עמיק
וועגען רמב"ם און „מורה נבוכים"

(ענדע פון 10־טע זייט)

משפט'ן צו גוטען, נישט טראכטען אויף איהם קיין שלעכטס, און ווי קען איך, אָרימער מענשעל, ארויס־טרעטען געגען איהם מיט זיינע גרויסע חכמות. רייכ־קייט אין מליצות און טיפע געדאנקען? זיין כוונה איז געווען א גוטע, צו פערטיפען זיך אין סתרי־תורה, נאר זיינע געדאנקען זיינען פערקראכען אן א זייט, דערלאנגט פאר גאט פרעמדען פייער, און ער, צוליב זיין ליבשאפט, האט זיי נישט געשטערט....

און זאלסט זיך נישט חידוש'ן אויף אונזער רבין משה, ווי איז מעגליך, אז דורך איהם זאל קומען צו זינדיגקייט? שטייט דאך אין חומש ביי א געוועהנ־ליכען זינדיגען: „אז ער האט עס נישט געוואלט, נאר גאט האט עס איהם צוגעשיקט". און אהרן און מרים האבען געזאגט: „וואס מיר האבען זיך בענא־רישט און האבען געזינדיגט", און דוד המלך האט געזאגט: „כ'האב געזינדיגט און פערבראכען".

ווען ס'וואלט נישט געשטאנען אין פסוק: „ריהרט נישט אן מיינע געזאלבטע און טוט נישט קיין שלעכטס מיינע נביאים" — וואלט איך אצינד אויפ געהויבען א נאך נישט געהערטען ליארים, איך וואלט געזאגט, אז דער „מורה" איז ווידערשפעניג, זיין שטענגעל איז פון כופר (וואָרט־שפיל) זיין וויין פון סדום און עמורה; וואס טראכט איהר אויס נייע תו־רות און איהר ווילט מאכען דעם רבנו משה העכער ווי די נביאים? ער אליין האט עס גארנישט געוואלט און נישט געטראכט!

ווארפט אוועק אייער אפגעטריי און רייניגט אייערע געדאנקען, ערשט דעמאלט וועלען מיר מיט אייך שלום מאכען!

דער ערשטער שולדיגער איז ר' שמואל אבן תיבון, ער האט נישט אויסגערעכענט דעם ביטערען סוף, איז ער געווען א שטרויכעל פאר אייער לאנד, האט אייך געגעבען דעם „מורה" צו פרייד, און ס'־איז געווארען לייד, און איהר זענט איהם נאכגע־גאנגען מיט פערמאכטע אויגען, און זענט געשטרוי־כעלט געווארען.

איך האב דאס אלץ גערעדט וועגען דעם „ערב־רב" צווישען אייך; איך ווייס אבער, אז פערהאן צווישען אייך בעריהמטע חכמים, וואס זיצען פער־שטומט, ווייל קיינער וויל זיי סיי ווי נישט הערען און פאלגען.

הלוואי זאל אונז גאט געבען א קלארע שפראך, אז אלע זאלען איהם דינען געטריי, און שלום זאל זיין אויפן גאנצען פאלק ישראל!

יהודה הרופא

(ענטפער פון דוד קמחי — קומענדיגען פרייטאג)

* * *

ראספוטין און זיין יודישע געליבטע
(שטוינענדע לעבענס ־ געשיכטע דערציילט פון איהר אליין)

איבערגעגעבען פון ה. אַקערמאַן.

ווען ראַספוטינ'ס נאָמען איז שוין געווען היפש בעריהמט אין יענער געגענד און מען האָט אָנגעהויבען צו איהם געהן פון נאָהענט און פון ווייט האָט ער אויפגעבויט אַ גרויסען הילצערנעם באַראַק, וואו די אָנגעקומענע און אָנגעפאַהרענע זאָלען זיך האָבען וואו אַהינצוטון און זאָלען זיך האָבען ווי אויסצורוהען. אין באַראַק זענען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע הילצערנע טישען אַרום וועלכע עס זענען געשטאַנען לאַנגע בענק צו זיצען.

פלעגט זיך ראַספוטין אַזוי נוהג זיין:

ווען עס פלעגען אָנקומען אַ סך „געסט" און אַלע האָבען געוואָלט האָבען דעם כבוד צו געבען שלום־עליכם דעם הייליגען פאָטערל גריגאָרי, פלעגען זיי זיך אויסזעצען אין באַראַק אַרום די טישען און ראַספוטין פלעגט אַריינקומען אָנגעטון אין אַ לאַנגען, שוואַרצען קאַפּטאַן מיט א גרויסען צלם אין דער האַנד און פלעגט דורכגעהן די טישען און אַמאָל פלעגט ער מיט אַלעמען איינציגווייז [illegible] גריסען, אַבער מעהרסטענס פלעגט ער דורכגעהן און מיט'ן צלם זיי בענשען.

איז איינמאָל אין אַ זונטאָג איינדערפריה דער באַראַק געווען אָנגעפיהלט מיט אַ מאַסע בעטלער, וואָס זענען געקומען פון ווער, אַז ראַספוטין זאָל זיי בענשען. און אפילו אין אַזעלכע זאַכען האָט ראַספוטין אויך געוואוסט ווי אַזוי צו „נעהמען" דעם עולם, אַז מען זאָל פון איהם רעדען.

אַז עס פלעגען צו איהם קומען (די ערשטע צייט) באַלעבאַטים פון דערפער, פערמעגליכע בעלי־גופים, וועלכע פערמאָגען ערד, פעלד און באַלעבאַטישקייט, פלעגט ער זיך ווייזען פאַר זיי, אַבער אָפּשטעלען זיך מיט זיי רעדען, אריינגעהן אין אַ געשפרעך מיט זיי — דאָס פלעגט ער קיינמאָל נישט טון.

פערקעהרט אַבער, ווען עס פלעגען צו איהם קומען בעטלער, פלעגט ער אַריינקומען צו זיי אין באַראַק און פלעגט כמעט מיט יעדען איינציגען רעדען בעזונדער, ווי זיי וואָלטען געווען זיין גלייכען. האָט מען די דאָזיגע מידה זיינע צווישען די גוים אויסגעטייטשט, אַז ער איז אַ הייליגער מענש און אַז איהם געהט נישט אָן די וועלט מיט איהר רייכטום, מיט איהר גוטס, מיט איהרע אוצ־רות, נאָר ער פיהלט מיט מיט יעדען הונגעריגען, מיט יעדען דורשטיגען און מיט יעדען אומגליקליכען.

אָבער אין דער אמת'ן האָט עס ראַספוטין געטון מיט אַנ'אויסערכענונג, און די אויסערכע־נונג זיינע איז שוין נישט געווען אַזאַ הייליגע. ער האָט געוואוסט, אַז וויבאַלד ער וועט אַזוי האַנדלען מיט די בעטלער, וועט ער זיך ביי זיי קונה־שם זיין און זיי, וועלכע געהען אַרום איבער גאַנץ רוסלאַנד צו־פוס און זענען אין יעדען פערוואָרפענעם דאָרף און פאַרם, וועלען וועגען איהם אויסוועבען אַ לעגענדע איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אַז דאָס איז אַזוי געווען, קאָנען מיר זעהן דערפון, אַז ווען ראַספוטין איז, ווי מיר וועלען שפעטער זעהן, אַרויסגעפאָהרען פון דאָרף אין דער גרויסער שטאָט אַריין, קיין פעטערבורג, איז ער שוין דערנאָך נישט געווען אַזאַ בעשיידענער, און מיט קיין בעטלער האָט ער זיך שוין נישט געוואָלט חבר'ן, נאָר ער האָט זיך געקליבען פריינד פון דער גרעסטער אַריסטאָקראַטיע — אָבער וועגען דעם וועלען מיר שפעטער רעדען.

איז אָט איינמאָל ווען די בעטלער האָבען אָנגעפיהלט זיין באַראַק און האָבען געוואַרט אויף ראַספוטינ'ען, אַז ער זאָל זיי, ווי דער שטייגער איז געווען, קומען בענשען, איז ראַספוטין אַרויסגעקומען פון זיין שטוב און איז אַריינגעקומען אין באַראַק.

ווי זיין טבע איז געווען, האָט ער זיך מיט יעדען בעטלער בעזונדער בעגריסט און האָט יע־דען בעזונדער געגעבען די האַנד, אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו איין בעטלער, האָט ער איהם די האַנד נישט געגעבען, און ער האָט איהם אַר־בערגעהיפּט. אַלע האָבען עס בעמערקט און האָ־בען נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון. אַזוי ווייט געהען און פרעגען ביי ראַספּו־טינ'ען, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פערשעהמט זייער פריינד, דאָס האָבען די איבעריגע בעטלער נישט געוואַגט צו טון.

אָבער באַלד זענען זיי אַלע דערשטוינט גע־בליבען זיצען אויף זייערע ערטער — אַזאַ נס האָבען זיי דערזעהן פאַר זייערע אויגען:

דער פערשעהמטער בעטלער, וועמען ראַספוטין האָט נישט געוואָלט געבען די האַנד, האָט פאַר אַלעמען אין די אויגען אַרויסגענומען פון זיין בוזעם אַ זילבערנעם בעכער, און האָט זיך פאַר אַלעמען מודה געווען, אַז דעם בעכער האָט ער צוגעגנבעט זייענדיג אין אַ דאָרף אין דעם דיאַ־קאָנ'ס הויז, וואו ער האָט איבערגענעכטיגט.

און צו ראַספוטינ'ען איז דער בעטלער דער גנב צוגעלאָפען און האָט זיך געוואָרפען פאַר זיינע פיס און האָט זיי איהם געקושט.

(ווייטער קומט).

נייער פֿאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פֿאָלקסבלאַט

פֿרייטאָג 15 ר"ח מרחשון תרצו

נאָוועמבער

6.56 זון-אויפֿגאַנג
3.44 זון-אונטערגאַנג
ליכט-צינדען: 3,34

דאָס אָפּשאַצען פֿון הכנסה-שטייער אויפֿ'ן יסוד פֿון האַנדעלס-ביכער

— 2 —

פֿון אַדוו. ע. שעסקין.

אין דעם פֿריהערדיגען אַרטיקעל האָב איך אָנגעוויזען אויף אַ רייה פֿאָדערונגען, וועלכע עס שטעלט דער העכסטער אַדמיניסטראַטיווער טריבונאַל און דער האַנדעלס-קאָדעקס פֿאַר אָנערקענען די האַנדעלס-ביכער אַלס ריכטיג-געפֿיהרטע. אָבער דאָס אונטערוואַרפֿען זיך די דאָזיגע פֿאָדערונגען איז נאָך נישט גענוג, כדי צו געניסען פֿון די ביכער אַלס אַ יסוד פֿאַר דער אָפּשאַצונג. מען מוז אָפּגעבען אין טערמין אַ שטייער-„דעקלאַראַציע" און פֿאַררופֿען זיך אין דער „דעקלאַראַציע" אויף די האַנדעלס-ביכער, אויסדריקענדיג די גרייטקייט פֿאָרצושטעלען די ביכער. אין אַן־אַנדערן פֿאַל וועלען די ביכער אויסגעמיטען ווערען ביי דער אָפּשאַצונג.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז געוויסע קאַטעגאָריעס צאָהלער זענען בערעכטיגט צו פֿיהרען אַזוי-גערופֿענע פֿערייַנפֿאַכטע ביכער. דאָס זענען הויז-בעזיצער און פֿרייע בערופֿען. די אַרטיקלען 74—56 פֿון דער אויספֿיהר-פֿעראָרדנונג צו דער שטייער-אָרדינאַציע, נאָרמירען מיט אַלע פּרטים די פֿאָרמען און אופֿן פֿון פֿיהרען די אַזוי-גערופֿענע פֿערייַנפֿאַכטע האַנדעלס-ביכער. איך וועל זיך דערויף נישט אָפּשטעלען, איך וועל נאָר זאָגען, אַז די פֿערייַנפֿאַכטע ביכער האָבען פֿאַר דער אָפּשאַצונג דיזעלבע בעווייז-קראַפֿט און דיזעלבע בעדייטונג, וואָס די געוועהנליכע האַנדעלס-ביכער.

דער רעגיסטרירטער סוחר האָט נישט קיין רעכט צו פֿיהרען פֿערייַנפֿאַכטע האַנדעלס-ביכער. זיין פֿליכט איז צו פֿיהרען געוועהנליכע האַנדעלס-ביכער.

די שטייער-מאַכט פֿיהרט אַדורך די קאָנטראָל פֿון די ביכער ביים שטייער-צאָהלער און נאָר אין אויסנאַהם-פֿאַלען אין לאָקאַל פֿון שטייער-אַמט וועגען רעזולטאַט פֿון דער קאָנטראָל שטעלט דער רעווידענט צונויף אַ פּראָטאָקאָל, דער שטייער-צאָהלער, וועלכער איז נישט מסכים מיט די פֿעסטשטעלונגען, וועלכע זענען אָנגעגעבען אין פּראָטאָקאָל, האָט דאָס רעכט אָפּצוגעבען זיין ערקלערונג ביז 14 טעג נאָכ'ן צונויפֿשטעלען דעם פּראָטאָקאָל.

די אויסמעסטונגס-מאַכט פֿיהרט זיך זעהר אָפֿט אַזוי, אַז נישט אָפּוואַרפֿענדיג די ביכער, שטעלט זי צו געוויסע פּאָזיציעס צו דער הכנסה. איך קען אַ פֿאַל אין דער פּראַקטיק וועגן דער הכנסה-שטייער לויט די ביכער האָט געזאָלט בעטרעפֿען 800 זל. די פֿינאַנץ-מאַכט האָט די ביכער נישט אָפּגעוואָרפֿען, אָבער האָט צוגעשטעלט א רייהע פּאָזיציעס, אַזוי אַז די הכנסה האָט זיך געהעכערט פֿון 800 זלאָטעס ביז 40 טויזענד און דאָס נישט אָפּוואַרפֿענדיג די ביכער. דאָס איז אַ זעהר בעקוועמער אופֿן פֿאַר דער אויסמעסטונגס-מאַכט, דאָס איז נישט פֿערבונדען מיט קיין פֿאָרמאַליטעטען און פֿערלאַנגט נישט קיין פֿאָרמעלע אָפּוואַרפֿונג פֿון די ביכער, דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ אָפּעראַציע אָהן בלוט-פֿערגיסונג איז טיילמאָל מעהר שמערצליך, ווי ביי אַ נאָרמאַלע אָפּעראַציע וואָס בעשטעהט אין אָפּוואַרפֿען די ביכער. זעהר אָפֿט טרעפֿען מיר זי און דער פּראַקטיק מיט'ן צורעכענען די דיסקאָנטאָ-קאָסטען צום פֿערדינסט-בילאַנס צוליב דעם וואָס עס ווערען נישט אָנגעגעבען די נעמען פֿון די פּריוואַטע דיסקאָנטערען, אויב אין מיינע ביכער, למשל, פֿיגורירט א סומע פֿון 4000 זלאָטעס דיסקאָנטאָ-קאָסטען און ס'זענען נישט אָנגעגעבען די נעמען פֿון די, וועלכע האָבען געמאַכט די דיסקאָנטאָ און האָבען די דאָזיגע 4000 זלאָטעס פֿערדינט, רעכענט די פֿינאַנץ-מאַכט צו די דאָזיגע 4000 זלאָטעס צו מיין הכנסה. דאָס איז אַבסאָלוט נישט ריכטיג פֿון יורידישען שטאַנדפּונקט, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען פֿאַלען וואָס זענען נוגע רעכטליכע פּערזאָנען (אַקציען-געזעלשאַפֿטען, שותּפֿות'ן מיט בעגרעניצטע האַפֿטונג א. א. וו.). דאָס איז אַ בפֿירושע דעציזיע פֿון העכסטען אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל פֿון 17-טען אָקטאָבער 1934 L. Rej 624/31 און דאָס אין ענין פֿון דער אַקצ. געז. „קאָרלאַני" אין לאָדז. די דעציזיע לויטעט, אַז דאָס נישט אָנגעבען די נעמען פֿון די פּריוואַט-דיסקאָנטערען בעגרינדעט נישט דאָס צורעכענען די דיסקאָנטאָ-קאָסטען צום פֿערדינסט-בילאַנס.

אויב ס'האַנדעלט זיך וועגען פּריוואַט-פּערזאָנען איז לויט די אַלגעמיינע פּרינציפּען פֿון געזעץ וועגען הכנסה-שטייער, דאָס אויך נישט דערלאָזבאַר, א חוץ וואָס די דאָזיגע דיסקאָנטאָ-קאָסטען זענען נישט פֿערבונדען מיט'ן דערגרייכען פֿון הכנסה (אַרט. 6 פֿון געזעץ וועגען הכנסה-שטייער), מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אויב, למשל, ס'איז בעצאָהלט געוואָרען פֿאַר דיסקאָנטאָ פֿון וועקסלען, וועלכע מ'האָט בעקומען אַלס דעקונג אויף סחורות, וועלכע זענען פֿערקויפֿט געוואָרען אין דער אונטערנעהמונג — איז דאָס אָהן ספֿק אַן־אויסגאַבע וועלכע איז פֿערבונדען מיט דער אונטערנעהמונג און די דאָזיגע קאָסטען טאָר מען נישט צורעכענען צו דער הכנסה. זעהר אָפֿט טרעפֿען מיר זיך אָן אין דער פּראַקטיק מיט'ן צורעכענען צו דער הכנסה די בעצאָהלטע סומעס אין דעם אָפּעראַציע-יאָהר. פֿאַר אומזאָך-שטייער און הייזער-שטייער פֿון די פֿריהערדיגע יאָהרען, אויב איך האָב למשל אין אָפּעראַציע-יאָהר 1934 בעצאָהלט 1000 זלאָטעס פֿאַר פֿערלעגענעם אומזאָץ-שטייער פֿאַר'ן יאָהר 1932, ווערען די דאָזיגע 1000 זלאָטעס, הגם זיי זענען פֿאַקטיש אויסגעצאָהלט געוואָרען אין יאָהר 1934, ווערען זיי אָפֿט נישט אַראָפּגערעכענט פֿון דער הכנסה, דאָס קומט פֿאַר אין די פֿאַלען, ווען איך האָב זיך נישט געשאַפֿען קיין רעזערווען אויף די דאָזיגע 1000 זלאָטעס, דאָס הייסט, אַז אויב איך האָב מיר נישט געשאַפֿען קיין געוויסען פֿאָנד פֿאַר די דאָזיגע 1000 זלאָטעס, ווייל אנדערש האָט די פֿינאַנץ-מאַכט מורא, אַז ס'קען פֿאָרקומען אַ פֿאַל פֿון איבערוואַרפֿען דעם ריוח פֿון איין יאָהר אויפֿ'ן אַנדערן. די שטייער-מאַכט האַלט, אַז איך האָב נישט בעצאָהלט דעם אומזאָץ-שטייער פֿאַר'ן יאָהר 1932 ערשט אין יאָהר 1933 בכיון, ווייל דאָס יאָהר, למשל, האָט אַזוי אויך געגעבען דעפֿיציט און די אויסגאַבע האָט מיר אויך גאָרנישט געגעבען, דאגעגען האָב איך איבערגעוואָרפֿען די דאָזיגע הוצאה אויפֿ'ן יאָהר 1934, ווען איך האָב פֿערדינט, אַזוי אַרום וויל איך פֿערקלענערען דעם פֿערדינסט.

אָפֿט ווערען צוגערעכענט צו דער הכנסה פּאָזיציעס, אויף וועלכע ס'זענען נישט פֿערהאַן קיין בעווייזען, אויב דאָס פֿעהלען פֿון בעווייזען ברענגט נישט צום אָפּוואַרפֿען די ביכער איז דאָס צורעכענען צו דער הכנסה ביים גלייכצייטיגען אָנערקענען די ביכער אַלס ריכטיגע, נישט איינגאַנצען גערעכט, מ'קען דערמיט קעמפֿען, אויב מ'וועט פֿעסטשטעלען, אַז די דאָזיגע אויסגאַבע איז געווען ענג פֿערבונדען מיט'ן פֿיהרען די אונטערנעהמונג.

איך קען נישט אין די ראַהמען פֿון אַן־אַרטיקעל אַרומנעהמען דעם גאַנצען קאָמפּליצירטען מעכאַניזם פֿון צורעכנונגען און אָפּרעכנונגען אין דעם הכנסה-שטייער — איך קען נאָר זאָגען אַז מיר האָבען דאָ צו טון מיט איינע פֿון די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען אויפֿ'ן געביט פֿון שטייער-וויסען.

אַז די אונטערנעהמונג זאָל זיין אין אָרדנונג לגבי דער שטייער-מאַכט מוז אין איהר זיין אַ גוטער בוכהאַלטער, עווענטועל א גוטער שטייער בעל-יועץ, וועלכע וואָלטען ענטשפּרעכענד אַרומגענומען אַלע רעכנונגס און שטייער-פּראָבלעמען.

די צייט פֿון אויבערפֿלעכליכקייטען איז שוין אַריבער און וועט זיך אומקעהרען — נאָר מיט וויסען און טעכניק קען מען ערפֿאָלגרייך קעמפֿען וועגען א גערעכטער שטייער-אויסמעסטונג.

פֿאַבאָר - רשימה פֿון יאָהרגאַנג 1915

מאָרגען, שבת, דעם 16 נאָוועמב. דאַרפֿען זיך שטעלען צו דער פֿאַבאָר-רשימה אין מיליטער-ביוראָ אויף פּיעטריקאָווער 165 די מענער פֿון יאָהרגאַנג 1915, וועלכע וואוינען אויפֿן שטח פֿון 6. קאָמיסאַריאַט מיט די פֿאַמיליעס, וואָס הויבען זיך אָן מיט די אותיות:

ŁMNOPRSSzTUWZŻ

און פֿון 14-טען קאָמיסאַריאַט:

WZŻ

מ'דאַרף מיט זיך מיטברענגען אַ פּערזענליכען דאָקומענט און אַ רעגיסטראַציע-שיין.

צוגאַב=פֿאַבאָר=קאָמיסיע

(א) היינט ד. 15. ד. ח. וועט אין לאָקאַל אויף פּעטריקאָווער 165 אַמטירען אַ צוגאַב-פֿאַבאָר-קאָמיסיע פֿאַר פּ. ק. או. לאָדז-שטאָט 1.

עס דאַרפֿען זיך מעלדען די יונגעלייט פֿונעם יאָהרגאַנג 1914 און עלטער, וועלכע האָבען זיך לעת-עתּה נישט צוגעשטעלט צו אַ מיליטער-איבערזיכט, האָבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-פֿליכט, וואוינען אויפֿ'ן שטח פֿון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטען און האָבען בעקימען נאָמענטליכע אויפֿפֿאָדערונגען פֿון דער לאָדזער שטאָטישער סטאַראָסטווע.

צוזאַמענפֿאָהר פֿון מלוכה-בעאַמטע אין לאָדז

(א) זונטאָג הויבט זיך אָן אין זאַל פֿון שטאָט-ראַט דער וואָיעוואָדישער צוזאַמענפֿאָהר פֿון די מלוכה-בעאַמטע. צום צוזאַמענפֿאָהר קומט דער פּרעזעס פֿון דער הויפּט-פֿערוואַלטונג אין וואַרשע ה' סטיפּינסקי און פֿאָרשטעהער פֿון דער מלוכה-מאַכט

דער צוזאַמענפֿאָהר וועט זיך פֿערנעהמען מיט דער איצטיגער לאַגע פֿון די מלוכה-בעאַמטע צוליב דעם איינפֿיהרען פֿון די נייע שטייערען, די פֿראַגע פֿון נאָרמאַליזירען די בעציהונגען צווישען די בעאַמטע און אַ רייה אַנדערע פּראָבלעמען.

היינט 2 א זייגער בייטאָג דער אורטייל אין קאָמוניסטישען פּראָצעס

(א) נעכטען איז ווייטער פֿאָרגעקומען ביי פֿערמאַכטע טירען דער פּראָצעס געגען די 18 אָנגעקלאָגטע, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין איינאָרדנען א קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע דעם 1. מאַי ה. י. נעכטען האָט גערעדט דער פּראָקוראָר און די פֿערטיידיגער. דער אורטייל וועט אַרויסגעטראָגען ווערען היינט 2 אַ זייגער בייטאָג.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15. טעל. 149-07
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר מענער-שוועכע-בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.
נעמט אָן פֿון 8—11 און פֿון 4—8 אָוונד.
זונטאָג פֿון 9—1 פֿאַרמיטאָג.
פֿאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייזען

אַרבייטער אין דער קאָטאָן-אינדוסטרי
שמעלען אַרויס א רייהע פֿאָדערונגען

(א) זונטאָג קומט פֿאָר א פֿערזאַמלונג פֿון די מיטגלידער פֿון פֿעראיין פֿון די קאָטאָן-אַרבייטער, דער הויפּט-פּונקט פֿון דער טאָג-אָרדנונג אויף דער פֿערזאַמלונג איז די פֿראַגע פֿון דער קינדיגונג אין דער קאָטאָן-אינדוסטריע.

ווייטער שטעלען די קאָטאָן-אַרבייטער אַרויס די פֿאָדערונגען פֿון לוין-טאַריף, אַז פּראַקטיקאַנטען זאָלען קענען אָנגענומען ווערען נאָר דורך די אַרבייטער אַליין און די פֿראַגע וועגען בעשעפֿטיגען איין אַרביימער אויף 2 מאַשינען.

די אַרבייטער זענען גרייט אָנצוהויבען א שטרייק אויב די פֿאַבריקאַנטען וועלען נישט נאָכגעבען זייערע פֿאָדערונגען.

פֿון רעזערוויסטען-קרייז
ביים בערעק-יאָסעלעוויטש-לעגיאָן

אונטער'ן פֿאָרזיץ פֿון וויצע פּרעזעס, צ. מייזלער איז פֿאָרגעקומען אין לאָקאַל פֿון בערעק-יאָסעלעוויטש-לעגיאָן, די קאָנסטיטואירונגס-זיצונג פֿון רעזעריוויסטען-קרייז ביים לעגיאָן.

נאָך דער קאָנסטיטואירונג פֿון דער פֿערוואַלטונג און נאָכ'ן אַרומרעדען און אויסאַרבייטען דעם אַרבייטס-פּראָגראַם איז געשאַפֿען געוואָרען א קאָמיסיע אויף אויסצואַרבייטען דעם רעגולאַמין פֿאַר דער גמילות-חסדים-קאַסע.

נאָך אַ לענגערען מיינונגס אויסטויש איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאַפֿען א נאַרטען-סעקציע, וועלכע וועט זיין אַן־אינטעגראַלער טייל פֿון צענטראַלען פֿערבאַנד פֿון נאַרטזשאַזשעס. די מיטגלידער פֿון דער נאַרטען-סעקציע וועלען געניסען פֿון אַלע הנחות, וואָס עס געניסען די מיטגלידער פֿון אַנדערע נאַרטען-סעקציעס.

סערזשאַנט שעף בוימגאַרטען גיט אָב אַ בעריכט פֿון זונטאָגדיגען שאַרף-שיסען קאָנקורס אויף אויסצייכנונגען פֿון אָ. ס. די אויסצייכנונגען האָבען בעקומען אַ גאַנצע רייה מיטגלידער רעזערוויסטען.

ס'ווערט אויך בעשלאָסען אָנצוהויבען א גרויסע ווערביר-אַקציע. די אַקציע הויבט זיך שוין די טעג אָן.

איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פֿון לעגיאָן, אַלעיאַ קאָשטשושקאָ 21, יעדען טאָג פֿון 6—9 אָוונד.

זופּענוירפֿעל „גראַף"
כּשר
„GRAF"
Buljon w kostkach
בעסטע קוואַליטעט
בהכשר הרב ר' ישעי' פּירסט שליט"א, רב „עדת ישראל". ווין.

פֿייערליכע ארץ=ישראל אקאדעמיע אין פֿילהארמאניע
דיכטער לייב יפה קומט מיטוואָך קיין לאָדז

דאָס ציוניסטישע ביוראָ מאַכט ענערגישע פֿאָרבערייטונגען צו דער פֿייערליכער ארץ-ישראל-אקאַדעמיע, וואָס ווערט איינגעאָרדענט דעם קומענדיגען מיטוואָך ד. 20. ה. ח. אין פֿילהאַרמאָניע-זאַל.

די אַקאַדעמיע קומט פֿאָר צוליב'ן יובל פֿון קרן-היסוד, וועלכער פֿייערט היי-יאָהר דאָס 15-טע עקזיסטענץ יאָהר.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיגער פֿייערונג קומט קיין לאָדז דיכטער לייב יפֿה דער הויפּט-דירעקטאָר פֿון קרן-היסוד אין ירושלים, וועלכער וועט אַרויסטרעטען אויף דער אַקאַדעמיע מיט א גרויסער רעדע אויף ד. ט. „15 יאָהר קאָנסטרוקטיווע אויפֿבוי-אַרבייט אין ארץ-ישראל".

פֿאַר דעם חשוב'ן גאַסט, וועלכער איז אין די ברייטע נאַציאָנאַל-יודישע קרייזען גוט בעקאַנט פֿון זיין פֿרוכטבאַרער טעטיגקייט אויפֿ'ן געזעלשאַפֿטליך-נאַציאָנאַלען און ליטעראַרישען געביט, ווי אויך פֿון זיינע פֿריהערדיגע בעזוכען אין אונזער שטאָט, — ווערט צוגעגרייט א געהעריגער קבלת-פּנים.

גענומען 2 מאָל בעצאָהלט פֿאַר וועקסלען
דערפֿאַר איז ער פֿערמשפּט געוואָרען אויף א יאָהר טורמע

(א) אַ געוויסער לעאָפּאָלד בעלזאַ פֿון קראַשינסקיעגאָ 16 האָט זיך אין אַפּריל 1933 געבאָרגט אויף וועקסלען ביי אַ געוויסען קאַזשימיעזש שובאַלסקי אין אָזאָרקאָוו 1800 זל.

ס'איז געמאַכט געוואָרען א בעדינג, אַז בעלזאַ וועט די סומע צוזאַמען מיט די צינזען בעצאָהלען אין פֿערלויף פֿון אַ יאָהר.

בעלזאַ האָט טאַקע בעצאָהלט, אָבער סובאַלסקי האָט איהם צוריקגעגעבען וועקסלען נאָר פֿאַר 800 זלאָטעס און ערקלערט, אַז די איבעריגע 2 וועקסלען צו 500 זלאָטעס האָט ער פֿערלוירען, ער האָט בלויז אַרויסגעגעבען א קוויטונג.

אין אויגוסט 1935 האָט בעלזאַ פּלוצלונג בעקומען אַן־אויפֿפֿאָדערונג פֿון קאָמאָרניק צו בעצאָהלען 1000 זלאָטעס פֿאַר צוויי וועקסלען. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט זענען דאָס געווען די צוויי וועקסלען פֿון סובאַלסקי, וועלכע בעלזאַ האָט שוין לאַנג בעצאָהלט, בעלזאַ האָט אָבער געהאַט פֿערלוירען די קוויטונגען און דעריבער געמוזט בחרפּתנו בעצאָהלען די 1000 זלאָטעס, גלייכצייטיג האָט ער זיך אָבער געווענדעט צו דער פּראָקוראַטור. נעכטען איז פֿאָרגעקומען סובאַלסקיס פּראָצעס. די עדות האָבען פֿעסטגעשטעלט, אַז סובאַלסקי האָט בעקומען 2 מאָל בעצאָהלט און ער איז פֿערמשפּט געוואָרען אויף אַ יאָהר טורמע.

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווא 28. טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פֿאַר מענער - שוועכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פֿון פּסיכאָ - פֿיזיאָלאָגיע
נעמט אָן פֿון 8—11 פֿון 5—8 אָוונד.

קלאַנג=קינאָ=טעאַטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26.
היינט און פֿאָלג. טעג!
גרויסער דאָפּעלטער שלאָגער-פּראָגראַם:
— I —
גרויסע עראָטישע דראַמע א. נ.
„זיידער לעצט בעגעגעניש"
מיט Elżbieta Allan
אין דער הויפּט-ראָלע.
— II —
Veronika
הומאָריסטישער פֿילם, אין דער הויפּטראָלע
Franciszka GAAL
אויסערן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבע.
אָנהויב 4 נאָכמ. שבת און זונטאָג 12 פֿריה.

אין שוץ פון מוטער און קינד

אויף דער אויסשטעלונג א. „שוץ איבער'ן קינד און יוגענד" שפיגעלט זיך אפ די פילזייטיגע פאלקס-ארבייט פון „טאז". — אומגעהויער וויכטיג סטאטיסטיש מאטעריאל אנגעזאמעלט אין „טאז"-קיאסק

צו וואס עס צילט דער קיאסק פון „טאז"

פון ד"ר מ. שוואלבע

(* 2

דער קיאסק האט די אויפגאבע, אין א קלארער און לייכטער פארם, בעקענען די בעזוכער מיט דער טעטיגקייט פון דער געזעלשאפט. מיר האבן אויסגעקליבען דעם קאנצענטרישען מעטאד. צום ערשטען גיבען מיר א אלגעמיינעם איבערבליק איבער דער „טאז"-טעטיגקייט, דאן גייען מיר איבער צו איינצעלהייטען. דער ערשטער אלגעמיינער איבערבליק איז געמאכט געווארען אין דער טאבעלע, וועלכע מיר האבען אנגערופען „זייגער". דער אינהאלט פון דער טאבעלע איז אזוי קלאר, אז זי נויטיגט זיך בפירוש נישט אין קיין שום אויפקלערונגען. מיר ווילען דא איבערגעבען דעם אינהאלט פון דער טאבעלע. זי האט די פארם פון א קרייז, און איז איינגעטיילט אין דרייצעהן גלייכע טיילען. אזוי גערופענע סעקטארען. די סעקטארען זענען נומערירט פון נומער איינס ביז 13, לויט דער צאהל פון אינסטיטוציעס וועלכע לאדזער טאז פארמאגט.

דער סעקטאר נומער איינס — פון אויבען אנ-אויפשריפט: ערשטע בעראטונגס - שטעל פאר מוטערס (אין מיטעלשטאט), פון אונטען א צושריפט — אונטער דער אויפזיכט 400 קינדער יעהרליך. אינמיטען — א שיינע צייכנונג — א פרוי מיט א טוך אויף דעם קאפ מיט א זויג-קינד אויף די הענט — א סימבאל פון דער בעראטונגס-שטעל.

דער סעקטאר נומער צוויי — ווידער א אויפשריפט פון דער אינסטיטוציע—צווייטע בעראטונגס-שטעל פאר מוטערס (אין באלוט) אינמיטען דערזעל בער סימבאל, און אונטען א צושריפט — אונטער אויפזיכט 400 קינדער יעהרליך.

סעקטאר נומער דריי — בעראטונגס שטעל פאר שוואנגער-פרויען, סימבאל-צייכנונג. א ארימע שוואנגער-פרוי. צושריפט אונטען. אונטער אויפזיכט 350 שוואנגער פרויען יעהרליך.

סעקטאר נומער פיר. היים פאר זויג קינדער, אונטען 34 בעטלעך. אינמיטען א צייכנונג. א קינד אין א קישעלע. הענט מיט ווייסע ארבעל, הענט פון א פלעגרין נעמען צו דאס קינד הענט פון דער מוטער, ארימע, בלייבע גיבען אוועק דאס קינד, דערוויטערען זיך.

די ערשטע פיר אינסטיטוציעס זענען איבערגעגעבען אין איין קאליר, ווייל זיי בילדען צוזאמען דעם טייל פון „טאז"-ארבייט, וועלכער האט די אויפגאבע שוץ איבער מוטער און זויג-קינד.

דאן געהט דער סעקטאר נומער פינף, געפארבט אין א בעזונדערער פארב. דאס איז די בעראטונגס שטעל פאר קינדער, אין פאר-שול-עלטער. אלס סימבאל: א קינד אין עלטער פון 4 יאהר; צושריפט — אונטער אויפזיכט 250 קינדער און 80 היימלאזע קינדער.

סעקטארען נומער זעקס, זיבען, אכט, ניין, צעהן און עלף — אלע געפארבט אין איין גרינע פארב נעהמען ארום אינסטיטוציעס וועלכע בילדען צוזאמען די אפטיילונג פון שוץ איבערן קינד אין שול-עלטער, דאס זענען פאלגענדע אינסטיטוציעס: שול היגיענע, דענטיסטישער קאבינעט, שול-אמבולאטאריום, גאבינעט פאר הייל-גימנאסטיק, זומער קאלאניעס און פסיכאלאגישע בעראטונגס שטעל פאר שוואך ענטוויקעלטע אפגעשטאנענע קינדער.

אינטערעסאנט איז ארויסגעקומען דער סימבאל פאר שול היגיענע, א דאקטאר אונטערזוכט א קינד. נישט ווייט הענגט א שול-טאוועל, די אונטערזוכונג קומט פאר אין קלאס. צושריפט: אונטער אויפזיכט 12 שולען און 2500 קינדער.

פארן דענטיסטישען קאבינעט איז אנגעמערקט א יונגעל, וועלכער האט צוגעבונדען די באק מיט א טיכעלע. עס טוען איהם וויי די ציין. צושריפט — מען היילט 2.400 קינדער יעהרליך. פאר דעם שול-אמבולאטאריום — א יונגעלע אויף דער וואג — צושריפט — אונטער אויפזיכט 350 קינדער יעהרליך.

פאר דעם קאבינעט פון הייל-גימנאסטיק: א יונגעל מאכט איבונגען אויף גימנאסטישע מכשירים. עס איבען 22 קינדער. פאר זומער קאלאניעס — ארום א בוים טאנצט א גרופע קינדער. צושריפט 850 קינדער יעהרליך

פאר דער פסיכאלאגישער בעראטונגס שטעל — א יונגעלע שפילט זיך אין קלעצלעך. ער האט צו פערענטפערן א פסיכאלאגישע אויפגאבע, אונטער אויפזיכט 18 קינדער.

אין א בעזונדער פארב — סעקטאר נומער 12, רענטגען סטאציע. קאמף געגען פאוואום. א אפצייכנונג פון רענטגען. צושריפט — געהיילט 240 קראנקע יעהרליך.

און ענדליך דער לעצטער סעקטאר נומער דרייצעהן. פראפאגאנדע פון היגיענע. א צייכנונג פון א פארלעזונגס זאל 12 פארלעזונגען יעהרליך. פערשפרייטונג פון פאפולערער ליטעראטור.

מיר האבען אנגעוויזען אויף דער פערשטארקטער ארבייט, וועלכע מיר פיהרען בייַ דער קאנטראל אין שוץ איבער היימלאזע קינדער. מיר האבען אנגעוויזען אז ביז עלף טויזענד קינדער זענען געווען אויף דער זומער קאלאניע. מיר האבען אונטערגעשטראכען אז ביז דריי טויזענד קראנקע אויף פאוואום, (פארך) האבען מיר אויסגעהיילט. מיר האבען אנגעוויזען אז אונזערע שול דאקטוירים האבען אויסגעפונען אין די שולען ביז אכט טויזענד קראנקע קינדער.

מיר האבען אויך אנגעוויזען אויף אונזערע שוואכע זייטען. נאר פיר הונדערט מיטגלידער זענען פערשריבען אין „טאז". דער מיטגלידער אפצאהל פערקלענערט זיך פון יאהר צו יאהר. די פרייוויליגע נדבות פערקלענערען זיך. די איינפלוסען פון אונטערנעהמונגען, די סובווענצען פון דער מלוכה און זעלבסטפערוואלטונגען, ווערען אלץ קלענער.

עס איז שווערער צו פיהרען די ארבייט, מוזען אבער גרעסער זיין די אנשטרענגונגען מצד דער פערוואלטונג און ליטונג. אפטער מוז מען זיך ווענדען צו דער אפפערוויליגקייט פון דער לאדזער געזעלשאפט. האט אבער די לאדזער געזעלשאפט א מעגליכקייט זיך איבערצוצייגען צי פערדינט „טאז" אויף שטיצע.

נאר ווען די לאדזער געזעלשאפט וועט ארויסווייזען אינטערעס פאר „טאז", נאר ווען די געזעלשאפט וועט שטיצען „טאז" וועט „טאז" אויך קענען פערברייטערן די ארבייט. און א פעלד פאר ארבייט איז פאראן א גרויסער.

*) זעה „נייער פאלקסבלאט" פון 8 נאוועמבער.

געבוירענע און דערוואָרבענע פעהלער

פון ד"ר י. האנדזעל

I

מיר טרעפען זיך אויף יעדען שריט מיט דעם פארוואורף אז די מעדיצין איז נאך היינט מאכטלאז, אז אין א גאנצער רייה פון קראנקהייטען איז זי נישט ביכולת צו העלפען, און אז איהר ווירקונגס-קרייז איז זעהר א בעגרעניצטער.

עס איז אין א געוויסע מאס אמת, ס'איז אמת אז אין מאנכע קראנקהייטען איז אונזער הילף א קנאפע, און מיט טרויער מוזען מיר פעסטשטעלען אז נישט איינמאל קומט אונז אויס ראטלאז זיך צוצוקוקען, ווי די קראנקהייט פיהרט איהר שרעקליך פערניכטענדיגע ארבייט. אבער עס איז אויך אמת, אז אין די לעצטע צעהנדליגער יאהרען האט די מעדיצין געמאכט גרויסע פארטשריטען און זי קאן זיך בעריהמען מיט געוואלדיגע דערגרייכונגען אויף א סך געביטען און, אז א סך אונהיילבארע קראנקהייטען האט זי מיט גרויס ערפאלג גובר געווען.

ספעציעל אויף איין געביט איז איהר נצחון א געוואלדיג גרויסער: אויף דעם ברייטען שליאך פון פערהיטען די קראנקהייטען, צעהנדליגער געלערנטע האבען מקריב געווען זייער לעבען נאכיאגענדיג דעם אונבעקאנטען שונא. הונדערטער האבען זייער גאנץ לעבען פערבראכט מיט דעם דערקענען פון זייער קאמף-מעטאדען, און טויזענדער האבען בעוואוסט אויפגענומען אין זיך די באצילען, כדי אויסצופרובען זייער ווירקונג אויף דעם מענשליכען גוף. דאס זענען די „אונבעקאנטע סאלדאטען" אהן א פסל און אהן לארבער-קרענץ, וואס זייער לעבען און טויט האט בעפרוכפערט די קינפטיגע דורות!

מיר קענען איצט די סיבות פון א סך קראנקהייטען און אויב מיר ווייסען נישט תמיד ווי אזוי זיי צו בעקעמפען, ווייסען מיר ווי אזוי זיך אויסצוהיטען פון זיי. און אין דעם ליגט דער געוואלדיגער פארטשריט פון דער מאדערנער מעדיצין.

אויך אויף דעם געביט וועלכע מיר וועלען אין א רייה ארטיקלען בעליכטען איז דאס פערהיטען וויכטיגער ווי דאס היילען, ווייל מיט פערהיטען קאן מען א סך אויפטון און מיט היילען ווייניג.

דאס פערהיטען פון די פעהלער ביי קינדער ווערט נאך היינט ווייניג בעטראכט און די סיבה דערפון איז דאס די אויפקלערונג איבער די ארטאפעדישע דערציהונג איז נאך גאר שוואך פערשפרייט צווישען דעם ברייטען עולם. דאס היילען פון אט די קראנקהייטען ליגט איינציג און אליין אין די הענט פון דעם דאקטאר, אבער אין דעם פערהיטען קאנען און מוזען צוזאמענארבייטען: דער דאקטאר און די מוטער, עווענטועל אויך דאס פלעגע-פערזאנאל, בקיצור אלע די מענשען וואס אין זייערע הענד ליגט דער גורל פון דעם קינד אין דעם וויכטיגסטען צייט-פעריאד פון זיין לעבען. זיי האבען די זעהר דאנקבארע אויפגאבע פון דעם ערשטען טאג אן, נאך דעם קינדס געבוירען ווערען, אכטונג צו געבען, צו פערהיטען א יעדען שאדען וואס קאן פון דעם קינד מאכען א קריפעל; זיי קענען לכל הפחות רעקטיפיצירען אזא קראנקהייט דערקענען ווייל: **וואס פריהער אלץ לייכטער איז אזא קראנקהייט צו היילען.**

די הויפטזעכליכע לאסט ליגט אויף דער מוטער, איהר קינד צו דערציהען צו א געזונדען ווידערשטאנדס פעהיגען מענש. די פרויען פון די אינטעליגענטע קרייזען האבען זיך שוין בעקענט מיט דער מאדערנער היגיענע, וואס איהר וויכטיגסטער טייל בעשטעהט פון דער ארטאפעדישער דערציהונג, אבער אין אלע קרייזען פון אונזער פאלק מוז גיין דער רוף צו די מוטערס:

וואכט איבער אייערע קינדער און בעזארגט זיי אליין!!!

מפעציעל ביי אונז יודען, ווערט דא נאך א סך געזינדיגט. וואס געבילדעטער די מוטער, אלץ גרעסער איז די זינד. אונזער פאלק איז פעראָרעמט, אפט איז די מוטער דער מפרנס פון הויז. זי מוז איבערלאזען דאס קינד דער גאס, אדער דעם, מיט א פאר יאהר עלטערען קינד, אזוי פערזעהט מען די צייט, וואו מען קאן דעם קינד העלפען, און עס וואקסט א קריפעל. ביי דער רייכער און געבילדעטער מוטער געשעהט עס אפט, ווייל זי וויל זיך מיט דעם קינד נישט בעשעפטיגען, דאנסינגס, און בעזוכען און פלירט רויבען ביי איהר צייט און זי לאזט איבער דאס קינד פרעמדע מענשען. און מיר לעבען דאך אין דעם „יאהרהונדערט פון קינדער", זיי זענען אונזער האפנונג און צוקונפט, שווערע צייטען שטעהן פאר אונז יודען, מעהר ווי אלע פעלקער דארפען מיר א געזונדען דור, וואס זאל זיך קענען אנטקעגענשטעלען די געפאהרען פון מחוץ ומבפנים. —

א גרויסע אויפקלערונגס ארבייט פיהרט ביי אונז דער „טאז". א גאנצע רייה פון מענשען ארבייט מיט מסירת נפש, ווידמעט צייט און געלד בכדי דורכצופיהרען די אויפקלערונגס- און פערהיטונגס-ארבייט אין די ווייטסטע שיכטען פון דער יודישער געזעלשאפט. צי געפינען זיי דעם נויטיגען געהער, צי פאלט זייער ארבייט אויף א פרוכטבארען באָדען? דאס וועלען מיר זעהען אין די קומענדיגע ארטיקלען.

בכדי זיך שוין שפעטער נאר מיט דער אייגענטליכער טעמע צו בעשעפטיגען נאך א פאר אלגעמיינע בעמערקונגען. מיר האבען שוין געזאגט, אז וואס פריהער מען דערקענט די קראנקהייט אלץ בעסער. אזוי ווי די מוטער דערזעהט עפעס אומנארמאלעס ביי איהר קינד איז דער ערשטער וועג צום דאקטאר. געפינט דער דאקטאר גארנישט איז גוט. די מוטער האט איהר פליכט ערפילט, און האט א רוהיגען געוויסען. איז ווירקליך פאראן א קראנקהייט האט די מוטער נישט אדורכגעלאזט דעם ריכטיגסטען מאמענט וואו מען קאן נאך א סך העלפען.

און נאך איינס. ביי דער ארטאפעדישער בעהאנדלונג האט מען נישט צו טון מיט א וואונד וואס היילט זיך אין א פאר טאג. דא זענען פערענדערונגען אין דעם הארטען טייל פון גוף: אין די ביינער. אזא מין בעהאנדלונג מוז דויערען חדשים — יאהרען! מען דארף אפאראטען, מאשינען און גיפס, דער דאקטאר טאר נישט פערלירען די געדולד: עס איז זיין בערוף און זיין פליכט צו ברענגען הילף דעם קראנקען. אויך דאס קינד געוויינט זיך שנעל מיט דער בעהאנדלונג, און עס מאכט ביי איהם גאר נישט אוים. אונגעדולדיג זענען די עלטערען, זיי מאכען שוועריגקייטען, ברעכען אפ די בעהאנדלונג, גייען פון דאקטאר צו דאקטאר, זענען גרייט צו טון אלץ וואס יעדער זאגט זיי, יעדען מאנטאג און דאנערשטאג האבען זיי אנאנדער דעה, פערניכטען מיט אייגענע הענד דעם, מיט שווערער מיה אויפגעשטעלטען בנין.

קיאסק פון „טאזיי אויף דער אויסשטעלונג

דאס פראבלעם פון גאסטן-קינד

דער הערליכער קיאסק פון „טאז" אויף דער אויסשטעלונג, איז א לעבעדיגער עדות פון דער גרויסער ארבייט וועלכע ווערט אויסגעפיהרט דורך דער געזעלשאפט צו אפצוהיטען דאס געזונט פון דער יודישער בעפעלקערונג. די ציפערען, דיאגראמען, פלאסטישע עקספאנאטען, בראשורען און פראטאקאלען זענען ווי איינגעקריצט אין מארמאר און קיין שום כוח קען זיי מעהר נישט אויסמעקען. דאס רעדט צו דעם, וואס קומט אויף דער אויסשטעלונג, מיט א קלאהרער שפראך. מאנכעסמאל פערשעהמט זיך דער געזעלשאפטליכער מענש, זייענדיג אויף דער אויסשטעלונג, ווייל ער האט קיין אהנונג נישט געהאט וועגען דער גרויסער ארבייט פון „טאז", וואס איז ביי איהם בעטראכט געווארען ווי יעדע אנדערע פילאנטראפישע אינסטיטוציע.

און ס'האנדעלט זיך ווירקליך נישט וועגען די טויזענדער און צעהנדליגער טויזענדער יודישע מוטערס און קינדער, וועמעס געזונט איז אפגעהיטען געווארען אדער זענען געהיילט געווארען דורך „טאז". ס'האנדעלט זיך וועגען דער פארם פון דער טעטיגקייט, וועגען דער קוואליטעט, וועגען דעם אינהאלט, וועגען דעם זין און בעוואוסטזיין וואס ווערט אין איהר אריינגעלעגט. און ווען מען הערט זיך צו צו די קלאהרע און אויפריכטיגע רייד פון די ציפערען און דיאגראמען, אין דעם קיאסק פון „טאז", דעמאלט הויבט מען אן צו פערשטעהען און צו בעגרייפען. אז דאס פערהיטען פון דעגענעראציע פון טויזענדער, טויזענדער יודען אין לאדז איז אן ארבייט, פאר וועלכער די געשיכטע, די ווירקליכקייט און די צוקונפט, וועט האבען די פאסענדע בעצייכנונג.

אנהויבענדיג פון הילף פאר שוואנגערע פרויען, דאן זויגלינגס-הילף, הילף פאר דעם אונטערוואקסענדען קינד, היגיענע אין די יודישע פאלקס-שולען, זומער-קאלאניעס, אמבולאטאריעס און בעראטונגס-שטעלען, קוואַרץ - לאמפען און פעדיאטריע — דאס אלץ לעגט זיך צונויף, אויף א גרויסען קאמפלעקס הילף, וואס איז קאנצענטרירט אין „טאז".

די הויפט-אויפגאבע פון דער געזעלשאפט איז פראפילאקטיק. דאס הייסט אפהיטען פון קראנקווערען. דאן קומט ערשט אויפ'ן צווייטען פלאן די היילונג, ווען מען איז שוין קראנק געווארען. געוויס איז די דאזיגע ליניע די געזעלשאפטליכע, די ריינע פאלקס-ארבייט, וועלכע זיכערט דעם ערפאלג און די דאנקבארקייט פון דורות.

אבער ווען מען קוקט זיך צו פון טאבעלע ביז טאבעלע וועגען דעם, וואס פארא הילף עס ווערט געגעבען און פאר וועמען די הילף איז בעשטימט, דוכט זיך אויס, אז ס'איז נישט פערענטפערט אלץ אז עפעס פעהלט, אז „טאז" האט אדורכגעלאזען א גרויס און גאר וויכטיג געביט פון ארבייט. מיר האבען דא אין זין דאס פראבלעם פון גאסטען-קינד.

אומעטום, אין פאריז, ניו-יארק, מאסקווע, תל-אביב און ווארשא — איז דאס פראבלעם פון גאסטען-קינד ברענענד. אומעטום זוכט מען הילף פאר דער גרעסטער פאלקס-קראנקהייט, וואס נעמט איהר אנהויב פון היימלאזען גאסטען-קינד, פון דאנען שטאמט די פאלקס-דעמאראליזאציע, פון דאנען שטאמען די פסיכאפאטען, סיפיליטיקער, גנבים און אויסוואורפען, וועלכע פערסמ'ען דאס פאלקס-לעבען דעגענערירען און פערוואהרלאזען.

לאדז איז אויך נישט אויסגעשלאסען פון דעם גרויסען פראבלעם, וועלכען ס'ווארפט אן דאס גאסטען-קינד און אין לאדז איז אויך פערהאן דאס פראבלעם פון יודישען גאסטען-קינד — דאס פראבלעם, וועלכעס האט זיך לעצטענס אזוי פערשארפט. און איז געווארען אזוי אנגעווייטאגט, אז ס'איז שוין נויטיג די כירורגישע אפעראציע.

צי זעהט מען דען נישט אין לאדז די צעהנדליגער יודישע קינדער, וועלכע בלאנקען זיך ארום דורך גאנצע נעכט איבער די גאסען, ווייסען נישט ווער זייער פאטער איז און וואו זייער מוטער איז אהינגעקומען. ויפעל זעהען מיר דעמאראליזירטע „וועלבסטשטענדיגע" קינדער הויף-זינגער, וועלכע פיהרען זייער פראצעדור פון זינגען און בעטלען גאנץ אליין, וויפיל זעהען מיר אין די געריכטען פאר מינדעריעהריגע יודישע קינדער-גנבים און אפילו אזעלכע קינדער, וועלכע פערנעהמען זיך מיט'ן אנווייזען ביינאכט פערשפעטיגטע דורכגעהער די אדרעסען פון בתי-זונות.

נישט פערהאן קיין איין מענש אין לאדז, נישט פערהאן קיין איין אינסטיטוציע אין לאדז, וועלכע זאל זיך האבען פערטראכט אויף דעם דאזיגען שווערען און גרויזאמען פראבלעם און אנהויבען זיך מיט איהם צו פערנעהמען.

צווישען די דרייצעהן זעהר און וויכטיגע אפטיילונגען פון „טאז", וועלכע זענען אזוי קלאהר פארגעשטעלט אויף דער אויסשטעלונג, פעהלט די טעטיגקייט אויף דעם דאזיגען געביט. „טאז" איז די איינציגע יודישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע, וועלכע דארף איבערנעהמען צו לעזען דאס דאזיגע פראבלעם. „טאז" איז דאס איינציגע ארט, וואוהין מיר קענען די פראגע אנפערטרויען צוליב דעם הערליכען עקזאמען, וועלכען ער האט שוין אפגעגעבען אויף אנדערע געביטען, אפהיטען דאס גאסטען-קינד, איז די פראפילאקטיק פון פאלקס-געזונדהייט, פון פאלקס-גייסט, פון דער פאלקס-נשמה. די דאזיגע ארבייט פאסט זיך פאר „טאז".

י. דאנקין.

אפטייקען.
היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: ראנצער, זגערזשער 57; גראשקאווסקי, 11 ליסטאפאד 15; גארפיין, פילסודסקיעגא 54; כאנדזינסקי, פעטריקאווער 165; רעמבעלינסקי, אנדזשעיא 28; שימאנסקי, פושענרזעלניאנא 75.

ביי די שערער-ארבייטער

די שערער-סעקציע ביי דער יודישער אפט. פון קלאסען טעקסטיל-פעראיין איז מודיע, אז די לעצטע צייט פיהרט דער שערער-פעראיין, זאוואדזקא 4 א ברייטע פראפעסיאנעלע טעטיגקייט.

עס ווערען דערלעדיגט כסדר קאנפליקטען און אדורכגעפיהרט אינטערווענצען לטובת די שערער.

די שערער הויבען אן פערשטיין, אז אויסערן פעראיין זענען זיי א רעכטלאזע מאסע, מיט וועלכע מ'קאן טוען, וואס מ'וויל.

אין צוזאמענהאנג מיט דער ווערביר-אקציע וואס עס פיהרט די צענטראל-קאמיסיע פון די קלאסען-פעראיינען, פיהרט אויך דער שערער-פעראיין א לעבהאפטע ווערביר-ארבייט, עס קומען צו כסדר נייע מיטגלידער.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט איינגעארדענט זונטאג ד. 17-טען ד. ח. נ. מ. אין אייגענעם לאקאל זאוואדזקא 4 א גרויסע שערער-פערזאמלונג וו די ס'וועלען בעהאנדעלט ווערען א רייה ברענענדע פראגען פון שערער לעבען.

ס'איז דער חוב פון אלע לאדזער שערער צו זיין אויף דער פערזאמלונג.

Dr. med. H. LUBICZ

פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8—10, 12—2 און 5—8 אווענד.
זונטאג פון 9—11 בייטאג און יום-טוב פון 9—1

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16

היינט פרעמיערע!
די טאכטער פון
פון גענעראל
פאנקראטאוו
אין די הויפט-ראלען:
Kazimierz Stępowski,
Marja Ney, Marja Bogda,
Franciszek Brodziewicz.
אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 בייט.

היסטארישע אויסגראבונגען
ענטדעקט א בית-עולם פון פאר 2500 יאהר

(א) אין דארף טשאשען, קאנינער פאוויאט, האט איינער פון די פויערים, ארבייטענדיג אויפ'ן פעלד זיך אנגעטראפען אויף עפעס אלטע זאכען פון בראנז.

צוליב דעם וואס עס האט זיך אויסגעוויזען, אז די חפצים זענען פון היסטארישער אפשטאמונג, האט מען מיטגעטיילט דער פאוויאטאווער מאכט, וועלכע האבען פערזיכערט די אויסגראבונגען און דעם פלאץ וואו זיי זענען געפונען געווארען.

אויפ'ן ארט איז אנגעקומען א קאמיסיע פון פויזנער מוזעאום, וועלכע האט אדורכגעפיהרט נויע פארשונגען.

קודם כל איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די ענטדעקטע שטיינערנע קברים שטאמען פון דער בראנז-עפאכע אנ'ערך פון פאר 1000 יאהר.

מיט א מעטער טיפער אונטער די קברים האט מען אנגעטראפען אויף אורנעס מיט אש, וועלכע שטאמען, לויט דער מיינונג פון דער קאמיסיע פון פאר 2800 יאהר. די פאר היסטארישע אויסגראבונגען, זענען פערזיכערט געווארען, ווייל ס'וועלען געפיהרט ווערען אויפ'ן ארט ווייטערדיגע ארבייטען.

שרפה אין דער פאבריק פון די ברידער זייבערט

(א) אין דער פאבריק פון די ברידער זייבערט אויף סובאלסקא 6 איז נעכטען ווידער אויסגעבראכען א שרפה, ווי בעקאנט האט שוין אין דער דאזיגער פאבריק אין פערלויף פון די לעצטע יאהרען עטליכע מאל געברענט.

נעכטען האט די שרפה אויסגעבראכען אין דער טרוקען-אפטיילונג, ס'זענען ארויסגערופען געווארען 2 אפטיילונגען פון די פייערלעשער, וועלכע האבען די שרפה אין פערלויף פון א שעה צייט איינגעלאשען.

טעאטער
„ראזמאיטאשטשי"
ציגעל-גאס 27 טעל. 112-25
אנפיהרער: י. קרעלמאן.

10.000 מענשן האבן בעוואונדערט
20.000 אויגען האבן געזעהן!

אלע זענען ענטציקט!
אלע זענען בעגייסטערט!

בראוואָ! בראוואָ!
היינט פרייטאג, 9.15 אווענט
מארגען שבת,
4.15 בייטאג (צו ביליגע פרייזען) און 9.15 אווענט
די בעליבטע און בעגאבטע קינסטלערין

דינה
האלפערן
צוזאמען מיט איהר פארטנער
סעם בראנעצקי
און גאנצען אנסאמבל,
אין לעצטען רעוואלוציע שלאגער אין 3 אקטען פון א. נאגער
א חתונה אין תפיסה!
הערליכע אויסשטאטונג, ליכט-עפעקטען —ספעציעלער עלעקטרישער עקזעקוציע-שטוהל.
בעמערקונג: שבת און זונטאג 4.15 בייטאג קאן יעדער בילעט (א חוץ גאלעריע) מיטנעהמען א קינד ביז 8 יאהר אומזיסט.
בילעטען צו בעקומען פון 11 פריה אין קאסע פון טעאטער „Rozmaitości"

ספארטאווע
נישט דורכנעצעצע
פאר דער יוגענד

9.90
27-30

ברוינע חי אויך שווארצע	31—35	צו 11.90 זל.
" "	31—39	" 13.90
" מענער-שיך		" 17.90

(גאראנטירט פאר יעדען פאר)
ספעציעלע ספארט-שקארפעטען
פון ריינער וואל און האנד-ארבייט 1.90, 2.20, 2.50

Be-Ka
ŁÓDŹ, PIOTRKOWSKA 59

אינטערווענץ פון ארבייטער פעראיינען
אז מ'זאל נישט רעדוצירען קיין אלטע ארבייטער

(א) דער ז. ז. ז. האט לעצטענס אונטערגענומען אינטערווענצען ביים ארבייטס-אינספעקטאר, אז מ'זאל אויפהערען צו רעדוצירען עלטערע ארבייטער, לעצטענס האט געטראפען, אז בעת די רעדוקציעס אין די פאבריקען האט מען בעזייטיגט אלטע ארבייטער, וועלכע האבען נישט קיין רעכט אויף עמעריטור, די פאבריקאנטען מאטיווירען די דאזיגע רעדוקציעס דערמיט וואס די אלטע מענשען קענען נישט אזוי פיל פראדוצירען ווי אנדערע.

די ארבייטער-פעראיינען האבען אונטערגענומען אן אקציע אין דער פראגע.

א שבת'דיג דאווענען פון אויבער-קאנטאר משה קוסעוויצקי
מיט דעם אנטייל פון פראפ. י. זאקס אין „פילהארמאניע"

אנ'אנגענעהמע איבערראשונג ערווארט די לאדזער מתפללים.

ווי מיר דערוויסען זיך ווערט דער וועלט-בעריהמטער אבערקאנטאר פון ווארשאווער סינאגאגע משה קוסעוויצקי דאווענען פרייטאג צונאכטס דעם 29. און שבת ד. 30. ד. ח. קבלת שבת, שחרית און מוסף אין זאל פילהארמאניע.

אין דעם דאווענען האט בעוויליגט אנטיילצונעהמען דער בעוואוסטער דיריגענט און קאמפאזיטאר פראפ. י. זאקס.

שטורמדיגע צייטען
ראמאן 28

דער נאמען סעלים-כאן האט געווירקט ווי א באמבען-אויפרייס. ביים פלוצלונגען אפשטעלען זיך פון צוג אין מיטען וועג האבען זיך די פאסאזשירען אזוי נישט דערשראקען, ווי אין דעם מאמענט, ווען זיי האבען דערהערט דאס שרעקליכע, דאס מורא'דיגע ווארט:

— סעלים-כאן!

דאס ווארט „סעלים-כאן" האט מעהר געווירקט ווי די מיילער פון די רעוואלווערען. די פאסאזשירען האבען אנגעהויבען זיך ווארפען פאר שרעק. ביי א טייל האבען אנגעהויבען קלאפען א צאהן אן א צאהן; עטליכע, פרומערע, האבען זיך גענומען צלמ'ען און שעפטשען א תפילה. א סך זענען געבליבען זיצען ווי געלייהמטע. עטליכע פרויען האבען גענומען וויינען, א סך האבען זיך געבראכען די הענד פאר שרעק און פערצווייפלונג.

אפילו די קאנדוקטארען, דער מאשיניסט און זיינע געהילפען, זענען געבליבען ווי אפהענדיג און האבען נישט געוואוסט, וואס אנהויבען צו טון: א קליינינקייט — סעלים-כאן!

די העכערע מיליטער-לייט, וואס זענען געפאהרען מיט'ן צוג, האבען אינסטינקטיוו ארייגעשטעקט די הענד אין די טאשען, כדי ארויסצונעהמען די רעוואלווערען, אבער די פינגער זענען ביי זיי ווי פערגליווערט געווארען, און האבען זיך נישט בעוועגט. די דאזיגע מענשען האבען זעהר גוט געוואוסט, אז אויב זיי וועלען אין איציגען מאמענט שטעלען דעם מינדסטען ווידערשטאנד, וועלען זיי דערפאר בעצאהלען מיט'ן לעבען, און אפילו אפיצירען האבען מורא פאר זייער אייגענער הויט.

די אנפאלער האבען דעריבער געהאט זעהר א לייכטע ארבייט. זיי האבען די ערשטע זאך ענטוואפענט די אנגעשטעלטע פון דעם צוג און זיי געבונדען.

די קאנדוקטארען, די הייצערס, דער מאשיניסט און בילעטען-קאנטראלער, זיי אלע האבען אהן א פיפס, מיט ציטערנדיגע הענד, אוועקגעגעבען די רעוואלווערען און זיך געלאזט בינדען ווי די קעלבער...

איינער פון די קאנדוקטארען האט מיט א ציטערענדיגער שטים געבעטען:

— דערשיסט מיך נישט, איך האב א פרוי מיט קינדער.

— שרעק דיך נישט, מיר וועלען דיר גארנישט טון. — האבען עטליכע פון די אנפאלער געענטפערט, — סעלים-כאנ'ס לייט טוען נישט קיין שלעכטס צו ארימע מענשען. מיר בינדען דיך נאר דערפאר כדי דו זאלסט נישט אמאל אנטלויפען צו דער נאהענטסטער סטאנציע; דעמאלט, ברודערקע, וואלטען מיר דיך געמוזט דערשיסען... אזוי, געבונדענערהייט וועסטו דאך גארנישט קאנען טון... מיר טוען עס צוליב דיין טובה, אין געגענפאל וואלט מען דיך געמוזט דערשיסען.

באלד האט נאכאמאל א דונער-געטון א הויכע, פעסטע שטימע:

— נישט שרעקען זיך, מיר וועלען קיינעם גארנישט טון! מיר וועלען בלויז צונעמען דאס, וואס מיר דארפען... סעלים-כאן בעט אלע פאסאזשירע צו פאלגען די בעפעהלען...

אין דעם ערשטען וואגאן, נעבען לאקאמאטיוו, זענען געלעגען געבונדענע אלע קאנדוקטארען, די הייצערס, דער מאשיניסט און דער בילעטען-קאנטראלער און האבען מורא געהאט אפילו ארויסצורעדען א ווארט. בלויז דער מאשיניסט האט פון צייט צו צייט ארויסגעברומט עפעס א זידעל-ווארט.

די אנפאלער אין די מאסקעס זענען מיט אנגעלאדענע רעוואלווערען אריין אין די וואגאנען. עס האט זיך דערהערט א געשריי:

— די הענד אין דער הויך! ביי דעם מינדסטען ווידערשטאנד — א קויל אין קאפ!

עס האט זיך אנגעהויבען די „רעוויזיע".

די אנפאלער האבען געפאדערט געלד און צירונג. זיי האבען אפילו נישט געעפענט די וואליזעס.

די מענער האבען מיט ציטערנדיגע הענד געעפענט זייערע פארטפעלען און דערלאנגט דאס געלד, וואס זיי האבען ביי זיך געהאט.

— מיר דארפען נישט אינגאנצען, א טייל בעהאלט ביי זיך... — האבען די אנפאלער ערקלערט.

איינער אנ'אפיציר האט געהאלטען דעם פארטפעל אין דער הינטערשטער הויזען-קעשענע. ער האט זיך גענומען ארויסציהען דעם פארטפעל, אבער אין דעם מאמענט איז צו איהם צוגעשפרונגען איינער פון די אנפאלער און האט איהם אנגעכאפט ביי דער האנד:

דער אפיציר האט איהם דערשראקען אנגעקוקט.

— לאז! איך וועל אליין ארויסשלעפען! — האט דער אנפאלער א זאג געטון. — דו קאנסט נאך אמאל האבען דארטען בעהאלטען א רעוואלווער... הויב אויף די הענד!

דער אפיציר האט אויפגעהויבען די הענד און זיך געלאזט ארויסשלעפען דעם פארטפעל פון טאש. דער אנפאלער האט איבערגעציילט דאס געלד, האט דעם צווייטען אנפאלער א זאג געטון די סומע, און יענער האט פערשריבען.

— לאזט מיר עפעס איבער, איך בלייב אהן א קאפיקע — האט דער אפיציר זיך געבעטען.

דער אנפאלער, וואס האט פערשריבען די סומע פון די צוגערויבטע געלדער, האט א זאג געטון

— אויף אפיצירען האבען מיר נישט קיין שום רחמנות. איהר פערפאלגט דאך אונזער כאן. זייט צופרידען, וואס מיר גיבען די נישט קיין קויל אין קאפ. ווען עס איז פערקעהרט, הינטישער זוהן, וואלסטו אונז גלייך דערשאסען, נישט אמת? מיר אבער שאנעווען דיך, ווייל מיר ווילען נישט פערגיסען אומזיסט קיין בלוט.

דער אפיציר האט פערביסען די ליפען. ער האט שטילשווייגענדיג געמוזט אראפשלינגען די ביטערע בעליידיגונגס-פילען, וואס ער האט בעקומען. ער האט דאך פערשטאנען, אז אויב ער וויל בלייבען לעבען, מוז ער איצט שווייגען.

די אנפאלער זענען צוגעקומען צו א יונגען, דיקען פאסאזשיר, וואס האט געהאלטען די הענד אין דער הויך און האט מיט ווילדע אויגען געקוקט אויף די אנפאלער.

— דעם פארטפעל! — איז געפאלען א שטרענגער בעפעהל, — נו, גיכער, מיר האבען נישט קיין צייט!

אבער אין דער זעלבער רגע איז פארגעקומען א סצענע, וואס האט אלעמען אויפגעטרייסעלט און צורודערט.

אלע זענען געבליבען ערשטוינט און פערוואונדערט, זעהענדיג וואס דא קומט פאר.

אנשטאט ארויסצונעהמען דעם פארטפעל, האט דער פאסאזשיר זיך א שליידער געטון אויף דער פאדלאגע און אנגעהויבען יאמערליך צו שרייען:

— דערשיסט מיך נישט! דערשיסט מיך נישט! כ'וועל אייך אלץ אוועקגעבען! גאט, דערבארים זיך!

די אנפאלער האבען איהם צוריק אויפגעהויבען פון דער ערד, אבער יענער איז געווען טויט-בלאס, אויפ'ן שטערן זענען איהם ארויסגעקומען דיקע טראפענס שווייס און ער האט זיך אינגאנצען געוואָרפען ווי אין קאנוואולסיע.

— בערוהיגט אייך! בערוהיגט אייך! — האט זיך געווענדעט צו איהם איינער פון די אנפאלער. — מיר פערזיכערען אייך, אז מיר וועלען אייך גארנישט טון.

אבער עס האט גארנישט געהאלפען. דער יונגער דיקליכער פאסאזשיר האט זיך ווייטער געווארפען ווי אין קאנוואולסיע און מורא'דיג געשריגען:

— כ'וויס, כ'וויס... איהר וועט מיך דערשיסען.... סעלים-כאן וועט מיך דערשיסען!

אין וואגאן האט זיך בעוויזען סעלים-כאן אליין. ער האט געטראגען א געלע בורקע אויסגעהאפטען מיט גאלדענע בעצירונגען און א קינזשאל ביי דער זייט. איהם האבען ארומגערינגעלט דריי טשערקעסער טשענעצעס מיט ביקסען אין די הענד.

(פארטזעצונג קומט)

רעדעס אויפ׳ן „פראצעס פון די 17" אין גראדנא

שרעקליך־אנטיסעמיטישע ארויסטריטן פון די ענדעקישע דעפוטאטן

די רעדע פון ה׳ פראקוראר

דער פראקוראר האט אנגעהויבן זיין רעדע מיט אנ׳אויסצוג פון מאניפעסט פון דער „האראדעלסקער אוניע" וואו ס׳ווערט געזאגט, אז די צוקונפט און וואוילשטאנד פון לאנד איז אפהענגיג פון גענענזייטיגער ליבע מצד אלע בירגער.

די לאזיגע ווערטער פון דער גלענצענדער פוילישער פערגאנגענהייט מוזען דערמאהנט ווערען, ווען מען רעדט וועגען די טרויעריגע געשעהעניש אין דער שטאט פון סטעפאן באטארי און עליזא אזשעשקאווא — באטארי, וואס האט געלאזט פיהלען זיין שטארקע האנד יעדען, וועלכער האט געבראכען דאס געזעץ, און אזשעשקאווא — איינע פון די ליכטיגסטע געשטאלטען אין דער פוילישער ליטעראטור מיט א הארץ פון ליבע און א מוח מיט חכמה, וועלכע האט שארף פערארורטיילט יעדע עוולה.

ווי א דונער פון הימעל זענען אראפגעפאלען אויף גראדנע די געשעהענישען, וועלכע האבען פערשוועכט דעם טרויער נאך מארשאל פילסודסקי.

אלס א מענש, וואס שטייט אויף דער וואך פון רעכט און דארף זיין א בעשיצער פון בעוולהטע, מוז איך מאהנען גערעכטיגקייט פאר די צוויי, וואס זענען געשטארבען פון די וואונדען און פאר די אלע וואס האבען זיך געהיילט פון וואונדען, פערלוירען זייער האב און גוטס, אדער איבערגעלעבט שרעק און צער.

ווי האט עס פאסירט אז א רעליגיעז געשטימטער, רוהיגער עולם, וועלכער איז געקומען אפגעבען דעם לעצטען כבוד דעם טראגיש אומגעקומענעם קושטשן וואס איז ערמארדעט געווארען דורך שטיינערן און קאנטאראווסקין, זאל פלוצלונג ווערען פערברע־כעריש?

ס׳טרעפט אמאל, אז אין א שיינעם פריהמארגען בעוויזט זיך פלוצלונג אויפן הימעל א וואלקענדל און פון אט דעם קליינעם וואלקענדעל ענטשטעהט א גרויסער שטורעם.

אט דער וואלקענדל האט זיך אומגעריכט בעוויזען אין דער נשמה פון רעליגיעז געשטימטען עולם. פונקט ווי עס איז אומגעריכט געבוירען געווארען אין פאנאסיוקס נשמה דער געדאנק פון נקמה אין סאמע לעצטען מאמענט, ווען מ׳האט אנגעהויבען פערשיטען דעם קבר; דאן האבען עס אין זיין זכרון אויפגעלעבט די טראגישע ערינערונגען, ווי אזוי ס׳איז אין יאהר 1930 ערמארדעט געווארען דורך א יודען זיין שול־חבר — קאבאווסקי, שפעטער מארקעוויטש און צולעצט קושטש.

זייענדיג א מענש ביי וועלכען די שטים פון געפיהל איז שטארקער, ווי די שטים פון שכל, זייענדיג א טיפ וואס רייסט זיך צו זיין א פיהרער, האט ער דערפיהלט די שטימונגען פון המון און די דאזיגע שטימונגען אויסגענוצט, ווארפענדיג אין עולם פערברעכערישע לאזונגען.

דער המון כאפט אונטער און פאלגט שוין נישט מעהר דער פאליציי, וועלכע וויל איהם בערוהיגען; אויף דער בקשה פון פאליציאנט לאזארסקי האט סוגאק געפרובט ווירקען אויפן המון, אבער אין דעם דועל סוגאק—פאנאסיוק זיגט פאנאסיוק, וועלכער ווארפט אין דעם עולם זיינע געפיהלען און זיין ווי־לען: — „יודען האבען ערמארדעט 3 אונזעריגע; היינט זיי, מארגען אונז; געהנג שיינע ווערטער; מיר דארפען מעשים; לאמיר גיין שלאגען די יודען! פאר איין אונזעריגען 100 יודען!"

דער המון איז אויפגעהעצט, מען כאפט שטיי־נער, פלעקער, אייזענס, — עס ברעכען אוים די גע־שעהענישען און עס קומען פאר שווערע עוולות לגבי אומשולדיגע מענשען.

דער פראקוראר גייט דאן אריבער צו אנאליזי־רען די שולד פון יעדען אנגעקלאגטען בעזונדער.

פאנאסיוק איז א מערקווירדיגער טיפ; ער איז זיך אפנהארציג מודה, ער ערקלערט די מאטיווען און בעהאלט גאר נישט; ווען ער דערוויסט זיך, אז מען זוכט איהם, מעלדעט ער זיך אליין צו דער מאכט; ער הייסט „נישט ראבעווען"; ער האלט, אז הגם די מערדער פון קושטשן זענען בעשטראפט גע־ווארען, מוזען אבער פאר זייער טאט ליידען אויך אנדערע; אזא געדאנקען גאנג איז געוויס שטראפ־באר; ער איז עקשנות׳דיג אין זיין מיינונג, הגם ער האט געהאט צייט אפצושאצען די שרעקליכע רע־זולטאטען פון זיין אויפטו; זיין געוויסענס־חשבון איז נישט עטיש און נישט מאראליש, שוין אפגערעדט וועגען דער יורידישער זייט פון זיין פערברעך; קלע־רענדיג וועגען זיין פסיכיק און וועגען זיין עקשנות, קום איך צו דער איבערצייגונג, אז ער איז פער־בלענדט געווארען פון נקמה־גיפט, אפער די פער־בלענדעניש מוז ביי איהם אריבערגיין; איך גלויב אין דער איידעלקייט („שלאכעטנאשץ") פון אונ־זער יוגענט, איך גלויב, אז ס׳מוז אויך ביי איהם קומען א מאמענט פון אינערליכען קריזיס, און אויב ער איז אנ׳עהרליכער פאליאק וועט ער פערשטיין, אז פוילען קען זיין שטארק נישט דורך שנאה נאר דורך גענענזייטיגער ליבע פון אלע מיטבירגער; איך גלויב אין זיין ווידעראויפלעבונג פון שלעכטס צו גוטס!

דער צווייטער פיהרער איז געווען קאזלאווסקי; דא אין געריכט האט ער נישט קיין מוט זיך מודה צו זיין און ער פערארורטיילט אפילו די עקסצעסען; אבער אויפן „צמענטאזש" האט ער דער ערשטער געוואלט רעדען און ער האט דער ערשטער אויפ־געהעצט דעם המון; זיין לייקענען וועט איהם פון שטראף נישט ראטעווען; פאנאסיוק האט בעת דער אויספארשונג און אין געריכט געזאגט דעם אמת און ער האט טאקע בולט פערשאטען קאזלאווסקין; סיי ער, סיי אנדערע האבען בפירוש אנגעוויזען אויף קאזלאווסקין, אלס דעם הויפט־אנפיהרער און אויפ־העצער צו גיין שלאגען יודען; און ווען אין שטאט איז שוין רוהיג, בעוויזט זיך קאזלאווסקי אין פאר־שטאט און אויך דארטען העצט ער און נעהמט אנ־טייל אין די עקסצעסען; דערביי דארף מען נישט פערגעסען, אז קאזלאווסקי געהערט צו דער ענדע־קישער ארגאניזאציע, און איהר אידעאלאגיע האט זיכער געהאט אנ׳איינפלוס אויף זיין האנדלונג; זיין שולד אין די געשעהענישען איז אהן ספק די גרע־סטע!

צו דער זעלבער גרופע פון די הויפט־שולדיגע געהערען אויך:

מארציאנטשוק (וועלכער איז ארויס פון זאל, ווען ס׳האט עדות־געזאגט ראדונסקי, וועמעם קיאסק ער האט דעמאלירט, אבער ער איז צו פריה צוריק אריין און ראדונסקי האט איהם גלייך דערקענט), דאן זשוקאווסקי, וועלכען מ׳האט געכאפט ביי דער האנט און ער איז אגב אויך אנ׳ענדעק; און זיגמאנ־סקי, וואס איז בכלל א פרעמדער, פערדעכטיגער פערשוין, וועלכער האט געשפילט די ראל פון אנ־אנפיהרער און אויך אליין געבראכען און געשלאגען.

אויף דער הייסער מינוט זענען געכאפט געווא־רען: זשוקאווא, וועלכע האט געווארפען א ציגעל אין א שויי־פענסטער; דאן מאזשדזשער. געהאט א שטעקען, געשריען „שלאגט יודען", (געשטעלט א ווידערשטאנד ביים פערהאלטען איהם); באליצקי— פערהאלטען געווארען ביים ברעכען שויבען, געהאט א שטילעט, זיינע הענט זענען געווען פערבלוטיגט; בעלסקי — פערהאלטען געווארען ביים ברעכען שוי־בען; רודזיאק און זאיקא — מיטגעלאפען מיטן המון אין די ערשטע רייהען.

פיל גרעסער איז די שולד פון אלעשטשיקען און יאראשעוויטשען.

אלעשטשיק האט א קורצען זכרון, ער געדענקט גארנישט, אבער ס׳איז א פאקט, אז ווען דער פא־ליציאנט וואיציק האט איהם פערהאלטען אויף קא־לוצינסקא האט ער געבראכען שויבען און געהאט בלוט אויף די הענט; ער האט געזידעלט דעם פא־ליציאנט, געשריען צום המון „שלאגט מיך אפ", און צום פאליציאנט האט ער געזאגט: — קיינער וועט מיך נישט פער׳משפט׳ן פאר אויסשלאגען שויבען ביי יודען, ווייל דאס איז א הייליגע זאך! דאס איז אבער א טעות! דאס פוילישע געריכט וועט פער׳־משפט׳ן אלעשטשיקן, ווי יעדען אנדערען פערברע־כער; וועגען דעם הראטענעם שטעקעל, וואס מ׳האט ביי איהם געפונען, האט ער געזאגט, אז דאס איז א „שיינע זאך". ווייל איך דא דערמאהנען א נאוועלע פון קאסטעק - בערנאצקי אונטערן נאמען „דער בייטש"; געווען אין פוילען א מאסקווער בייטש, עסטרייכישער, פרייסישער; איצט האבען מיר א פוי־לישען בייטש, כדי מיט איהם ארויסצוזעצען אזוינע פערברעכערישע נייגונגען!

יאראשעוויטש האט געהאקט שויבען אויף נא־פאלעאנער גאס, דאן אוועק אויף מאסטאווע און דארטען בעפאלען ליפונסקין; ווען דער פאליציאנט האט איהם פערהאלטען, האט ער זיך ארויסגעריסען און אנטלאפען; אויף מיין פראגע וועגען זיין בע־ציהונג צו די געשעהענישען, האט ער געענטפערט, אז עס איז איהם גלייכגילטיג; פאנאסיוק, וועלכער האט זיך מודה געווען, איז מעהר ווערט, ווי אזא יא־ראשעוויטש מיט זיין גלייכגילטיגקייט צו רויב און מארד! אגב, איז ער אויך א מיטגליד פון דער ענ־דעציע.

ראמאנטשוק — „דער מענש מיטן פנים", כאטש ער איז אזא קענטיגער, איז ער אויך געלאפען מיטן המון, און בעכערם יתום האט איהם דערקענט!

נאריקא האט גזשאלעוועט, וואס יודען האבען זיך צו גוט בעהאלטען; פלאצקין האט מען געכאפט ביים ברעכען שויבען; דאגענען איז נישט געווארען דערוויזען לאסאטעס שולד.

וואס פאר א שטראף דארפען די שולדיגע בע־קומען?

איך טייל זיי איין אין 3 גרופען: די ערשטע — פאנאסיוק, קאזלאווסקי, מארצינטשוק, זשוקאווסקי, זיגמאנסקי, זיי זענען די הויפט־שולדיגע; די צוויי־טע — מאזשדזשער, באליצקי, בעלסקי, אלעשטשוק יאראשעוויטש, ראמאנטשוק, זשוקאווא און פלאצ־קי; די דריטע — רודזיאק, זאיקא און נארייקא; זאל דאס געריכט בעטראכטען די מאטיוועו פון זייער האנדלונג און די מאס פון זייער שלעכטען ווילען, און לויט דעם ארויסטראגען דעם אורטייל.

צום סוף מוז איך אונטערשטרייכען, אז אזוינע מאסען־פערברעכענס זענען בעזונדערס געפעהרליך פאר דער עפענטליכער זיכערקייט; שלעכטע מיק־ראבען פערשפרייטען זיך זעהר גיך; דעם אורטייל ערווארטען נישט נאר די בעשולדיגטע; ער וועט געפינען אנ׳אפקלאנג ווייט אויסער די ווענט פון געריכט; זאל דער אורטייל זיין נישט בלויז א פער־דינטע שטראף, נאר אויך א שטרענגע ווארנונג, אז אין פוילען איז נישטא קיין פלאץ פאר זעלבסט־גע־ריכטען און אז יעדע עוולה טרעפט אן אויף דער פולער קראפט פון געזעץ און פון דער מלוכה׳שער מאכט!

רעדע פון אדוו. פירסטענבערג

— עס איז א גרויסער ווייטאג, וואס עפעס אז־זוינס האט געקענט פאסירען אין גראדנע אין דער שטאט פון עליזא אזשעשקאווא; צו ווייסען פאנא־סיוק און די איבעריגע בעשולדיגטע, אז דאס גע־ריכט געפינט זיך אויף ראג פון אזשעשקאווא־גאס, אז אין שטאט־גארטען וואו מ׳האט געוואלט אויף מארגען ווידער ארגאניזירען אומרוהען שטייט אזשע־שקאוואס דענקמאל, אז מיר האבען אין גראדנע א טעאטער אויף איהר נאמען?

ליידער האבען אט די אלע, וואס האבען זיך בע־טייליגט אין די געשעהענישען, זיכער נישט געלייענט אזשעשקאוואס איידעלע ווערק, ווי למשל, די דער־צעהלונג „אגגיעווא" וועגען דעם איין פוילישען הי־מעל וואס איז פערשפרייט איבער ביידע בית־עלמינם וואו ס׳ליגט דער אלטער גראף און דער אלטער יו־דישער זייגער־מאכער!

אזוינע געשעהענישען איז א נייעס! די פוילישע טראדיציע ווייס נישט פון אזוינע זאכען! אפילו אין די רוסישע צייטען איז אין גראדנע קיין פאגראם נישט געווען, ווייל דא האט געהערשט אזשעשקא־וואס גייסט!

מיט א רייה אינטערעסאנטע און רייכע ביישפי־לען פון דער פוילישער ליטעראטור און געשיכטע שילדערט אדוו. פירסטענבערג ריהרענדע פאקטען פון יודישער מסירת־נפש פאר פוילען; די בעסטע פוי־לישע שרייבערס האבען שארף פערארורטיילט די אנ־טיסעמיטישע ערשיינונגען.

ציטירענדיג אזשעשקאוואס בריף צו קאנאפ־ניצקא רופט אוים אדוו. פירסטענבערג:

— ווי ווייטאגלעך איז, וואס ערשט דא אין גע־ריכט, דארפען אט די מענשען הערען און פערשטיין, וואס זיי האבען אפגעטון!

כ׳קען נישט מסכים זיין מיטן ה׳ פראקוראר, אז ס׳איז געווען א סטיכישער נקמה - אויסברוך; קושטש איז ערמארדעט געווארען נאך דער אוואנ־טורע אין טאנץ־קלאס — וואס פאר אזוינע גרויסע פערדינסטען האט ער געהאט, מען זאל איהם מאכען אזא גרויסע לוויה?

די לוויה האט זיך אנגעהויבען פון בריגידסקא גאס, און אויף דער זעלבער גאס האט זיך געפונען דער ענדעקישער לאקאל; איך בין נישט חושד דעם קאמיטעט פון דער ארגאניזאציע אין ארגאניזירען די געשעהענישען; אבער דער סעקרעטאר פוסטעל־ניק האט אויף איינגער האנט בעשלאסען צו פער־וואנדלען די לוויה אין א דעמאנסטראציע; ער ווייס, אז אין גראדנע איז נישטא קיין סך פאליציי און ער שיקט קאזלאווסקין האלטען די רעדע אויפן „צמענ־טאזש", ער בעשטעלט דעם קראנץ מיט די „שווערד לעך"; ער שיקט זיינע לייט, זיי זאלען מיט „כבוד" רעפרעזענטירען די ארגאניזאציע אויף דער לוויה; עס קען זיין, אז ער האט נישט אויסגערעכענט, וואס פאר א פארמען די דעמאנסטראציע וועט אננעהמען, אבער ארגאניזירט איז עס געווען אהן א ספק.

די אלע „העלדען", וואס האבען געשלאגען אלטע יודענעס און געבראכען שויבען האבען נישט קיין מוט זיך מודה צו זיין; דער פראקוראר ענטציקט זיך מיט פאנאסיוקן, ווייל ער האט זיך יא מודה געווען; איך פערשטעה עס אנדערש — פאנאסיוק האט זיך א צעהן טעג אויסבעהאלטען. ער האט געהאט צייט זיך מישב צו זיין. מיט וועמען מ׳האט געראפט, און מ׳האט איהם געגעבען די עצה, אז ווי באלד אלע בעוויזען זענען געגען איהם, דארף ער זיך בעסער מודה זיין, כדי צו דערגרייכען א שיינעם עפעקט; פאנאסיוק שפילט דא די ראל פון א העלד לויט א פאראויסבערעכנטען פלאן.

קאזלאווסקי האט פיגורירט אויפן „צמענטאזש" אלס שליח פון ענדעקישען סעקרעטאר פוסטעלניק; זיגמאנסקי איז איבערהויפט א פערדעכטיגער פאר־שוין און ער איז גראד געקומען קיין גראדנע פון סובאלקער קאנט, וואו ס׳זענען פארגעקומען פויע־רים־אונרוהען.

מיר האבען דא פאר זיך מענשען פערבלענדע־טע און אויפגעהעצטע, מענשען, וועלכע מען האט איינגעשמועסט, אז אויב איין יוד בעגעהט א פער־ברעך, זענען שולדיג אלע יודען.

נישט קיין שטרענגע רעפרעסיעס ווילען מיר; אונזער וואונש איז, אז די אנגעקלאגטע זאלען פון דעם אורטייל פערשטיין, אז אזוי האנדלען טאר מען נישט, אז דאס איז נישט בלויז געגען געזעץ, נאר אויך געגען מענשליכען געוויסען און טראדיציע פון פוילישען פאלק; פאנאסיוק שרייט צו אונז, איך בין נישט קיין פערברעכער! — ניין! ווען אפילו מען האט פיינט יודען, זענען אזוינע מעשים אומבעדינגט פערברעכעריש!

אדוו. פירסטענבערג פערענדיגט זיין איינדרוקס־פולע רעדע מיט אנ׳אויסצוג פון אזשעשקאוואס ווערק וועגען יודען און יודישען פאלק, אז אין דער פויליש־ער טראדיציע איז נישטא און קען נישט זיין קיין שנאה צו יודען און אז די צוקונפט און אויפבליהונג פון פוילען איז אפהענגיג פון גענענזייטיגער ליבע און אפשיי פון מענש צו מענש!

א ווארימע און הארציגע רעדע האט געהאלטען אדוו. רוטען, זאכליך — אדוו. זאדאי און איבער־צייגענד האט גערעדט אדוו. לאפמאן.

דאן האבען גערעדט די פערטיידיגער אדוואקא־טען סאסנאווסקי, סיניעוויטש, האנילאוויטש; זייע־רע רעדעס זענען אין 90 פראצענט געווען גיפטיגע, העצערישע מיטינג־רעדעס; וואס האבען זיי נישט ארויסגעשלעפט פון פערשימעלטען אנטיסעמיטישען ארכיוו; יודען רייסען ארוים ביי פאליאקען דעם ביסען פון מויל; מיליאנען פאליאקען ארבייטען נאר, כדי יודען זאל זיך גוט לעבען; די יודישע רעליגיע דעמאראליזירט; דער תלמוד הייסט הרג׳ענען גוים; די יודען האבען געמאכט דעם ערשטען פאגראם... אין פרס־ומדי האבען זיי אויסגע׳הרג׳עט 75.000 פערסען, אויפגעהאנגען דעם פיהרער פון דער פער־סישער ענדעציע — המן, און יעדען יאהר פייערן זיי אט דעם פאגראם, אלס גרויסען יום־טוב; צוליב יודישע איינפלוסען האט פוילען פערלוירען דאנציג און א טייל אויבערשלעזיע; יודישע זעלנער זענען פעררעטער און אגיטאטארען; פלאצקער רב געווען א באלשעוויסטישער שפיאן; דעפ. גרינבוים גערדראהט צוצונעהמען ביי פוילען ווילנע און לעמבערג; צווי־שען יודען הערשט א פערברעכערישע סאלידארי־טעט, למשל, דרייפוס־פראצעס און ביילים־פראצעס; יודען האבען ערמארדעט אין לעמבערג גראטקאוו־סקין, אין ווילנע וואצלאווסקין; גראדנער יודען הא־בען זיך נעפרעהט, וואס קושטש איז ערמארדעט גע־ווארען; יודען האבען געהאט אין גראדנע „באיוב־קעס" צו פראוואצירען און שלאגען קריסטען; אין אמעריקע וואלט מען די יודען געלינטשט; יודען בע־שמוצען פוילענס נאמען אין אויסלאנד; אין קני־שין האט שוין א ריכטער אנערקענט, אז יודישע עדות טאר מען נישט געטרויען; ווען אזשעשקאווא וואלט געלעבט היינט, וואלט זי אויך געווען געגען יודען, ווייל זיי זויגען אוים דאס בלוט פון פוילישען פאלק —

אזוי האבען גע׳דרשנ׳ט די אדוואקאטען אין דעם פראצעס פון די 17 בעשולדיגטע אין שלאגען יודען.

און ריכטיג האט געענטפערט אדוו. פירסטענבערג אז: ווען אזוינע רעדעס וואלטען געהאלטען געווארען אויפן צמענטאזש, וואלטען די עקסצעסען געווען פיל גרעסערע און שרעקליכע.....

דאס לעבען אין ווארשא

(טעלעפאנישע ידיעות פון דער הויפט־שטאט)

פאליטישע נייעס

צוליב דעם נאמענסטאג פון איטאליענישען קע־ניג וויקטאר עמאנועל האט דער מלוכה־פרעזידענט ארויסגעשיקט א גראטולאציאנס - דעפעשע אין זיין און אין נאמען פון גאנץ פוילען.

אלס ענטפער האט דער מלוכה - פרעזידענט בע־קומען א דעפעשע, אין וועלכער דער קעניג דאנקט און ווינשט גליק דעם פרעזידענט און ערפאלג פאר פוילען.

* * *

דער אינערן - מיניסטער ראטשקעוויטש האט אויפגענומען 69 אפיצערען פון דער פוילישער אר־מעע, וועלכע האבען געענדיגט א ספעציעלען קורס און געהען איבער אין דינסט אלס אפיצערען, פון דער מלוכה־פאליציי.

נאכדעם, ווי די אפיצערען זענען אנגעמאלדען געווארען דורך דעם הויפט - קאמענדאנט פון דער מלוכה־פאליציי קאדריאן זאמארסקי, האט מיניסטער ראטשקעוויטש זיך געווענדעט צו די פערזאמעלטע אפי־צירען מיט א רעדע, אין וועלכער ער דריקט אוים זיין צופרידענהייט, וואס אין דער פאליציי געהט אריין א פרישע גרופע פון אויסגעפרובטע אפיצע־רען פון דער ארמעע.

ליקווידירט דער שטרייק פון די בוכ־בינדער

אין ארבייטס - אינספעקטאריאט איז אונטערן פארזיץ פון אינספעקטאר ס. קוואפינסקי פארגעקו־מען די דריטע אין דער רייה קאנפערענץ אין צוזא־מענהאנג מיטן שטרייק פון די בוכבינדער (איגטרא־ליגאטארען).

עס האבען אנטיילגענומען אין דער קאנפערענץ די פארשטעהער פון 4 פראפ.־פעראיינען און דעלע־גאטען פון די ארבייטס־נעבער.

נאך לענגערע אונטערהאנדלונגען איז אונטער־געשריבען געווארען א קאלעקטיווער אפמאך און דער שטרייק איז ליקווידירט געווארען.

די צופאהר - באהן קיין פיאסעטשנע זאל עלעקטריפיצירט ווערען.

די טעכנישע אינזשינערען, וועלכע זענען געקומען קיין ווארשא וועגען מאטאריזאציע פון די צופאהר־באהנען האבען אויך בעהאנדעלט דעם פלאן און קאלקולאציע פון עווענטועלער עלעקטריפיקאציע פון שטח ווארשא — פיאסעטשנע. עס ווערען געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דער פרושקאווער עלעקר־טראווניע. דער ענין זאל אינגיכען רעצידירט ווערען.

ענגלענדער

צו דער וואהל-קאמפאניע אין ענגלאנד

פון ישעיה אונגער

די וואהל-קאמפאניע אין ענגלאנד איז אריבער אין פולען ברען, מ'דארף דאס זעהען מיט די אייגענע אויגען בכדי צו פערשטעהען, וואס דאס הויפט אזוינס ענגלישע וואהלען, עס רעדט זיך נאר אזוי „אין פולען ברען"; אין דער אמת'ן, בעמערקט מען קוים אין דער עפענטליכקייט א „געהעכערטע טעמפעראטור" אפילו נאר אויף א פאר שטריכעלעך. מ'זעהט דא נישט קיין בעזונדערען „ברען", דאס וואלט נישט הארמאנירט מיט דער נאטור און נישט געשטימט מיטן טעמפעראמענט פון ענגלענדער.

געוויס שטייגט שוין דא דער טערמאמעטער פון עפענטליכען לעבען אין מאמענטען פון א פאליטישער האסע, ביי אזעלכע געלעגענהייטען ווי פארלאמענטס-וואהלען וכדומה. אבער דער אזוי-גערופענער אמעריקאנער „בום", וואס איז אויך ביי אונז אריין אין דער מאדע פון נאכן קריג און זינט מיר האבען זיך אנגעהויבען אמעריקאניזירען, דער הו-הא און טאראראם ביי וואהלען, די זידלערייען און רייסעגישען אין דער פרעסע, שלעגערייען אויף מיטינגען — דאס איז אייגענטליך נישט ענגליש. און ווער עס ריכט זיך צו זעהען עפעס אזוינס, אין ענגלאנד בעת א וואהל-קאמפאניע, איז נאכדעם זעהר ענטוישט.

דער ענגלענדער איז בטבע פלעגמאטיש. ערנסט און צוריקגעהאלטען. ער פערלירט נישט דאס גלייכגעוויכט אין קיין שום סיטואציע, אבער אונטער דער מאסקע פון א גלייכגילטיגען, קאלטבלוטיגען און לפנים געפיהללאזען מענשען בעהאלט זיך דער „צווייטער איך" פון ענגלענדער, זיין נשמה יתירה, וואס איז פעהיג צו פיהלען און אויפצובראזען, אויפצופלאקערען אין ליבע און האס, זיך צו פרעהען און זאגאר צו בעגייסטערען. דער ענגלענדער האט א אויסגעשפראכענעם חוש פאר הומאר און א גוטמוטיגע פערשטענדניש פאר די אלע קליינע פריידען, וואס זענען מסוגל אפיסעל צו פערצוקערען די ביטערקייטען פון לעבען, און אט די גרויסע גאב פון גאט העלפט איהם לייכטער איבערצוטראגען מאנכע קריזיסען און שוועריגקייטען, נישט צו ווערען אפהענגיג און זיך נישט צו פערלירען.

און אזוי זענען פאליטישע וואהלען פאר אנ'ענגלענדער אויך נאר א מין ספארט, א ערנסטע בירגערליכע פליכט און צוגלייך א אונטערהאלטונג און א כוחות-פערמעסט ווי א באקס אדער א פוס-באל. איבריגענס ווייסט יעדער ענגלענדער, דער לינקס-ראדיקאלער ווי דער אזוי-גערופענער קאנסערוואטיווער — קאנסערוואטיוו איז אייגענטליך יעדער איינער אין ענגלאנד — אז ער האט אויף וועמען זיך צו פערלאזען. ער האט דעם פולסטען צוטרוי צו זיינע רעגירונגען, צו זיינע פאליטיקער און מלוכה מענער, אהן אנ'אונטערשיד צו וועלכען לאגער זיי געהערען, ווען ער גייט אלזא צו דער וואהל-אורנע, געהט ער נישט אין תוך גענומען, בכדי צו דעצידירען איבער דעם כצחון פון דער אדער יענער פאליטישער אידעאלאגיע אדער פארטיי-פראגראם. ער נעהמט נאר אפגעבען זיין שטים פאר די פערזאנען וואס זענען איהם אין דעם מאמענט גראדע סימפאטיש; פאר פערזאנען, פון וועלכע ער דערווארט אז זיי וועלען זארגען פאר זיינע אינטערעסען און טון דאס, וואס ער וויל, ווייל זיי האבען שוין פריהער צופעליג דורך געוויסע מעשים „זיך פערעקאמענדירט" און נושא חן געווען ביי איהם.

אפט אפהענגיג פון א צופאל, פון א קליינינקייט, פון א קאפריז פון שיקזאל, ווי מ'זאגט.

און דאך קען מען אין דעם פאל פאראויסזעהען (און היינט, מארגען וועלען מיר דאס שוין גענוי ווי-סען), אז אין דעם צוזאמענשטעל פון פארלאמענט וועלען ווארשיינליך נישט פארקומען קיין גרויסע ענדערונגען, קיין איבערגרופירונגען, קיין בעזונדערע פערשטארקונג פון דער אדער יענער פארטיי, ס'וועט בלייבען, ראדף מען רעכענען דאס זעלביגע כוחות-פערהעלטניש ווי ביז אהער. אפשר וועט דער אדער יענער צד אריינקומען אין נייעם פארלאמענט מיט א קליינעם פלוס אדער מינוס. אין אלגעמיין האבען די מאסען גרויס צוטרוי צו די דעפוטאטען, וואס פערטרעטען שוין זייט יאהרען זייערע אינטערעסען אין פארלאמענט. זיי קענען זייער טעטיגקייט, זיי קענען גענוי זייער איינשטעלונג צו אלע אקטועלע פראבלעמען, וואס שטעהען אויף דער טאג ארדנונג — און האבען אייגענטליך קיין שום חשק נישט צו פערבייטען זיי דורך נייע אומדערפאהרענע מענשען.

וועגען די „אלטע" דעפוטאטען ווייסט דאס פאלק אז זיי האבען געהאלפען ענגלאנד זיך צוריק צו שטעלען אויף די פיס נאכן קריג. אויב ענגלאנד איז ווי דער געקומען צו זיך, האט זיך עקאנאמיש אויפגעריכט, האט די וואלוטע סטאביליזירט, די ארבייטסלאזיגקייט פערמינערט און אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק פערפעסטיגט איהר פאזיציע — האט מען עס זיי צו פערדאנקען. דאס ווייסט מען. דער ענגלענדער איז פאלימיש צו רייף און געניט, אז ער זאל נישט קענען אורטיילען, וואס זיינע פערטרעטער האבען ביז אהער אויפגעטון. פאר וואס זשע זאל ער זיי שיקען אהיים און אויסקלייבען נייע אויף זייער ארט? —

אוודאי זענען פאראן א גאנצע ריי פראבלעמען, וועלכע הענגען אין דער לופט און געפונען נישט קיין תיקון. קיין לעזונג הייסט דאס. אלע מאנטאג און דאנערשטאג קומען אויף נייע רעטונגס-פראיעקטען. נישט לאנג, ווי מען געדענקט נאך, אוודאי, איז לאיד דזשארדזש ארויסגעטרעטען מיט א שפאגעל-נייעם רעטונגס-פלאן, וועלכער איז אבער נישט אנגענומען געווארען, עס זענען אלזא נאך פאראן גענוג פראבלעמען, ווי די פראגע וועגען סאציאלער הילף, ארבייטסלאזיגקייט, א. או. וו. פאר וועלכע מ'האט נאך נישט געפונען קיין ראדיקאלע רפואה, אבער דער דורכשניטליכער ענגלענדער איז א בעל-בטחון: ער גלויבט, אז עס וועט זיך געפונען א מיטעל פאר אלע סאציאלע וועהטאגען, די גאנצע זארג און די לעזונג פון די אלע פראבלעמען, וואס ריהרען אן אזוי טיף זיין פערזענליכע עקזיסטענץ, לאזט ער אבער איבער פאר זיינע פאליטיקער און מלוכה-מענער, אויף זייערע פליצעס לעגט ער אלץ ארויף און אליין שפילט ער די ראל פון אנ'ארט נייטראלען בעאבאכטער.

איין פראבלעם אבער איז פאראן, וואס אינטערעסירט זעהר שטארק גאנץ ענגלאנד. אלע ענגלענדער.

דאס איז די פראגע וועלכע האלט אין שפאנונג גאנץ אייראפע — די פראגע וועגען קריג און פריידען, דייטשלאנדס שטארקע בעוואפענונג אויפן ים און דער יבשה. די אנגעשטרענגטע בעציהונגען צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, צווישען דייטשלאנד און סאוויעט רוסלאנד, דער היטלעריזם אלס געפעהרליכער אויפרייס שטאף בכלל, ענגלאנדס דעצידירטע שטעלונג אין דעם איטאליעניש-אביסיניישען קאנפליקט — דאס אלץ שמעקט מיט פולווער.

דער ענגלענדער אבער איז פון דער נאטור פריידליך געזאגען. ער איז א געבוירענער פאציפיסט און א אויסגעשפראכענער אנטי-מיליטאריסט. ער ווייסט וואס מלחמות הייסען, און פון דעם לעצטען וועלט-קריג האט ער א סך געלערנט. ער זעהט נאך די קאנסעקווענצען פון וועלט-קריג, וועלכע האט געזאלט מאכען א סוף צו אלע מלחמות, ווי אזעלם האט זיך אויסגעדריקט. ער זעהט די טרויעריגע קאנסעקווענצען פאר דער ווירטשאפט און דער קולטור, לגבי דער טרויעריגער ירושה פון קריג דער צעשטערטער וועלט - ווירטשאפט און די סאציאל-עקאנאמישע דערשיטערונגען אין אייגענעם לאנד, ווערען אלע קריגערישע העלדען - טאטען בטל ומבוטל און פערלירען זייער מאראלישען ווערט און ווירקונג. די ענגלענדער האבען שוין לאנג פערגעסען די דאזיגע העלדישקייטען, זיי זענען אפשר דאס איינציגע פאלק אין אייראפע, וואס זעהט שטענדיג דאס שרעקליכע קרינס געשפענס פאר די אויגען און פרעגט זיך אלעמאל: צוליב וואס און פאר וועמען האבען מיך געאפפערט אזעלכע העקאטאמבעס פון יונגע מענשען-לעבענס?

אבער ווען עס איז נויטיג, ווען דער מאמענט פאדערט עס, איז דער ענגלענדער גרייט צו ברענגען קרבנות, דעמאלט פילאזאפירט ער נישט און טוט דאס, וואס זיין פליכט פערלאנגט פון איהם. דער ענגליש-איטאליענישער שפאנונג האט נישט לאנג נאך גערדראהט צו פערוואנדלען זיך אין א קריג — און די מאיאריטעט פון ענגלישען פאלק האט איינשטימיג אפראבירט די דעצידירטע שטעלונג פון דער רעגירונג און פארלאמענט אין דעם דאזיגען קאנפליקט. אויך די לייבאר פארטיי האט אויף איהר לעצטען קאנגרעס מיט א גרויסער מעהרהייט שטימען אנגענומען א רעזאלוציע וועלכע זאגט זיך ארויס אהן בעטל וואָרענישען פאר סאנקציעס געגען איטאליען, אלזא פאר דער פאליטיק פון דער רעגירונג און דער פאלקס פערטרעטונג.

ס'איז אלזא שווער צו גלויבען, אז די ענגלישע וועהלער-מאסען זאלען האבען געהאט חשק, ארייצוברענגען א ראדיקאלע ענדערונג אין דעם צוזאמענשטעל פון פארלאמענט, וועלכער איז פון נאכן קריג אן גע גאנגען אזוי צו זאגען האנד ביי האנד מיטן פאלק און ווירדיג פערטיידיגט די אינטערעסען און דעם פרעסטיזש פון ענגלאנד.

* * *

צי האבען די לייבאריסטען פערשטארקט זייערע רייהען? פון די לעצטע ידיעות איז דאס נאך נישט קלאר. ענגלאנד האט קיין מורא נישט פארן סאציאליזם, די פריהערדיגע סאציאליסטישע רעגירונג האט זיך נעפיהרט נישט אנדערש, ווי עס וואלט זיך געהאלטען יעדע אנדערע ענגלישע רעגירונג.

איבריגענס פליסט דער ענגלישער סאציאליזם פון א גאנץ אנדערען קוואל: פון רעליגיעזען געפיהל. דער פערשטארבענער ארטור העגדערסאן, „אנקעל ארטור" איז געווען א פרומער מעטאדיסט און פלעגט רעגעלמעסיג אין דער קירכע פון זיין פאראפיע לייענען די ביבעל פאר א גרויסען עולם. דער גרייז נראהער לענספורי, דער פיהרער פון ראדיקאלען פליגעל פון דער לייבאר פארטיי, האט זיך אויפן לעצטען קאנגרעס ארויסגעזאגט געגען סאנקציעס און געגען א מלחמה, ווייל דאס איז א „פערברעך פון שטאנדפונקט פון דער רעליגיעזער מאראל". מ'טאר נישט בעקעמפען שלעכטס מיט שלעכטס, האט ער געזאגט. דאס איז ריינער טאלסטאאיזם.

אבער אט דער רעליגיעזער מאמענט איז גראדע דאס, וואס געפעלט דעם ענגלענדער און רופט ארויס ביי איהם א אומבעדינגטען צוטרוי צום ענגלישען סאציאליזם.

פאר דער יודיש-נאציאנאלער זאך איז אין תוך גענומען קיין אונטערשיד נישט, וועלכע פארטיי עס וועט זיין די שטארקערע אין פארלאמענט און וועט האלטען די לייצעס אין דער האנד. די לייבאריסטען האבען זיך נאר וואס קאטעגאריש ארויסגעזאגט פארן אויפבוי פון דער יודיש-נאציאנאלער היים אין זין פון דער באלפור דעקלאראציע און פון די מאנדאט-בעשטימונגען.

אין דער וואהל פון איין פערזאן איז אבער דער ציוניזם זעהר פעראינטערעסירט — אין דער וואהל פון איצטיגען קאלאניעס - מיניסטער מאלקאלם מאקדאנאלד, וועלכער איז א פריינד פון דער יודיש-נאציאנאלער היים.

אבער ווי מיר ווייסען, האבען די מאקדאנאלדס קיין שאנסען נישט געהאט ווידער אמאל אויסגעקליבען צו ווערען אין פארלאמענט.

איבריגענס קען זיין, אז דער טעלעגראף וועט ברענגען אנ'אנגענעהמע איבערראשונג.

אט א דאנק דער דאזיגער גייסטיגער איינשטעלונג קומט אין דעם ענגלענדער זעהר לייכט, אהן שום קאנפליקט מיט זיין געוויסען איבערצולויפען פון איין זייט אויף דער צווייטער, איבערוואנדערונגען פון איין פארטיי צו דער צווייטער. איז א גאנץ נארמאלע ערשיינונג אין פאליטישען לעבען ענגלאנדס. טשערטשיל איז א בולט'ער ביישפיל, מאזלי, דער היינטיגער פיהרער פון די ענגלישע פאשיסטען, איז פריהער געווען א לייבאריסט, א סאציאליסט. לאיד דזשארדזש, דער פיהרער פון דער ליבעראלער פארטיי (אנ'אפגעשפליטערטע גרופע פון ליבעראלען ווערט אנגעפיהרט פון הערבערט סעמיועל), לאיד דזשארדזש איז געבליבען אהן „סאלדאטען", ווייל דאס רוב פון זיי האבען „דעזערטירט" און זענען אריבער צו די אנדערע פארטייען.

דער ענגלענדער האלט עס נישט פאר קיין „חטא" ער איז פון דער נאטור געניגט צו קאמפראמיסען, און די געשיקטע קאמפראמיסים - מאכעריי בעטראכט ער פאר א גרויסע קונסט אין דער פאליטיק, ווי אין טאג-טעגליכען לעבען בכלל. וואו דער אבסאלוטער אמת איז, זאגט ער זיך, ווייסט נאר דער רבונו של עולם; דער מענש מיהט זיך און פלאגט זיך און קען איהם נישט געפינען — זוכט ער איהם אמאל ביי דער פארטיי און אנ'אנדערטמאל ביי א צווייטער... און אויב ער איז זיך טועה, איז שוין זיין שיקזאל אזא: „דער מענש מאכט טעותן אזוי לאנג ווי ער לעבט", זאגט דער ריכטער.

אנ'אויסנאהם אין דעם פרט איז נאר די לייבאר-פארטיי, אבער אנ'אויסנאהם מיט א בעווארעניש, דען אויך די לייבאריסטען זענען פערשטייט זיך, הונדערט פראצענטיגע ענגלענדער און קאמפראמיס מענשען. אלס „גלענצענדער" ביישפיל קען דינען ראמזיי מאקדאנאלד, דער געוועזענער פיהרער פון לייבאר, וועלכער איז „צוליב די אינטערעסען פון כלל" געווארען פרעמיער פון א נאציאנאלער רעגירונג, האט רעגירט צוזאמען מיט קאנסערוואטיווע און ליבעראלען און אזוי ארום אידעאלאגיש זיך ווייט אפגערוקט פון זיין פארטיי.

* * *

אט דאס אלץ, וואס מיר האבען געזאגט, דארף מען געדענקען, ווען מ'רעדט וועגען פארלאמענטס-וואהלען אין ענגלאנד, עס איז א זעהר אומדאנקבארע זאך צו זאגען נביאות אין אונזער צייט — מען מוז אומבעדינגט אדורכפאלען. בפרט ווען עס האנדעלט זיך וועגען פאליטיק אדער וועגען פאליטישע וואהלען, וואו קיין שום אויסרעכענונג, „האלט נישט אוים קיין קריטיק" ווייל די רעזולטאטען זענען זעהר.

מיט וואס פאר א מיטלען
פיהרט אביסיניען די מלחמה

טעארעטיש איז דער אביסינישער קייזער היילי סעלאסיע דער רייכסטער הערשער אויף דער וועלט. גאנץ אביסיניען איז אייגענטליך זיין פריוואט אייגענטום, דער גאנצער באדען אלע פרוכטען, אלע נאטירליכע רייכטימער. די קאנסטיטוציע וואס איז אין 1931 פראקלאמירט געווארען האט אין דער היגזיכט נישט געבראכט קיין שום ענדערונג. דאס פריוואט אייגענטום ווערט אין אביסיניען בעטראכט אלס א בעלוינונג פון קייזער. דער קייזער קען דעריבער צו יעדער צייט אוועקנעהמען דאס פערמעגען אהן שום מאטיוען אין הסכם מיט'ן העכסטען אבסאלוטיזם: „אזוי יויל איך און אזוי טו איך".

פאקטיש איז אבער דעם קעניגס רייכטום נישט אזוי גרויס. יועגען דעם קעניג מענעליק דעם „צווייטען האט מען געקענט זאגען בעת ער איז ארויף אויפ'ן טראהן פון לייב פון יהודה, אז ער איז ארימער פון דעם ארימסטען פון זיינע פעאדאלען. דאס אונטערוארפען די קליינע מושלים, די גרויסע מלחמה די גאנצע פעראייניגונגס אקציע פון אביסיניען האט געפאדערט אונגעהויערע הוצאות און האט צום גרעסטען טייל פערשלינגען די ערשע בערונגען.

אויף יויפיל אלע רייכטימער פון אביסיניען זענען נאר אין דער טעאריע דאס פריוואט פערמעגען פון קייזער אויף אזויפיל איז דער פריוואטער אוצר פון קייזער גלייכצייטיג דער איינציגער מלוכה אוצר. עס איז אפילו פערהאן א פינאנץ-מיניסטעריום, אבער פונקט אזוי יוי דער גאנצער רעגירונגס קאבינעט איז עס נאר א געבען סעקרעטאריאט פון קייזער. די פונקציעס פון פינאנץ מיניסטער ערפילט א קאסירער. א חוץ דעם געפינט זיך זייט צוויי יאהר אין אדיס אבעבא אלס פינאנציעלער בעלזיץ א אמעריקאנישער בירגער מיסטער קאלסאן, זיין חודשליכע פענסיע בעטרעפט 7,500 טאלערס.

דער אביסינישער מלוכה-בודזשעט געהערט צו די מלוכה-סודות. עס איז קיינמאל נישט פערעפענטליכט געווארען קיין שום בודזשעט בעריכטען. עס איז אויך נישט פערהאן קיין סטאטיסטיק אדער אויסצוגען, יואס זאלען ערלויבען צו בערעכענען אונגעפעהר די הכנסות און הוצאות פון דער אביסינישער מלוכה.

די איינציגע מעהר אדער יועניגער גענויע ציפערען פון דער אביסינישער ווירטשאפט בעציהען זיך צום אויסערליכען האנדעל, זיי ווערען צוזאמענגעשטעלט אין אייראפע, פערשטעהט זיך מיט א גרויסער פערשפעטיגונג. דער אלגעמיינער ווערט פון אביסינישען אויסלענדישען האנדעל איז אין 1931 אפגעשאצט געווארען אויף 80 מיליאן גאלד פראנק. דער עקספארט איז פארגעקומען דורך דער איינציגער באהן-ליניע און דורך קאראוואנען.

זייט דעם מלחמה אויסברוך שמועסט מען שטארק יועגען גרויסע געלד מיטלען פון קייזער היילי-סעלאסיע, יואס זאלען זיך געפינען אין אויסלאנד, ספעציעל אין לאנדאן. מצד די ענגלישע קרייזען האט מען לעצטענס די קלאנגען אבגעלייקענט. די ענגלישע פרעסע האט אנגעגעבען א זעהר בעשיידענע סומע פון קעניגס פערמעגען. זי זאל בעטרעפען נישט מעהר יוי עטליכע מיליאן פונט שטערלינג, דערפון א העלפט אין פערשידענע בענק מחוץ די גרעניצען פון אביסיניען און די אנדערע העלפט אין דער קייזערליכע קאסע אין אדיס אבעבא.

איינער פון די אנגעזעהענסטע שפאנישע זשורנאליסטען אנטאניא בערמודעק קאנעטע, יואס געפינט זיך איצט אין אביסיניען אלס קארעספאנדענט פון דער מאדרידער צייטונג „על דעבאטע" האט זיך בעמיהט מיט אלע מעגליכקייטען זיך עפעס צו דערוויסען וועגען אביסינישען מלוכה בודזשעט. דער רעזולטאט איז געיוען א פאראדאקסאלער. לויט זיינע רייד, האט זיך ארויסגעיויזען, אז אביסיניען האט נישט קיין שום מיטלען צו פיהרען אפילו א פארטיזאנער קריג.

שטייערען יווערען אין אביסיניען גענומען צום טייל אין מזומן, און א חוץ דעם אין נאטור און אין ארבייט. די איינציגע רעגולירטע געלד הכנסה זענען די צאל-הכנסות, לויט די אינפארמאציעס, יואס קאנעטע האט בעקומען האט דער אלגעמיינער ווערט פון די מלוכה הכנסות פון שטייערען אין די לעצטע יאהרען נישט געקענט בעטרעפען מעהר ווי 200 מיליאן טאלער א יאהר. און דאך, הגם עס איז געווען זעהר א שווערע צייט, האבען די הכנסות אין מזומן דערגרייכט א אויסערגעוועהנליכע סומע אין פערגלייך מיט די איבעריגע קאטעגאריעס שטייערען ד. ה. אין נאטור און ארבייט. די הכנסות אין מזומן האבען געוועהנליך בעטראפען 53 ביז 55 פראצענט.

די שטייערען אין נאטור זענען הויפטזעכליך לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען, קודם כל קאווע, קוקוריזע, ווייטער בהמות, פעל, דאס פערגרעסערען דעם עקספארט פון די דאזיגע רייכטימער בעת דער מלחמה און דערצו נאך אין שייכות מיט דער איצטיגער יוירטשאפטליכער לאגע אין דער וועלט. איז זעהר בעשווערט, וואס שייך די נאטירליכע אוצרות אין דער פארם פון איידעל מעטאלען בערעכענט בערמודעז קאנעטע דעם אלגעמיינעם יעהרליכען ווערט פון דער פראדוקציע פון גאלד אין אביסיניען אויף 900,000 טאלער, פלאטין אויף 800,000. די עקספלאאטאציע געפינט זיך אבער ביי אויסלענדער. אין די הענד, די אביסינישע מלוכה האט דערפון נישט מעהר ווי 6 ביז 10 פראצענט הכנסה, לויט דער אלגעמיינער מיינונג זענען אין אביסיניען אנגעזאמעלט גרויסע זאפאסען פון פלאטין מטבעות, אבער נישט אין קייזערליכען אוצר, נאר ביי די פראווינציאנעלע מלכים. קאנעטע איז אין דער מיינונג, אז עס יועט נישט לייכט זיין זיי ארויסצובעקומען.

ווי עס האט שוין בעוויזען דער פרעצעדענס פון מענעליקס צייטען איז נאך שווערער עפעס ארויס צוציהען פון די קירכליכע רייכטימער, די איטאליענישע פרעסע פערזיכערט, אז דער קייזער היילי סעלאסיע האט שוין אין דער ריכטונג אונטערגענומען געוויסע שריט ביי דעם העכסטען גייסטליכען פון דער עטיאפישער קירכע אבון ציריל. דער אבון זאל האבען דערויף געענטפערט מיט א אביסינישען שפריכווארט: „עסקי נאגא", דאס הייסט, „גוט, אבער מארגען"...

BANK HANDLOWY w ŁODZI
Spółka Akcyjna
Al. Tadeusza Kościuszki 15
ma jeszcze do wynajęcia SAFES
na dogodnych warunkach, poczynając od 4 złotych miesięcznie.
WYJEŻDZAJĄC, nie zostawiaj w domu papierów wartościowych, złota, srebra i t. p., lecz zanieś je do SAFE'u!

אנגעשטעקט?

אין לייט ארטיקעל וועגען דעם לעצטען מיניסטאריאלען קריזיס אין שפאניען (אין שייכות מיט דער אזוי גערופענער „סטאוויסקי אפערע") האט די ענגלישע „טיימס" צוליב עפעס געפינען פאר נויטיג צו בעמערקען אז דער סעניאר דאניאל שטראוס — דער „העלד" פון דער אפערע — איז „א מעקסיקאנער בירגער, אפנים פון יודישער אפשטאמונג".

עס איז נאטירליך אט די „אונשולדיגע בעמערקונג" זאל אויף יעדען לעזער — יודישען און נישט־יודישען — ווירקען עטוואס אויפפאלענד; נאך וואס און צו וואס אט די בעמערקונג אז אט דער דניאל שטראוס שטאמט אפנים פון יודען? איז עס אזוי וויכטיג צו בעטאנען די אפשטאמונג פון יעדען גרויסען אוואנטוריסט?

און פארוואס פערגעסט מען נישט צו בעטאנען דווקא די יודישע אפשטאמונג פון דעם מין סארט העלדען? פאר וואס טוט מען עס נישט געוועהנליך אין שייכות מיט די אוואנטוריסטען וואס שטאמען פון די הוגענאטען צום ביישפיל, אדער פון אלטע קאטוילישע פאמיליעס?

און דער עיקר: ווי קומט עס צו דער גרויסער אנשטענדיג קארעקטער „טיימס" צו מאכען א בעמערקונג וואס האט קיין שייכות נישט מיטן עצם ענין?

אזעלכע „אונשולדיגע בעמערקונגען" מאכען דאך ס׳רוב אט די געוויסע ביליג אנטיסעמיטישע צייטונגען מיט דעם חילוק נאר וואס זיי לאזען ארויס דעם „אפנים" ווייל זיי זענען פאראוים זיכער אז יעדער אפעריסט איז א יוד.

מיר שטעלען זיך אפ אויף דער אונשולדיגער, בעמערקונג אין דער „טיימס" נישט דערפאר, ווייל מיר זענען יודען און זענען קרענקליך עמפינדליך, ווען מען טייט אונז אן אויף שאטענדיגע העלדען פון יודישער אפשטאמונג.

נישט מיר האבען ווען געגלויבט, נישט מיר גלויבען איצט אז אלע יודען זענען בלויז צדיקים, און זיידענע נפשות, ווי ביי יעדען פאלק, האבען מיר אויך סאציאל געזונדע און סאציאל קראנקע קלאסען און יחידים, מעהר, צי ווייניגער — ווער קען עס מעסטען, און ווער דארף עס מעסטען?

מיר זענען אויך נישט פון די צו איבערגעשפיצט עמפינדליכע יודען, וועלכע קענען נישט אויסהערען וועלכע עס איז קריטישע אנצוהערעניש אויפן חשבון פון יודען, נישט וואָרפענדיג באלד דעם חשד אז דער וואס האט געמאכט ווילענדיג צי נישט ווילענדיג, אט די בעמערקונג איז אנטיסעמיטיש געשטימט.

און ווען מיר שטעלען זיך אפ אויף אט דער איבעריגער אפשר בעמערקונג אין „טיימס" לייט ארטיקעל, איז עס נישט חלילה צו ווארפען א חשד אז די „טיימס" איז שוין אויך געכאפט אין אנטיסעמיטיזם; דאס וואלט געווען ווי פאלש, ווי אומגעלומפערט נאאיוו; די „טיימס" איז די „טיימס": די גרויסע פעראנטווארטליכע קאנסערוואטיווע ענגלישע צייטונג.

און איבערהויפט דארפען מיר אויפהערען אונטערשיידען (און זוכען אוודאי נישט) צווישען יודען פריינדליכע און יודען־פיינדליכע צייטונגען.

איך מוז זיך מודה זיין: אפט זענען מיר די אזוי גערופענע יודען־פריינדליכע גארנישט אזוי סימפאטיש.

וואס מיר האבען א רעכט צו פאדערען און ערווארטען פון גרויסע צייטונגען און אנדערע פארשטעהער פון דער געזעלשאפט איז א קארעקטע און קאנסטרוקטיווע בעהאנדלונג פון זייער שטאנדפונקט, נאטירליך — פון דער יודישער, און אלע אנדערע סאציאלע און נאציאנאלע פראגען

נישט די אזוי גערופענע חסידי אומות העולם נישט דער פילא־סעמיטיזם וועלען אונז א סך העלפען צו לעזען די „יודען פראגע" נאר די געזונדע ווען אפילו אפט קריטישע, סאציאלע קאנסטרוקטיווע.

נאך מעהר: מיר שטעלען זיך אפ אויף דער אונשולדיגער בעמערקונג אין דער „טיימס", טאקע ווייל מיר גלויבען אז זי איז אומשולדיג, אז זי האט גאר נישט צו טון מיט אנטיסעמיטיזם.

מיר זענען איבערצייגט אז ביי דעם אנאנימען לייט ארטיקעל שרייבער האט זיך גלאט גאר נישט מיינענדיג ארויסגעכאפט אט די בעמערקונג, אז דער „מעקסיקאנער שטראוס שטאמט אפנים פון יודען" און אז דעם רעדאקטאר פון דער „טיימס" האט די בעמערקונג אויסגעזעהען אזוי נאטירליך אז ער האט זי אפילו נישט בעמערקט און דורכגעלאזט.

און אט די אונשולדיגקייט פון א בעמערקונג, וועלכע איז גארנישט אויסען געווען, איז דווקא זעהר און זעהר כאראקטעריסטיש און אויפפאלענד און עס לוינט זיך דעריבער אויף איהר אפשטעלען.

פערשטעהט איהר מיך: די זאך איז שוין אין דער לופטען, אלע זענען שוין מעהר ווייניגער אנגעשטעקט מיט דער סאציאל פסיכישער קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אוים אין דעם וואס מען זוכט דעם יודען, וואו מען דארף און וואו מען דארף נישט.

און אפילו די גרויסע קארעקטע „טיימס" איז שוין אויך אנגעשטעקט מיט דעם מיקראב.

דער היטלעריזם האט אנגעווארפען א גרעלען פערברעכערישען מאטיוו אויף דער יודען פראגע (און אפילו דארט וואו ס׳איז גאר נישטא, אזא פראגע) און אלע — יודען און נישט יודען — זענען פערבלענדעט געווארען פון דער שווידערליכער קראנקער ליכט. און מען זוכט דעם יודען דארט וואו ער איז נישטא, און אפילו דארט, וואו ער שטעהט אפען און נאטירליך פאר די אויגען...

אלע רעדען איצט פון יודען, די פשוטסטע און פרידליכסטע בירגער, וועלכע האבען קיין אורזאכען נישט זיי ליב צו האבען און נישט זיי פיינט צו האבען, מוזען בעמערקען וועגען זייערע שכנים, אז זיי זענען יודען, צי נישט יודען.

און אפילו די קארעקטסטע פאליטיקער און צייטונגען געפינען איצט פאר נויטיג און נאטירליך צו דערמאהנען די יודישע אפשטאמונג פון מענשען און האנדלונגען וואס אין נארמאלע צייטען און ביי א נארמאלער מענטאליטעט וואלט מען גאר פון זייער אפשטאמונג אפילו נישט געקלערט.

נו, טאקע וועמען קען עס על פי שכל הישר אינטערעסירען צו דער אדער אנדער שווינדלער, צי להבדיל פראפעסאר, איז א יוד, זעהענדיג אז דער מין מענש איז דא לרוב ביי אלע פעלקער און אין אלע לענדער, און אז זיי זענען פראדוקטען פון בעשטימטע סיסטעמען און בעדינגונגען.

יעדער ווייסט און פערשטעהט אז ס׳איז נאריש און נישט שכלדיג צו בעטאנען דאס. און דאך טוט מען דאס בשוגג ובמזיד, יודען און נישט יודען. קארעקטע און ראציאנאלע מענשען, און מענשען מיט פערשידענע נאציאנאלע און פארטייאישע פעראורטיילען, אז די גאנצע וועלט איז קראנק און אנגעשטעקט מיט דער יודען פראגע איז דאך נישט שייך.

מיר האבען קיינמאל אפשר נישט געהאט אזוי פיל יודען און יודישקייט מאניעס ווי מיר האבען איצט.

און דער אמת איז אויך אז נישט נאר אויף יודען און יודענטום איז איצט די וועלט קראנק, און אז די אזוי אנגעבלאזענע און צושריגענע „יודען פראגע" איז נישט מעהר ווי דער געפעהרליכסטער אפשר סימפאטישסטער פון דעם מאדערנעם קראנקען נאציאנאליזם בכלל.

דעם יודען זוכט מען מעהר ווי עמיצען אנדערש. אבער אויך אלע אנדערע נאציאנאליטעטען און ראסען קוקען איצט איינעם דעם צווייטען אין קאפ אריין מיט גיפטיגע חשד בליקען. דער ענגלענדער זוכט דעם פראנצויז, דער פראנצויז, דעם דייטש, דער דייטש דעם רוס, און אזוי ווייטער, און אזוי אום געקעהרט. מען האלט אין איין זוכען, ווי מאניאקעס, פסיכישע און ראסען פאספארטען איינער ביים אנדערען.

און מען רעדט נאך פונם פעלקער בונד, און פון קאלעקטיווער זיכערקייט.

חיים לייב פוקס

ירושלים*) (ריקודה׳ן)

— א. —

איך ווייס נישט אויף אמת: ירושלים איז
ס׳הארץ פון דער וועלט?
פון מיינער, איז עס אויף זיכער
כ׳בין געקומען צו דיר דורך לענדער און שטעט
אויף מעווישע פליגעל און וויכער.

דורך טרעהרען און בלוט. ווי געטאט נישט
געגאכט —
נאר ליב איז דאס וואגלען.
דיין בליק אין דער זון — מיין ברויט צו
דער זעט
מיין חלום — דאס וואסער פון לאגלען

און איצט כ׳בין ביי דיר, כ׳טרעט אויף דיין
ערד,
ירשלים, דאס הארץ פון די וועלטען.
און ס׳גייט אויף אין מיר א ניגון. וואס שפילט
פון הימלען איינציג און זעלטען —

עס טראגט זיך דאס קול, דורך די געסעלעך
קרום,
און פאלט פון די בערגלעך און טאלען.
די לבנה גייט־אויף טרויעריג און געל.
ווי א פנים יאפאניש געמאלען

— ב. —

ס׳איז איהר טרויעריג געווארען, זי האט מיך
דערזעהן
ווי כ׳שטיי ביי דיין טויער צעטומעלט — —
א טרעהר פון מיין אויג איז אריין אין דיין
ערד
צוזאם מיט א שטערן פון הימעל.

ירושלים! אויף דיינע געסלעך כ׳גיי אצינד.
ווי אין גוטע חומש־יאהרען — כ׳בין א קינד.
דער רבי זינגט דעם ניגון אוים פון „ואני" —
צוויי טויזענט טריט צום שטאט — נישט
וויים פון הי.

ליגט די מאמע רחל, א טויטע אויפן וועג,
און ס׳וויינט אין מיר דער ניגון פון יענע גוטע
טעג — — —
ס׳וויינט דער ניגון און ער לאזט זיך שטיל
אראפ
ווי א מאמע - טרעהר, אויף א קינדם א קאפ.

אויף דיינע קרומע געסלעך, ירושלים, כ׳טרעט
און מיין יעדער טראפען בלוט — איז א שטיל
געבעט:
מאמע רחל מיין, דו לעבסט, דו ביסט דאך דא
אצינד,
פארוואס זשע, הערסטו נישט, ס׳געוויין פון
דיינם א קינד?

*) פון בוך „ארץ ישראל לידער" וואס דערשיינט בקרוב.

קאמף צווישען פלעכאנאוו'ן

מיט דער „נאראדנאיא וואליא"

וואס איז וויכטיגער פאר דעם איבערבוי פון דער געזעלשאפט „עקאנאמיקע" אדער „פאליטיקע"? — ווי אזוי מ׳איז געקומען צום בעשלוס פון טעראריסטישע אקטען געגען דער צארישער רעגירונג

(זכרונות) • פון ד"ר ח. זשיטלאווסקי

צו די צענטראלע פראגען פון דער סאציאליסטישער טעאריע געהערט נאך עד היום די פראגע וועגען דער ראלע און דעם בעטייט פון דעם פאליטישען קאמף, — פון דעם שטאאט בכלל, מיט זיינע געוואלט־מיטלען, — פאר דער סאציאליסטישער בעוועגונג און פאר דעם איבערבוי פון דער געזעלשאפט אויף סאציאליסטישע יסודות, די פראגע איז אזוי אלט, כמעט ווי די סאציאליסטישע בעוועגונג גופא, און איז נאך נישט פערענטפערט געווארען אבסאלוט ביז צום היינטיגען טאג, נאר אין יעדען פעריאד פון דעם סאציאליסטישען קאמף פלעגט די פראגע בעקומען אביסעל אנ׳אנדער אויסזעהען און גאנץ אנדערע טעארעטישע בעגרינדונגען.

אין דער צייט וועגען וועלכער איך שרייב, בעת דוכאוויטש האט אין וויטעבסק ארגאניזירט א נאראדאוואלישען „שטודיר קרייזעל", — לאם איך איהם אזוי אנרופען, — איז די פראגע געשטאנען אין אזא פארם: קאן די „פאליטיק", דער שטאט מיט זיינע געוואלט־מיטלען, זיין א בעשעפערישע קראפט, וואס זאל ארויסברענגען און דורכפיהרען נייע פארמען און יסודות פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען? אדער קאן זי די פאליטיק, שפילן נאר א צעשטערענדיגע ראלע אין אפרייניגען שוין פערעלטערטע לעבענס פארמען, אין אפשאפען שטערונגען, אין ריין מאכען דעם וועג פאר א געזעלשאפטליכען לעבען, וואס וועט „פון זיך אליין" ארויסברענגען די איהם נויטיגע סאציאל עקאנאמישע יסודות?

אין דער פארטיי „נאראדנאיא וואליא" האט דעמאלט געוואונען די אויבערהאנט א ריכטונג, וואס האט געלערענט, אז די „פאליטיק" מיט איהרע געוואלט מיטלען, איז א בעשעפערישע קראפט, וואס קאן אויפבויען א סאציאליסטישע געזעלשאפטס־ארדנונג. טעארעטיש האבען איינינע פיהרער פון אט דער ריכטונג זיך געשטיצט אויף די ארבייטען פון דעם דייטשען סאציאליסט, אויגען דיוהרינג, די „נאראדנאיא וואליא" האט דעריבער ארויסגערוקט פאר דער פארטיי די אויפגאבע „צו פערכאפען" אין איהרע הענט די שטאטליכע מאכט און צוליב דעם זאל געפיהרט ווערען דער פאליטישער, טעראריסטישער קאמף.

געארג פלעכאנאוו האט געקעמפט פארן געדאנק אז די איינציגע בעשאפערישע קראפט אין דער געשיכטע איז די עקאנאמישע ענטוויקלונג. אבער די פארטיי פון דעם „שווארצען אומטייל" איז שוין אין יענער צייט געווען א פונאנדערגעפאלענע. איהרע וויכטיגע פיהרער — געארג פלעכאנאוו, אקסעלראד און ווערא זאסוליטש, זענען שוין געווען עמיגראנטען אין אויסלאנד. דארטען זענען זיי בעקאנט געווארען מיט די טעאריעס און קאמף־מעטאדען פון דער דייטשער סאציאל דעמאקראטיע. און פלעכאנאוו איז אין הסכם מיט זיי, געקומען צו אנ׳אנדער בליק אויף דעם בעטייט פון פאליטישען קאמף. איך וואלט דעם נייעם בליק פארמולירט אזוי: די „פאליטיק" האט טאקע נישט אין זיך קיין בעשעפערישע קראפט, איז אבער אויך נישט קיין פאסיווע שאטענהאפטע אפשפיגלונג, ווי דאס האט פריהער פאלש געלערנט דער „שווארצער אומטייל". די פאליטיק איז, אזוי צו זאגען, א נויטווענדיגער אינסטרומענט אין די הענט פון דעם געשיכטליכען „בוימייסטער", דעם עקאנאמישען פראצעס. די „נאראדנאיא וואליא" איז דעריבער געווען גערעכט, ווען זי האט געפאדערט, די סאציאליסטישע פארטיי זאל פיהרען א פאליטישען קאמף אבער אויב זי גלויבט, אז מען קאן שוין איצטער אין רוסלאנד דורכפיהרען מיט די געוואלט־מיטלען פונם שטאט דעם סאציאליזם, פאלט זי אריין אין א שעדליכער און געפעהרליכער אילוזיע. שטרעבען „צו פערכאפען די מאכט" שוין איצטער — הס מלהזכיר!

אין די אויסלענדישע קרייזען פון דער רוסישער עמיגראציע האט זיך צווישען דער נייער פלעכאנאוו׳שער ריכטונג און די „נאראדאוואלען" געפיהרט א העפטיגער פאלעמישער קאמף ארום אט דער צענטראל־פראגע.

אינם ווינטער 1884—1885.

אונזער קרייזעל האט זיך אויפן ערשטען פלאן אוועקגעשטעלט די אויפגאבע, פונאנדערצוקלייבען זיך אין דער געשיכטליכער ראלע פון דער „עקאנאמיקע" און „פאליטיקע". פון די דיסקוסיעס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מען מוז זיך אויפהויבען צו די ערשטע קוועלען פון דעם געשיכטליכען לעבען, צו דער אור־געשיכטע פון דער מענשהייט, און זעהן, וואס עס טוט זיך דארטען, מיט די קלאסישע ארבייטען פון א טעילאר און א לעבאק וועגען דעם אויפקום פון דער מענשליכער קולטור און ציוויליזאציע זענען מיר געווען בעקאנט, קיין סך הילף אין דער אונז אינטערעסירענדיגער פראגע האבען זיי נישט געגעבען. אבער דא איז ארויפגעשוואמען א נייער נאמען מיט א נייעם בליק אויף דער אור־געשיכטע: מארגאנס „אנהויב פון דער ציוויליזאציע", א לאנגער בעריכט וועגען דעם בוך איז שוין אויך געווען אין דער לעגאלער ראדיקאלער פרעסע. האר בען מיר זיך געמוזט א נעהם טון פאר מארגאנען. און דא זענען מיר אריינגעקראכען ווי אין א געדיכטען וואלד. דער גרעסטער טייל פון דער ארבייט איז בעשטאנען אין דער בעשרייבונג פון די קרובה׳־שאפט־גראדען ביז די פרימיטיווע אינדיאנישע שבטים און די כללים, ווער מיט וועמען עס האט געמעגט חתונה האבען אויף דעם סמך פון די ארטיקלען האבען מיר זיך בשום אופן נישט געקאנט פאנאנדערפלאנטערען אין דעם זעהר פערוויקעלטען ענין, אריינטראגען א וועלכע עס איז ארדנונג אין די קאמפליצירטע קרובהשאפטען, ביז דוכאוויטשעס קאנסטרוקטיווער קאפ האט געפינען דעם אויסוועג.

בעת מיר האבען זיך געאטפערט איינער מיט דעם אנדערען וועגען דעם אדער יענעם טייל פון דער קרובה׳שאפט סיסטעם, איז ער זיך געזעסען פערטיפט און געצייכענט עפעס מאטעמאטישע פיגורען, איך האב געמיינט, ער טוט דאס פערטראכטערהייט, אהן א שייכות צו אונזער ענין, נאר, פלוצים האט ער שנעל אנגעצייכענט א פיגור, א פאהר־געטון מיט זיינע פינגער דורך זיינע לאנגע האר און האט אונז טריאומפיהרענדיג מיטגעטיילט:

— אט ווי דאס קומט אוים!

ער האט אונז בעוויזען א פאר מאטעמאטישע פיגורען, — ראמבען, ווי מיר געדענקט זיך קלאר עד היום. די זייטען און די דיאגאנאלען זייערע זענען בעצייכענט געווען מיט די איינצעלנע קרובה־שאפטען, פיילען זענען געפלויגען פון איין ליניע צו דער אנדערער און דער גאנצער פערפלאנטערטער ענין איז מיטאמאל געווארען קלאר, עס איז געווען א זעהר געראטענע אילוסטראציע, עס איז באמת געווען נאר א גרויסער חידוש, וואס די אינסטינקטיווע פערפלאנטערטע ארגאניזאציע פון דעם פרימיטיווען פאמיליען לעבען ביי די אינדיאנישע שבטים זאל אין תוך האבען געווען אזוי סימעטריש געבויט און זאל זיך לאזען איינארדנען אין אזעלכע רעגעלמעסיגע מאטעמאטישע פיגורען, וואויל ווי די וועלט! אבער... וואס פאר א שייכות האט דאס צו דער גרונט־פראגע? וואו איז דער עקאנאמישער יסוד פאר אזא קאמפליצירטען, אבער סימעטרישען בנין פון א פאמיליען לעבען? וויפיל מיר האבען זיך נישט געפרובט מפלפל זיין וועגען דער פרימיטיווער „עקאנאמיקע" פון די אינדיאנישע שבטים, האבען מיר קיין ענטפער אויף דער שאלה נישט געפונען.

(איך וויל דא בעמערקען, אין האלבע לבנות: אויך אין דער ארבייט פון פרידריך ענגעלס וועגען דעם „אויפקום פון דעם שטאט, דעם פריוואט אייגענטום און דער פאמיליע". וואס גיט זיך פיל אפ מיט מארגאנס בוך, איז קיין ענטפער אויף דער שאלה נישט פאראן).

איך דערצעהל דא דעם עפיזאד מחמת א פאר, ווי איך גלויב, וויכטיגע טעמים. קודם כל איז דאס א ביישפיל מיט וועלכע פראגען מיר האבען זיך דעמאלט ארום -

(ווייטער זעה ־טע זייט)

דער רוח און דער מלמד

(גראטעסק-שפיל) — פון משה בראדערזאן

(א בלויע נאכט אויף א פעלד — אין א העק. די לבנה שפאצירט — מאכט עיגולס צווישען די דריי קליינע ווינט־ מיהלען און ווייטע הינטער־ גרונט, וואס גאפען פאראויס מיט זייערע אנגעצונ־ דענע אויגען).

טאנץ פון יונגע מכשפות

(מיט אויסגעשרייען):

עס יאגט איהם! עס יאגט איהם!
פון ליטע, צי פון זשאמעט!
עס טראגט איהם! עס טראגט איהם!
דער רוח — דעם מלמד!

(דער רוח קומט אן, טראגענדיג אויף די פלייי־ צעס דעם מלמד)

דער רוח:
האפ, האפ, האפ, האפ —
העי, סטאפ מאשינא, סטאפ!
זייט מוחל, ר׳ מלמד,
זייט מוחל, קריכט אראפ!
האפ, האפ, האפ, האפ —
טא קריכט זשע ר׳ מלמד
מיט קאפ אין דר'ערד אריין!!!

מלמד:
איי, איי־איי־איי! איי, איי־איי־איי!
וואס מאך איך דא? וואס טו איך?
ידידי, זאגט — וואו האט איהר מיך
פערטראגען, פאניע רוח???
וואס זאל איך דא, א שטייגער, טון —
וואס קאן מען טון דא דארפען?
פאר פחד קלאפט מיר צאהן אין צאהן:
סיקדחת טוט מיר ווארפען — — —

דער רוח:
אז ס'ווארפט איז דאך נישקשה,
דאס טוט מיר וואויל געפעלען:
נון, וועט איהר הלכות - נשים
מיט אט די שיקסלעך קנעלען!

זיי ברויכען נישט קיין ציהרונג,
קיין אטלעס און קיין סאמעט!
א קליינינטשקע בעריהרונג
זיי ווילען פון מלמד!!!

מלמד:
בעריהרען מיך?!! אוי, ווי איז מיר!
ווי זאל איך עס בעשיידען?
לא תחמוד אין דער תורה שטייט —
מע טאר נישט — א סאך מיידען!
בעריהרען מיך?!! אוי, ווי איז מיר!
מיר שטעכט אזש אין די שלייפען:
איך חלש, אוי! איך פאל אוועק —
איך ווער חלילה — טריפיע!!!

דער רוח:
וואס דרייט איהר דא א ספאדעק,
מיט כשר און מיט טריפיע?
דערמאהנט זיך נאר ר׳ צדוק,
אין אייער מכשפה!
און זאל אייך דאס נישט שמערצען,
און זאל אייך דאס נישט נאגען —
וואס האט אייך דא אהערצו
דער רוח אוועקגעטראגען!!!

מלמד:
איי, ר׳ רוח לעבען, א געזונט אין אייך! —
און וואס וועט זיין, א שטייגער און למשל און כדומה, נאפרימער,
אז מיין יודענע וועט קומען גלייך — — —
אט דא אהער?!!
אדרבא, פערענטפערט מיר, ר׳ רוחשי, די קשיא:
און וואס וועט זיין, אז קומען וועט אהערצו
מיט די טאפעל־שערצען

היודענע הצנועה, די רביצין, זוגתי, מרת כאשע?

דער רוח:
אוווא־אוווא, כ'האב מורא — כ'האב פער־קאכט א קאשע!
מה מאמר ומה-נע-ווייבער!!!?

מלמד:
אט האסטו דיר דעם גאנצען בערן-טרייבער!
אין אייער ווייטען האלז איהר מעגט זיך שעהמען:
איהר מעגט זיך תיכף גיין בעגראבען —
דער רוח גאר זאל מורא האבען,
מיין אישה כאשע נעהמען???

דער רוח:
אוי, וועמען-וועמען — נאר מיר איז טאקע שלעכט,
אז אך-און-וויי איז נעבעך צו דעם רוח,
דער רבי — דער מלמד איז גערעכט:
כ'האב מורא, אז בחנם איז מיין פראצע און מיין מיה!
איך מעג זיך מאקיש שעהמען,
נישט איך — איך וועל זי נעהמען,
נאר גיכער וועט זי נעהמען מיך —
זי!

כאשע:
געוואלד, געוואלד, געוואלד,
אן אומגליק איז געשעהען!
אין פעלד דא, צי אין וואלד,
צי האט איהר נישט געזעהען?

דער רוח:
וואס טויג דאס שרייען סתם?
מע פלאצען דאך די אויערען!
זאגט, ווער איז אין מיראם,
געגאנגען דא פערלוירען?

כאשע:
געוואלד, געוואלד, געוואלד,
דאס אומגליק טוט מיך פלאגען —
אין פעלד דא, צי אין וואלד,
דער רוח האט איהם פערטראגען!

דער רוח:
דאס איז א קנאפער פסק,
מען קאן עס לאזען אפען,
כל זמן עס האט זיין שלאק —
זיין שלאק איהם נישט געטראפען!!!

כאשע:
אנטלאפען גאר — יאך מטאי,
אין פרעג איהם וואו, צו וועמען???
ריבוינ־שעלוילעם, אוי,
דער רוח זאל איהם נעהמען!

מלמד:
דו הייסט, — איז מילא־מה!
דיין ווילען תיכף טו איך:
אפי ס'זאל זיין נאר שא —
נו, יאזדא־וויא, ר׳ רוח!!!

(לויפען ארום, יאגען זיך נאך; דער מלמד — אויפן רוחיס פלייצעס, דערנאך — די יונגע שדייכעס און צום סוף — כאשע).

טאנץ און געזאנג:

עס יאגט איהם! עס יאגט איהם!
פון ליטע, צי פון זשאמעט!
עס טראגט איהם! עס טראגט איהם!
דער רוח — דעם מלמד!!!

אוי, די אמנעסטיע!...

קלאפאטעז פון א לאדזער „מענזשאטקע"

פון י. אבערזשאנעק

געוועזן איז עס די חיינטיגע וואך. די רעדאקציע איז אין קאמפלעט. דער רעדאקטאר פושוסטאווסקי איז פערטיפט אין א ווערק פון א יונגען דיכטער (און זער רעדאקטארס שוואכקייט). משה בראדערזאן פאס מאקעוועט זיך מיט א נייעם ווייז. ח' ראזענבערג איז בעשעפטיגט מיט א העלדין פון זיינעם א ראמאן, חברטע טאניע „נאשט" פון א רוסישער צייטונג. ח. קראקאווסקי שוויצט איבערן אביסוניש פראגנט. גראף קאלי זאגט א גראם צו קאזע־מילך, ח' בלומשטיין מאכט צערכט שעפסעל ראטהאליז, ח. יאסני מעקט און שטרייכט.

פלוצים עס קומט אריין א פרוי, געגוי די על־טער איז שווער פעסטצושטעלען. יערענפאלס אין דעם „ניעבעזפיעטשני וויעק". צווישען 27 און 59. ווארום ווער קען דאס היינטיגע צייטען זיין א חכם און טרעפען די יאהרען פון א פרוי? אז די באבע מיט'ן אייניקעל זענען אין איין עלטער... לויטן „ווי־גלאנד" פערשטעהט זיך, דאס אייניקעל מאלעוועט זיך די „וואהנעס" — די באבע אויך. דאס אייניקעל ריסט זיך אויף די „זשענסעס" מיט שיוואקס — די באבע אויך. ס'אייניקעל האקט זיך אונטער די אוי־גען — די באבע אויך. ס'אייניקעל מאכט זיך „פער־לאווע" נעגעל — די באבע אויך. ס'אייניקעל מאכט זיך א „ווענזיטשעק" אויף דער אויבערשטער ליפ — די באבע אויך. ס'אייניקעל מאכט זיך א „פיעפשיק" אויף דער באק — די באבע אויך. ס'אייניקעל האט די „ליניע" — די באבע אויך. ס'אייניקעל טראגט א ממזריש גרין קאפעלושעל מיט א פיורעמשקע אויפן שפיץ־קאפ — די באבע אויך. ס'אייניקעל טראגט לעטשעלעך מיט האלב־מעטערדיגע אויסגע־הוילטע קלעצער — די באבע אויך. ס'אייניקעל רעדט „פא פאלסקיעמו יענזיקאוואשטשי" — די באבע אויך.

נו, אדרבה, זייט איהר א חכם און ווייסט ווער ס'איז דאס אייניקעל און ווער די באבע. די יאהרען פון א פרוי קען מען זיך היינטיגע צייטען הערויסען פון דער קלעפסידרע, פריהער נישט!...

נו, ס'איז א חידוש, וואס מיר האבען נישט גע־וואוסט די געגויע עלטער פון אונזער גאסט? אז גע־מאליעוועט איז זי געווען „יאק שען נאלעזשי". א גרין היטעלע האט זי געטראגען אויפן שפיץ קעפעל. נעגעל האט זי געהאט „פערלאווע". די „ליניע" האט זי געהאט „פשעפיסאווע" א פרוכתל פארן פנים האט זי אויך געטראגען און גערעדט האט זי „פא פאלס־קיעמו":

— „כטשאלעם מוביטש ז'פאנעם אבווארזשאנ־פעם".

— יא דאס בין איך. וואס פערלאנגט איהר?

— „פארדזא מי פשיעמניע", האט זי מיר דער־לאנגט די האנד גלייך צו איהרע ליפען.

— מיט וואס קען איך אייך דינען?

— כטשאלאם... פראשען פאנא...

— אפשר וואלט איהר גערעדט יודיש? איהר זענט דאך אין א יודישער רעדאקציע, איהר רעדט יודיש?

— ,יא ווארום דען ניכט... איך וואלטע איה־נען זאגען לאסען"...

— דאס איז ביי אייך יודיש? איהר שמועסט דאך פראסיש! יודיש, מאמע לשון רעדט איהר?

— אוודאי א שיינע שאלה כ'לעבען, וועלכעס יודישע קינד קען נישט רעדען יודיש? איך ליעז דאך דעם פאלקסבלאט ווי א וואסער.

— אט אזוי, ריין מאמע לשון, לאמיר הערען, וואס איהר וועט דערציילען.

— הערט מיך אויס, פאניע אבערזשאנעק, איך וויל זיך מיט אייך אדורכשמועסען „פאאופנע" נאר איין ביטע האב איך צו אייך: איהר זאלט מיך נישט שפעטער בעשרייבען אויף אייער שטייגער.

— נו, לאמיר הערען.

דא האט זיך די (באבע צי אייניקעל) נעהנטער צוגערוקט. האט ארויסגענומען פון דער סאקעווקע א פירעלע „ראמעס", מיך „פאטשענסטעוועט" און אליין אויך פערריכערט. פערלייגט איין פוס אויפן אנדערען און גענומען געבען לשון:

— פאניע אבערזשאנעק כ'האב אייך געוואלט פרעגען א פראגע, און איהר זאלט מיר זאגען דעם ריי־נעם אמת.

— דהיינו?

— זאגט מיר, צי ס'וועט טאקע זיין אנ'אמנעס־טיע? טאמער איז די מעשה אמת...

— נו, וועט איהר זיין צופרידען?

— זאל גאט שומר ומציל זיין! טאמער וועט זיין אנ'אמנעסטיע בין איך אומגליקליך אויף מיין גאנץ לעבען. האט די (באבע אדער אייניקעל) מיט א זויע־רע מינע געענטפערט.

— כ'פערשטעה איך נישט, אלע ווארטען מיט אומגעדולד אויף דער אמנעסטיע און איהר זענט גאר אומגליקליך? ערקלערט דאס דייטליכער.

— כ'וועל אייך „וויאשניען": מיין מאן, פער־שטעהט איהר מיך, זיצט „ו'טשופיע". איהר מיינט אפשר פאר א וויכטיגע זאך? אסור, פאר א קליינינג־קייט, וואס איז כישט ווערט די רייד — צוליב צוויי זעראס.

— צוליב צוויי זעראס?

— יא, צו א הונדערטער וועקסעלע האט ער צו־געשריבען צוויי זעראס... צוליב אזא „דראבנאסט־קע" האט ער געכאפט א וויראק אויף צוויי „יעהר־לעך" און ער קוועטשט ווי א טאטע.

— נו, נו, דארפט איהר דאך זיין צופרידען, אז ס'וועט זיין אנ'אמנעסטיע. וועט דאך אייער מאן א־היים קומען?

— אט, אט, דערפאר טאקע שרעק איך מיך. טא־מער זאל ער אין מיטען דריגען אהיים קומען וועט זיין זעהר פאסקודנע.

— פארוואס וועט זיין פאסקודנע? פערקערט!

— עי, פאניע אבערזשאנעק, איהר שרייבט א־זעלכע „ראווטשיפנע קאוואלען" דארף מען אייך דאך ארויסלייגען אלץ אויפ'ן טעלער? איהר האט שוין געדארפט פערשטעהן די „פושיטשינע"...

— אהא, איך קאפעווע שוין, איהר האט מסתמא פערדינגען די דירה א...

— אט, אט. איהר זענט שוין אויף א וועג... יא. יא. פערדינגען, אבער נישט די גאנצע וואוינונג.

— א טייל?

— יא. יא. נישט קיין טייל. איין צימער.

— אהא. איהר האט פערדינגען א צימער א...

— אט. אט. א... סובלאקאטאר. זאלט איהר זעהן, פאניע אבערזשאנעק, א בחור! זאלט איהר זעהען א „פאסטאווע" פון א „מענשטשיזנע"! איהר זאלט זעהען „שליפיעס"! איהר זאלט זעהען א טשו־פרינע — סמאלע! און ער שיט „ראווטשיפען" אין „ראווטשיפ" אין „טלוסטער" פון צווייטען נו, פרעג איך איך. אז א מאן ישבענט א יאהר צייט צוליב א „דראבנאסטקע" דאס הארץ בענקט אזוי שטארק. א יאהר שלאפלאזע נעכט. און נאך אזא ביטער פער־איינזאמט יאהר, אז גאט העלפט, און ס'מאכט זיך א סובלאקאטארל...

— אהא, כ'פערשטעה שוין, נאך א יאהר איינזאמ־קייט און בענקשאפט, האט איהר בעקומען א פיינעם סובלאקאטאר, איז צווישען אייך...

— אט, אט, ווי איהר וואלט דערפיי געשטאנען! צווישען מיר און דעם סובלאקאטאר איז געווארען א היימע...

— אהא. א ליבע?

— יא. יא. איהר זאלט אזוי לעבען מיט מיר! יא. א הייסע ליבע. מיר האבען צוזאמען געגעסען, צו־זאמען געטרינקען, צוזאמען געגאנגען אין קינא. אי טאק דאלעי. איך דארף מען דאך נישט לעגען אלעס אויפן טעלער. איהר פערשטעהט דאך שוין מסתמא אז א פרוי אין מיינע יאהרען, וואס דער מאן ישבנט צוליב א „דראבנאסטקע" בעקומט אזא סובלאקא־טאר'ל . . .

— אהא, איצט פערשטעה איך שוין די גאנצע מעשה. איצט איז מיר שוין אלץ קלאהר.

— טאקע? א געזונט אין אייערע ביינער אריין. וואס דען, כ'האב דאך באלד געוואוסט. אז אבער־זשאנעק דארף מען נישט ארויסלעגען אלעס אויפן טעלער... נו, איצט, אז איהר פערשטעהט יא שוין אלץ, טא זאגט זשע מיר: ס'וועט זיין אנ'אמנעס־טיע?

— זיכער!

— זיכער? ס'ווערט מיר שלעכט! און וואס וועט זיין מיט מיין סובלאקאטארל? כ'האב דאך מיך שוין צו איהם אזוי שטארק „פושיזוויטשאיעם"?"...

— נעהמט אייך נישט איבער, ליבע פרוי, זייט אייך נישט מצער, ס'וועט זיין פאר אייך אנ'עצה.

— טאקע? אנ'עצה, זאגט איהר? וואס פאר אנ' עצה?

— איהר מיט אייער סובלאקאטערל וועט ווייטער קענען זיין צוזאמען.

— ווי אזוי? ס'וועט דאך, זאגט איהר זיין אנ' אמנעסטיע?

— ס'וועט זיין אנ'אמנעסטיע, וועט אייער מאן ארויסגעהען פון דער תפיסה, און איהר מיט אייער סובלאקאטארל וועט אריינגעהען.

די „דאמע" האט זיך געזעגנט, און... מיין פע־ליעטאן איז פערטיג.

געשיכטע פון יודען אין לאדז

רעגירונג העלפט צו דער צענטראליזאציע פון דער אינדוסטריע

פון ד"ר פ. פרידמאן

(נאכדרוק פערבאטען)

העכסט אינטערעסאנט איז א צווייטער פרוב פון דער לאדזער שטאטישער און אדמיניסטראטיווער מאכט, וועלכע האבען געבען די אינדוסטריעלע און האנדעלס-ספערען געוואלט פעראינטערעסירען מיט דער לאדזער אינדוסטריע, אויך די ערד-בעזיצערישע ספערען. א דאנק דער צוהעלפונג פונם פרעזעס פון דער מאזאווישער, וואיעוואדישער קאמיסיע האט דער אויבער ארענדאטאר פון דער רעגירונגס - עקאנאמיע און דער געוועזענער „קריגס ראט פון דער פרייסישער רעגירונג, ערנסט פאן קייליך, געגרינדעט אין 1826 אין לאדז, א לאגער פון פלאקס און פלאקס-פאדעם. פונם דאזיגען לאגער האט קייליך געוואלט צושטעלען די לאדזער וועבער און די לאדזער שפינערס פלאקס און גארן אויסארבייטונגען, אדער אויסוועבען. אבער אויך דער ענין, אין וועלכען עס האבען פערמיטעלט און מיטגעהאלפען די לאדזער, שטאטישע מאכטהאבער, האט זיך יאקאיש נישט געקלעבט. שוין אין דעצעמבער פונם זעלבען יאהר (1826), זענען די לאדזער שפינער, דורך דער פערמיטלונג פון בירגער מייסטער, מודיע קייליכן, אז „זיי זענען נישט בכוח צו קויפען קיין פלאקס, אפילו צום קלענסטען פרייז... דאגעגען זענען זיי בערייט, נאר אויסצווועבען דעם פלאקל געגען שטיק-לוין". איינע חדשים שפעטער פערלאנגען די וועבערס „אז מען זאל זיי תיכף ביים פונאנדערטיילען (דעם פלאקס) געבען וועלכע (עס איז „פארשוס". די לאדזער שפינערס האבען פערלאנגט פאר אויסוועבען א שטיק פלאקס, אין תחילת 2 פויל. גילדען, שפעטער א גילדען מיט 15 גראשען און פאר קעמען דעם פלאקס — 1 פוילישען גילדען. בקרוב איז דערגאנגען צו א זעהר שארפען קאנפליקט, צווישען די וועבערס און קייליכן, וועגען די לוינען. אויסערדעם האט קייליך די וועבערס פאר געווארפען אומעהרליכקייט, האט אין זיינע אמטליכע קארעספאנדענצען זיי בעשיט מיט זידלערייען און, לסוף האט ער זיך געענצליך צוריקגעצויגען פון לאדז, ליקווידירענדיג זיין לאגער דעם 4 דעצעמבער 1827.

פון צווישען אזוי פיל נישט-איינגעגעבענע פרובען האבען זיך אויפן לאדזער באדען דערהאלטען נאר די יודישע סוחרים — לוינער. אין 1826 בעוויזט זיך אין לאדז א יודישער סוחר פון ראווע (זיין נאמען געבען די אקטען נישט אן) וועלכער בעהערשט פולשטענדיג די שטאטישע פראדוצענטען. דער עלטסטען אמט פון טוך-ארבייטער - צעך, כאראקטעריזירט זיין טעטיגקייט, בזה האופן:

„דער ראווער סוחר קויפט נישט ביי די וועבערס דאס פאבריקס טוך פאר מזומן געלד, נאר געבענדיג זיי אויסצוועבען זיין וואל, מוזען זיך די וועבערס צופרידענשטעלען, נאר מיט דער בעלוינונג, וואס זיי בעקומען פון דעם סוחר פאר אויסוועבען זיין וואל. בזה האופן האט ער אריינגעפיהרט די טוך-וועבערס אין דעם מנהג און חוב, אז זיי מוזען זיך בעשעפטיגען נאר מיט דער אויסארבייטונג פון זיין וואל און דאס צוליב דעם, וואס דער דערמאהנטער סוחר, אדער זיין יודישער שותף, צו נאר זיין יודישער שרייבער, פון וועלכע איינער זיצט שטענדיג אין לאדז, רעדטראפ די אנגעקומענע סוחרים און מאכען אנ'אנשטעל פאר יעדען איינציגען און קיין שום היגער וועבער, קען קיין טוך, אהן דעם וויסען פון ראווער סוחר נישט פערקויפען און נישט דערמיט פערוואלטען.. אטא די פראקטיק פון דעם ראווער סוחר, איז ריכטיג בעשריבען, הגם צו בעווייזען דאס מיט עדות איז עס שווער, ווי יעדעם יודישע הריודעל". לסוף האט דער עלטסטען אמט געבעטען, אז עס זאל צו סוחרים וואס קומען אן קיין לאדז, פערפאטען ווערען „צו פערקויפען באלד אויפן ארט", נאר עס זאל זיי דערלויבט ווערען, מעהר נישט, ווי איינצוקויפען דא סחורה, און איהר „פון דאנען ארויסצופיהרען", אויסערדעם — אז עס זאל דעם ראווער סוחר פערבאטען ווערען „מיט ידיעות, אז די לאדזער טוךמאכער קענען זייערע אויסארבייטונגען נישט פערקויפען, נישט אפשרעקען פרעמדע סוחרים".

די כאראקטעריסטישע שריפט פון דעם עלטסטען אמט בעקענט אונז אפיסעל מיט דער אינערליכער ארגאניזאציע פונם לוין-סיסטעם, מיט זיינע טונקעלע זייטען און מיט די מעטאדען, א דאנק וועלכע די סוחרים - לוינער האבען זיך בעמיהט פאר זיך צו פערזיכערען א מאנאפאליסטישער שטעלונג, צווישען די ארטיגע פראדוצענטען.

אינטערעסאנט איז, וואס די לוין אינדוסטרי איז, אין תחילת ענטשטאנען אין לאדז אונטערן פאטראנאט פון דער שטאטישער מאכט און אונטער דער עגודע פון צעך. די לוינער האבען נישט געשלאסען קיין אינדיווידועלע אפמאכען מיט בעזונדערע וועבערס, נאר מיט א גאנצער גרופע, בראש פון וועלכע עס איז געשטאנען דער „סטארשי" אדער „פאדסטארשי" פון צעך. די פארם פון א קאלעקטיווען לוין-אפמאך, וועלכער איז געשלאסען געווארען אונטער דער אויפזיכט פון דער שטאטישער און צעכישער מאכט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער כאלופניקעס-אינדוסטריע אין די צייטען פון פונאנדערבליה פון דער צעכישער ארדענונג (אין שפעטען מיטעלאלטער און אין אנהויב פון דער נייער ערא) — איז אין לאדז נאר א רעמיניסצענס פון דעם פריהערדיגען בעדייט פון צעך אין דער רעגולירונג פון אלערליי פראדוקציע פראבלעמען. אין 19טען יאהרהונדערט, אין גאנץ אנדער ווירטשאפטליכע בעדינגונגען, קען די דאזיגע פארם זיך שוין מעהר נישט דערהאלטען. די אינדיווידועלע ענטוויקלונגסטענדענצען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע — אין דער געשטאלט פון דעם פערלעגער (לוינער) — אין אונזער פאל, דער ראווער סוחר—שטרעבען צו צעקלאפען דעם לעצטען שוץ-וואל (קאלעקטיווער אפמאך, די אפוטרופסות פון צעך און זיין פערמיטלונג); געגען וואס עס פערטיידיגט זיך, ווי וויט מעגליך, דער טוך-וועבער צעך. דער צעך שטרעבט נישט בלויז צו דער דערהאלטונג פון דער קאנטראל איבער דער גאנצקייט פון דער סוחרישער טעטיגקייט פון פערלעגער. דער קאמף פונם צעך מיט די פערלעגערס, וועגען דער השפעה אויף די ארגאניזאציע - פארמעס און דער ארדנונג פון דער „כאלופניצטווע", פיהלט אויס א בעדייטענדיגען טייל פון די העבערישע ענינים אין לאדז, און די נאהענטסטע צוואנציג יאהר און איז, אין א בעדייטענדיגער מאס דער גורם צו דער פערשארפונג פון די בעציהונגען צווישען די וועבערס און די יודישע סוחרים.

צוליב דעם, וואס עס זענען וואסאמאל עפטער אנגעקומען בעקלאגונגען צו דער רעגירונג אויף דעם לוין-סיסטעם, נישט בלויז פון לאדז, נאר אויך פון אנדערע פאבריקס שטעט, האט אין די רעגירונגס-קרייזען אנגעהויבען רייף צו ווערען א נייער געדאנק: אריינצוברענגען גרעסערע און רייכערע אינדוסטריעלער, וועלכע וואלטען אין זייערע צענטראליזירטע אונטערנעהמונגען געקענט אויספיהרען די טייערסטע פראדוקציע - פראצעסען פון איין זייט און פון דער אנדערער זייט, וואלטען זיי גרופירט ביי זיך די אויסארבייטונגען פון די קלענערע וועבערס, אין האלב - פערטיגען צושטאנד. פערטרעטענדיג בזה האופן א סך יודישע סוחרים-פערלעגער. מען מוז תיכף צוטרעטען צו דער רעאליזאציע פון דעם פלאן. אין רעזולטאט פון וועלכען עס זענען אריינגעבראכט געווארען אין לאנד גרעסערע פאבריקאנטען, פון צווישען וועלכע עס האט זיך, אין 1827 בעזעצט אין לאדז טיטוס קאפיש.

דער קאנטראקט וועלכען קאפיש האט געשלאסען מיט דער רעגירונג, האט איהם מתחייב געווען צו קויפען די לייוונט ביי די ארטיגע וועבערס, אז ער זאל די לייוונט בליכען און זאל פיהרען א לייוונט הורט-האנדעל. א חוץ דעם האט זיך קאפיש מתחייב געווען אריינצוברענגען א בעדייטענדיגע צאהל וועבערס און זיי צו בעשעפטיגען. זיין אונטערנעהמונג האט גיכער געטראגען דעם כאראקטער פון א גרויס האנדעלס הויז, ווי פון א אינדוסטריעלע אונטערנעהמונג.

דער נייער רעגירונגס צוג האט, דוכט זיך, געבראכט די וועבערס א געוויסע פערלייכטערונג. בכל האופן, האבען מיר נישט געפונען קיין בעקלאגען אויף עקספלאאטאציע, פון קאפישען. קאפיש האט די ראהמען פון זיין אונטערנעהמונג אויסגעברייטערט מחוץ די גרעניצען פון לאדז. א סך בעשטעלונגען האט ער געמאכט ביי די טשענסטאכאווער וועבערס, אויף וואס די לאדזער וועבערס האבען זיך שטארק בעקלאגט.

קאפיטאל און ארבייט

פון לעבען אין ארץ-ישראל אין שפיגעל פון דער דארטיגער ליטעראטור

פון נ. י. גאטליב

געוועזען א צייט ווען אין ארץ ישראל האט געשטראמט אנ'איינסארטיגע עליה, — א חלוצים-עליה, דאס איז געווען דער זוניגער פריהמארגען פון מזרח-דערוואכונג. דער אנהויב פון „ותחזינה עינינו בשובך לציון"... און ווי עס פאסט פאר אזא ניי-פריהלינגדיגען אנהויב, פאר אזא זוניגען פריהמארגען, זענען איהם געגאנגען אנטקעגען די יחידי סגולה, די אויסדערוועהלטע, די גאלדענע יוגענט, מיט פלאם אין די הערצער, מיט זוויגע אין בליק און מיט עקשנות אין טראט...

דאס לאנד איז געווען וויסט, זאמדיג, מדבר-דיג, שטייניג-פעלזיג, זומפיג-פארפעסטעט... דאס לאנד איז געווען קרקע-בתולה'דיג און ס'האט זיך געפאדערט א געוואלדיגע מענערישע ענערגיע, זעלבסט-אפפערונג ביז פערגעסענהייט, בעפרוכפערען מיטן אייגענעם שוויים, און בלוט די טויזענט-יאהריגע, פון ווייטען בעהארצטע פעלזען, זאמדען און ווייסטענישען...

מען איז געפאהרען אויפריכטען דאס לעצטע, איין-איינציגע פעסטונג — מסדה — דאס לעצטע האפנונג אויף בענייאונג, אויף ווידערגעבורט... בויען אויפסניי א חיים — אויף נייע יסודות, אויף א פונדאמענט פון יושר, פון גלייכהייט, פון עהרליכע ארבייט, פון חלוציות...

דאס איז געווען אמאל, אין דער נישט-ווייטער פערגאנגענהייט, אינם זוניג ראמאנטישען אנהויב, אינם טרוימעריש אידעאליסטישען פריהלינג פון אויפגעוואכטען מזרח...

אצינד, אין אונזערע וואלקענדיגע גרויע וואכען טעג, אין אונזער אולטרא-רעאליסטישער צייט, מיטן מבול צרות, וואס פלייצט אויף יודען פון אלע וועלט עקען, מיט דער וויסטער בהלה נאך רעטונג, נאך זיכערהייט, נאך א פיצעל אנהאלט אונטער די וואקעלדיגע טריט, — אצינד האט זיך די ארץ ישראלדיגע עליה פיל - צעספארטעוועט, פיל - צעקאלירעוועט, צום אידעאליסטישען חלוץ איז צוגעקומען דער באלעבאטישער פיליסטער: צום ארגאניזירטען ארבייטער איז צוגעקומען דער ארגאניזירטער קאפיטאל; צום פעלד - און בערג ארבייטער — דער ביז-ציוניזם זאכליכער גרויסשטאט-מענטש, ארץ ישראל איז געווארען אנ'עמיגראציע לאנד, דעם אויבענאן פערנעהמט אלץ מעהר און מעהר דער „מסחר'דיגער קוק", די נוצבראקייט, די אוטיליזירטקייט און — אויב ער לאזט זיך — די מענגליכסטע עקספלואטאציע פון „טויטען און לעבעדיגען אינווענטאר"...

איך האב די טעג דורכגעליינט פינף ארץ ישראל'דיגע דערצעהלונגען, פון פינף בעזונדערע יונגע שרייבער, וועלכע האבען אין איינעם מיט א גרופע אנדער שרייבער. דיכטער און עסייאיסטען, ארויסגעגעבען א ליטעראַרישען זאמעל-בוך מיטן נאמען „ווייטער".

די פינף פראזע-שרייבער זענען: איזבאן, ריוועס, הייבלום, חיין און קאוועי. יעדער פון זיי בעטייליגט זיך אין א זאמעלבוך מיט א קורצע אדער א לענגערע דערציילונג. און יעדע דערציילונג בעהאנדעלט דאס מאדערנע פראבלעם פון קאפיטאל און ארבייט... יעדע דערצעלונג בעמיהט זיך קינסטלעריש אפצושילדערען: פון איין זייט — ארבייטער פארשטעהער, חלוצים, שטאטישע און דארפישע, און פון דער צווייטער זייט — קאפיטאל פארשטעהער, פאבריקאנטען, בעלי-גופים, וכדומה די פינף דערצעהלונגען זענען נישט קיין געמאכטע. — ס'איז גוטער קינסטלערישער שטאף, וואס קנעט איבער דאס דארטיגע ווירקליכע לעבען אין זיין זון-זייט און אין זיין שאטען-זייט... אויף דריי פון די דאזיגע דערצעהלונגען ווילט זיך מיר דא אביסעל פערהאלטען.

אט איז חיינ'ס א דערצעהלונג. — „וואס דער כרמל האט געזעהען". ס'איז א בלעטעל כראניק, אנגעשריבען דיהרענד און איבערציינגענדיג, דא ווערט געשילדערט די קבוצה „אחוה" אויפן כרמל, אין וועלכען עס געפינען זיך זעכצעהן יונגען און זיבען מיידלעך.. אלע — טייערע חלוצים, אידעאליסטען, וואס הונגערען גאר אפט אונטער, לייַדען נויט, קראנקהייטען אבער זעצען פאר די ארבייט, בויען אויף נאך אנ'ארץ ישראל ווינקעל...

און אט זענען צוויי פון דער דאזיגער קבוצה — שמואל און שלמה. וועלכע זענען נאך אלטע חברים און ליבען זיך מיט א בעזונדערער ליבשאפט... זיי זענען די ערשטע אין דער קבוצה, און הינטער זיי וויקעלט זיך שוין א היבשע געשיכטע פון העראאישען אידעאליזם, פון הונגער און נויט... דער שרייבער שילדערט דעם קבוצה לעבען, די הונגעריגע טעג, די אלצייטען, וואס בעשטעהען תמיד פון גרינע קרויט מיט זאלץ... און אז עס מאכט זיך אמאל מען פאקט ערגעץ-וואו א „לייטישע" חון — אויף דעם איז א מאדים ברוך דער שומר — ווערט אין קבוצה אנ'אויסערגעוועהנליכער יום טוב... ברוך דער שומר קען אפקאכען די הון אינמיטען דער נאכט, אויפוועקען אלע חברים און נעהמען זיי מכבד זיין מיט עליות:

— מורנו ורבנו ר' שמואל מכבד מיט א פופיק...

— מורנו ורבנו ר' שלמה מכבד מיט א געדערגעלע...

— מרת רביצין בת יאנקעל מכבד מיט א פליגעלע...

דער מחבר שילדערט פון איין זייט — די קבוצה מיט איהרע אידעאליסטישע חלוצים, מיט זייערע הונגעריגע טעג; און פון דער צווייטער זייט — די דערבייאיגע שטאט חיפה, מיט איהר האוועדיגען קאפיטאל, מיטן בלויען ים, דערביי, וועלכער ברענגט צום ברעג שיפען מיט רייכע אמעריקאנער טוריסטען:

„אלטע, הויכע זקנים, מיט בינאקלען און פאטאגראפישע אפאראטען, ביי די זייטען.

דער מחבר שילדערט שמואלס אוועקגעהן אין שטאט. צו דער „הסתדרות", זי זאל זיי ארויסהעלפען אין דער געדריקטער לאגע.. שמואל קריגט פון דער „הסתדרות" הילף, קעהרט זיך אום צוריק אין קבוצה מיט א קויש פראדוקטען און מיט א בשורה פאר די חברים, אז מען גרייט פאר זיי ארבייט... ער פיהרט אויך א גרוס פון העניען, שלמהס א מיידעל... אט וועט עס זיין א יום-טוב!.. אבער אינמיטען וועג ווערט שמואל דערשטאכען פון אנ'אומבעקאנטען מערדער, מען געפינט איהם זיצען א טויטען אויף א שטיין און אין זיין פלייצע שטעקט א „קרומער מעסער זיבעצעהן סענטימעטער לאנג און צוויי א האלב סענטימעטער ברייט"..

...און ענדיגען ענדיגט זיך די דאזיגע טרויעריגע כראניק מיט א מצבה אויפן כרמל בית-עולם, א מצבה, וואס דערצעהלט אז

— „דא רוהען צוויי חברים — מיטגלידער פון דער קבוצה „אחוה" אויפן כרמל"... דאס זענען שמואל און שלמה — חלוצים אידעאליסטען, וועלכע האבען געליטען נויט, הונגער, קראנקהייטען און ס'לעבען אוועקגעגעבען פאר זייער חלוציאנישען אידעאל — אינם ארומיגען קאפיטאליסטען ים...

אט איז איזבאנ'ס פיינע דערצעהלונג, — „א פלעצעל", איינער א קראנץ, אנ'אלטער ארץ ישראלדיגער תושב, א שניידער לויט זיין פראפעסיע, פערמאגט זיך זיין איינען שטיק לאנד — א קרן קימת באדען, ס'איז די איצטערדיגע צייט — א צייט פון מגרשים שפעקולאציע, א צייט, ווען מען קען דורך איין נאכט נתעשר ווערען...

ביי קראנצ'ן אויפן קרן קימת באדען וואוינען אין באראק קאווקאזער יודען — שכנים... ער. קראנץ האט פון די דאזיגע שכנים נישט קיין איבעריגען נחת... איהם וואלט זיך זעהר געוואלט אז זיי זאלען זיך פון דאנען ארויפקלייבען, ער וואלט אצינד געקענט גרינג נתעשר ווערען, דער פאדריאטשיק, ה' וויים, וואלט איהם איינם און צוויי אונטערגערוקט די שעהנע עטליכע הונדערט פונט.. אבער קראנץ האט מורא זיך אנצוהויבען מיט זיינע קאווקאזער שכנים...

דער מחבר שילדערט א יודישען דארף-מענש אין ארץ ישראל.. ווי אזוי ער פארעט זיך ארום זיין „חצר", זיין „מגרש", זיינע שכנים . . . קראנץ, אונטער דער השפעה פון זיין ווייב מלכה בעשליסט צום סוף, ארויסצוזעצען די קאווקאזער שכנים, און דא צעפלאקערט זיך א העפטיגער קלאסען-קאמף, ארבייט און קאפיטאל פערמעסטען זיך מיט די כוחות, אין א דינאמיש-שפרודלדיגען, זעהר צמצום-דיגען דיאלאג, — גיט איזבאן א קאלירפול, לעבעדיג בילד פונם איצטיגען ארץ ישראל מיט זיין קלאסען דיפערענציאציע און קלאסען קאמף:

— וואס איז געשעהען ?

— מען ווארפט אראפ פון פלאץ א שכן ?

— אין ארץ ישראל טרייבט איין יוד דעם צווייטען ?

— א שאנדע !

— דערצו זענען מיר אוועק פון גלות ?

— מיר וועלען נישט דערלאזען !

— ס'איז דאך קרן קימת באדען! ...

— טאקע קרן קימת באדען !

איידער קראנץ האט בעוויזען זיך צו פערענטפערען, איז ער געווען ארומגערינגעלט אין א ראד פונם עולם וואס האט מיט די פערריסענע נעז, מיט די אויגען געמאכט א חשבון.

וואנקא אין די שטיוועל, אין די רייטער הויזען האט זיך אוועקגעשטעלט פאר איהם ווי א וואנט:

— און קרן קימת באדען ווילסטו פערקויפען ? ווילסטו שפעקולירען ?

— איך שפעקוליר ? — האט קראנץ אויפגעהויבען א האנט, זיך צו פערטיידיגען — דו זשוליק! ווען דו ביסט געזעסען ביי פאניען איבערן „שאשליס" איבערן טאפ חזיר. בין איך דא פערשווארצט געווארען...

— און ס'איז אונז טאקע דעמאלט בעסער געווען — האט ס'ווייב אריינגעווארפען !

— וועמען איז בעסער געווען ? — האט א דארער בחור מיט פייטשעלעך ארום די אויגען זיך ארויס געשטעלט.

— מיר.— האט קראנץ זיך נעקלאפט אין הארצען אריין, — מען האט דעמאלט געלעבט בשלום מיט די אראבער...

— א ליגען !

— אזא דאברע !

— פערוועהרט איהם צו רעדען !

— רייסט איהם אויס די באָרד !...

און אט איז א דריטע דערצעהלונג — „עלם-קינס", פון א. ריוועס, א דערצעהלונג וואס שילדערט זעהר טרעפליך אנ'אלט בעקאנטען טיפ — א געוועזענע

(ווייטער זעה 20-טע זייט)

שארפע פאלעמיק

וועגן רמב״ם און „מורה נבוכים״

ר׳ יהודה הרופא (אלפאכר) אטאקירט און ר׳ דוד קמחי (רד״ק) פערטיידיגט

— 1 —

צו ר׳ דוד קמחי!

פונוואנען קומסטו עס, קליין דוד׳ל, צו קריגען אויף אונז און אננעהמען זיך פארן „מורה נבוכים״ וואס בלאנדזשעט אליין אין דער פינסטער?

ער שרייבט, אז די מעשה פון יהושע וועגען אפשטעלען די זון אין גבעון, די מעשה וועגען בלעמ׳ס רעדענדיגען אייזעל און די מעשה וועגען לויתן — דאס זענען אלץ בלויז משלים און נביאה־געשטאלטען. אבער איטליכעם גלויביגער און גאטספארטיגער וועט דאך שטוינען, ווייסענדיג, אז דער רמב״ם האט פערזעהען א פירוש׳ע משנה, וואו ס׳שטעהט, אז צעהן זאכען זענען בעשאפען געווארען פרייטאג פארנאכט און דאס מיינט מען דאך נישט אויף א משל!

ער זאגט אויך, אז ווען ער וואלט געפונען ביי אריסטו א קלארען בעוויז, לויטן געזעץ פון לאגיק, אז די וועלט איז א קדמון, וואלט ער געקענט די פסוקים פון בראשית לערנען נישט מיטן פשוט׳ען פשט. און אזוי האט ער טאקע געטון מיט די ווערטער „צלם״ און „דמות״ (אז גאט האט בעשאפען דעם מענשען אין זיין בילד און געשטאלט) ער האט דעם פשט איבערגעדרייט, ווייל ס׳זעהט אויס ווי קאנקרעטיזאציע פונם באשעפער.

אזוי זאגט ער, אז יעדער ארט אין דער תורה, וואס איז אין סתירה צו דער ווירקליכקייט, דארף בעטראכט ווערען נישט בוכשטעבליך.

און מיר ווייסען דאך, אז מ׳קען נישט פערגלייכען די פראגע וועגען דער אלטקייט פון דער וועלט מיט דער פראגע פון קאנקרעטיזירען דעם באשעפער. ווייל בנוגע קאנקרעטיזאציע זענען פערהאן פערשיעדענע פסוקים, וואס לייקענען אפ איינער דעם אנדערן; אין איין ארט שטייט: „דער לעבעדיגער מענש קען מיך נישט זעהען״, אין איין ארט שטייט: „זאל מען מיר מאכען א מקדש, וועל איך וואוינען צווישען זיי״, און ווידער אין אנ.ארט שטייט: „די הימלען און איבער־הימלען ענטהאלטען דיך נישט״.

אויף אזוינע זאכען האבען די חכמים געזאגט: „די תורה האט גערעדט מיטן לשון פון מענשען״. און אונקלוס דער גר האט, אין נאמען פון פינף זקנים, פערטייטשט די ווערטער: „איך וועל וואוינען צווישען זיי״ — כ׳וועל פערשפרייטען מיין שכינה צווישען זיי״. און אזוי אויך אין אלע ענהליכע שטעלען, אומעטום רעדט זיך נישט וועגען גאט אליין, נאר וועגען גאטס כבוד.

וואס שייך אבער די פראגע פון וועלט־בעשאף, איז דערין נישטא קיין שום סתירה, דא שרייען אלע פסוקים אין איין קול, אז גאט האט געזאגט און ס׳איז געווארען די וועלט. און קיין שום בעוויז פון דער גריכישער פילאזאפיע קען נישט גילטען אנטקעגען דעם דאזיגען הויפט־פרינציפ פון דער אמונה.

שטייט דאך בפירוש אין חומש, אז אויב ס׳קומט א נביא און הייסט גלויבען אין פאלשע געטער, איז אפילו ווען ער ברענגט א בעוויז, און דער דאזיגער בעוויז (אות ומופת) ווערט מקויים, פונדעסטוועגען דארף מען איהם נישט פאלגען!

א חוץ דעם, דארף מען דאך בכלל איטליכען פילאזאפישען בעוויז זעהר לאנג בעטראכטען און קאנטראלירען, ווייל אפט מישט זיך דערין אריין א פערפיהרערישער געדאנק פון יענער פסידא־פילאזאפיע, וואס הייסט אויף גריכיש „סאפיסטיקע״ (פלפול) און קען פערפיהרען און פערשווינדלען די קלוגסטע לייט. מחמת ס׳איז מעגליך, אז אין עפעס אנ׳ארגומענטאציע, אדער אין א פארמול כאפט זיך אריין א שטיקעל טעות, צופאלט זיך שוין ממילא דער גאנצער בנין מיט אלע זיינע קאנסעקווענצען.

מיר האבען שוין לאנג געלערנט, אז מ׳טאר זיך נישט פערלאזען אויף זייערע טעאריעס אין אונזערע תורה־זאכען, בפרט אין דער פראגע פון וועלט־בעשאף, וואו ס׳ווערט שוין קודם כל פערלייקענט דער שבת.

אלע יודען ווייסען, אז דער געבאט פון שבת קומט פון בראשית, ווי ס׳שטייט אין פסוק: „ווייל זעקס טעג האט ער בעשאפען די וועלט און דעם זיבעטען האט ער גערוהט, דערפאר האט ער געבענשט און געהייליגט דעם טאג פון שבת״.

ווי־זשע קען מען זאגען, אז דאס איז אלץ א משל? צי איז די מעשה מיטן האלץ־קלייבער אין דער מדבר אויך א משל? און וואס מ׳האט געהייסען דער גאנצער געמיינדע פערווארפען איהם מיט שטיינער איז בלויז א רעטעניש? אויב אזוי קען מען דאך צו נישט מאכען די גאנצע תורה!

ניין, וואו ס׳איז פערהאן א חילול־השם טאר מען נישט אפגעבען כבוד דעם דבין! און מ׳טאר זיינע שלעכטע מעשים נישט בעהאלטען!

א ראיה האבען מיר פונם עגל. ס׳איז נישטא קיין חילוק צווישען דער קאלב, וואס אהרן האט געגאסען, און דער קאלב, וואס מיכה האט געגאסען — ביידע זענען גלייך שענדליך פאר גאט.

ווידער האט ער (דער רמב״ם) געשריבען וועגען די דורות צווישען אדם און נח, וואס האבען לאנג געלעבט, אז נאר די איינציגע פערשוינען, וואס זענען דערמאהנט מיט זייערע נעמען אין חומש, האבען געלעבט לאנג, די איבריגע אבער פון יענער תקופה האבען געלעבט נארמאל, ווי אין אונזערע היינטיגע צייטען.

דערמיט איז געווען זיין כוונה, צו בעווייזען, אז די וועלט האט זיך גארנישט געביטען, אז מ׳קען צופאסען אונזער תורה צו דער גריכישער פילאזאפיע; אין דער אמת׳ן אבער קען צווישען די צוויי תורות נישט זיין קיין שלום און אחדות.

אזוי זאגען די גריכישע פילאזאפען, אז די נאטירליכע ווארימקייט פון דער הארץ שפייזט זיך פון איהר נאטירליכער פייכקייט, ווי דער קנויט זויגט פון די בוימעל אין לאמפ, דעריבער קען עס נישט האלטען זיך אינם מענשליכען מין קיין 800 אדער 900 יאהר, ווי ס׳זאגט עדות אונזער בעגלויבטעי תורה, און ביי זיי איז אינם דאזיגען פרט אלץ איינס, צי דער גאנצער מין, צי איינער פונם מין—קיינער קען אזוי לאנג נישט לעבען. עלעהיי איינער וועט קומען און דערציילען, אז ער האט געזעהן, ווי א קוה איז געפלויגען איבער׳ן דאך, און דער אנדערער וועט זאגען, אז ער האט געזעהען, ווי דריי קיה זענען געפלויגען — פערשטעהט זיך, אז אויב איין קוה קען פליהען, קען עס אויך דער גאנצער מין!

ארער ביי אליהו הנביא, וואס האט לעבעדיג געמאכט דעם זוהן פון דער צרפתית, זאגט ער, אז דאס יונגעל איז נישט געווען געשטארבען, ווייל ס׳שטייט דאך בלויז, אז „ער האט נישט געהאט קיין אטעם״ — הייסט עס, אז אליהו הנביא האט נישט מחיה מתים געווען. וואס־זשע וועט ער מאכען, אז ביי אלישע׳ן שטייט דאך בפירוש: „און דער יונג איז טויט״? און ס׳שטייט: „ער האט לעבעדיג געמאכט דעם טויטען״. און פריהער שטייט אויך: „ער איז געזעסען אויף איהרע קניע ביז מיטאג און איז געשטארבען״.

און וואס וועט ער מאכען מיט יענעם, וואס ס׳שטייט ביי איהם: „ער האט זיך אנגעריהרט אן אלישע׳ס ביינער, איז ער לעבעדיג געווארען און זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס?״ און וואס וועט ער טון מיט תחיית המתים, וואס ווער ס׳לייקענט דערין, דער האט נישט קיין חלק עולם הבא?

און אויב ער וועט שוין איינטייטשען מיט א דרש די מעשה מיט אפשטעלען די זון אין גבעון, וואס־זשע וועט ער מאכען מיטן וואונדער פון ישעיה ביי חזקיהו מיט די טרעפ פון אחזו, וואס דער שאטען האט זיך אומגעקעהרט צוריק צוואנציג טרעפ? און דא קען ער דאך שוין נישט טייטשען סימבאליש, ווייל ס.שטייט דאך אין דברי הימים, אז דער קעניג פון בבל האט געשיקט צו חזקיהו׳ן, נאכצופארשען דעם וואונדער מיטן שאטען פון די טרעפ!

דעריבער זאג איך: ווער ס׳גלויבט נישט, זאל בעסער שווייגען, וועט עס זיין א חכמה; און פאר וואס לאזט איהר אונז נישט אנווייזען, אז די, וואס האלטען זיך אן דעם ספר „מורה נבוכים״, מיינען, אז זיי זענען חכמים; אין דער אמת׳ן אבער האבען זיי גאטס ווארט פער׳מיאוס׳ט און וואסער חכמה האבען זיי? זיי שפרינגען אויף ביידע צווייגלעך און מיינען, אז זיי זענען, אי אהער און אי אהין, אין דער אמת׳ן אבער שיינט אויף זיי נישט די ליכט פון דער תורה און נישט פון דער גריכישער פילאזאפיע.

אדרבה, זאל זאגען אט דער דוד (קמחי), ווען איז עס דערלויבט געווארען לערנען די תורה לויט די כללים פון דער גריכישער פילאזאפיע? ניין, די תורה דארף גיין נאר פון ציון און גאטס ווארט נאר פון ירושלים!

אט פאלג מיר, דו מיט אלע דיינע חברים, קערט זיך אום צוריק צו דער תורה, וועט אייך גוט זיין; אויב אבער איהר וועט זיך האלטען ביי אייערם, איהר וועט וועלען מיט אייער צונג מבטל מאכען די סוגיא׳ס פון אביי ורבא און דווקא פערטיפען זיך אין די לימודים פון מעטאפיזיק, וועט אייער ארבייט נישט זיין פראדוקטיוו, אנשטאט פרוכט וועט איהר בעקומען דערנער, און אנשטאט יאס איהר ווילט פערצאמען דעם איינבראך, וועט איהר איינברעכען דעם צוים.

איז געקומען א פשוט׳ער פרומער יוד, וואס היט די תורה אהן שום אפנייגונגען אויף רעכטס און לינקס (ר׳ שלמה מן ההר), האט ער צושטויסען די קופערנע שלאנג, וואס משה האט געמאכט און וואס די יודען האבען צו איהם גערויכערט קטורת; ער מיט זיין חבר יונה (גירונדי) האבען זיך אנגענומען פאר גאטס כבוד, האבען געשאלט און געליארימט אין די טרומייטען געגען די שונאים פון גאט, וואס ברעכען דעם דת, און די רבנים פון צרפת זענען געשטאנען, ווי איין מחנה, אויף זייער זייט אין געהאלפען זיי אינם הייליגען קאמף פאר דער תורה און דער רעליגיע, און אלע יודען האבען געזעהען און געוויינט אויפן קול וועגען דעם ספר „המורה״. וואס איז א פרעמדער געוויקס, טאר נישט קומען אין דער יודישער מחנה, קיין יוד טאר איהם נישט לערנען, ווייל מ׳דארף איהם פערברענען.

פונדעסטוועגען איז א מצוה צו שאנעווען דעם כבוד פון רבנו משה ז״ל און מודה זיין, אז ער איז אין זיין צייט געווען א זעלטענער מענש, פול מיט תורה, חכמה און גוטע מידות; ער האט אנגעשריבען דעם ספר „משנה תורה״ (יד החזקה), וואס איז א שיינדעל און א מוסטער פארן גאנצען פאלק, און אלע לערנען פון איהם, ער איז ווי א מלאך פון גאט, נישטא נאך אזוינער, און מיר מוזען איהם

(ווייטער זעה .טע זייט)

ער איז ווידער א הויז־פריינד

(ערצעהלונג) • נאכ׳ן פראנצויזישען • פון נ. פערלמאן

אנא׳ס מאן איז געווען מיט פופצעהן יאהר עלטער פון איהר, דאך האט זי איהם ליב געהאט, ווי א פרוי האט געוועהנליך ליב איהר געזעצליכען מאן.

ער האט ליב געהאט זיין פרוי מיט א סאלידער רוהיגער, געזיכערטער ליבע, ער פלעגט זאגען:

— זי איז ביי מיר פונקט אזוי א טאכטער ווי א פרוי.

אלבערטס פריינד זענען געווען קארטען שפילער, רויכערער, טרינקער און אזעלכע דיקע און קיילעכדיגע ווי ער אליין.

אלע א חוץ איינעם, די איינציגע גליקליכע אויסנאהם איז געווען בערנארד טיגלער, וואס די אנדערע האבען איהם גערופען „דער ארטיסט״, ווייל ער איז געווען א צייכענער פון פרויען ציהרונג.

ער איז אנאן געווען געפעלען מעהר פון אלבערטס אנדערע פריינד.—ערשטענס, פאר זיין פריינדליכקייט; צווייטענס, ווייל ער איז געווען יונגער און נאך נישט אזוי דיק. ער האט איהר געזאגט זאכען וואס זענען אזוי אנגענעהם פאר א פרוי צו הערען: „אייערע שעהנע אויגען, אייערע לאנגע, פערבענקטע פינגער״... אט דאס אלץ האט ער איהר געזאגט, ווען קיינער האט נישט געהערט, אנא האט נאר געלאכט פון אזוינע יונגעלשע רייד. זי האט אבער נישט געהאט דערביי קיין שום הינטער־געדאנקען: זי איז געווען א גוט, עהרליך ווייבעל.

אבער איין טאג איז בערנארד פערשוואונדען, ער האט אויפגעהערט קומען אין די אוונטען צו זיינע פריינד.

איין אוונט איז אבער אלבערט געקומען אהיים. און זיין פנים איז געווען אויפגעלייכטען מיט יענעם גוטען, צופרידענעם שמייכעל, וואס ער האט שטענדיג געטראגען, ווען ער האט געהאט צו דערצעהלען עפעס א נעשיכטע,

— וועסט נישט טרעפען, וועמען איך האב היינט בעגעגענט, — האט ער געזאגט, — בערנארדען!

— עס איז נישט אזא אויסערגעוועהנליכע זאך— האט אנא קאלט אפגעענטפערט.

— יא, עס איז אבער אויסערגעוועהנליך, פארוואס ער קומט נישט מעהר צו אונז. שטעל דיר פאר ער איז דאך פערליבט אין דיר!...

און אלבערט האט אויסגעפלאצט אין א געלעכטער.

— ער איז פערליבט אין מיר? — האט אנא פערוואונדערט נעפרעגט, — ווער האט עס דיר אזוינס געזאגט?

— ער אליין!

— ער האט עס דיר געוואגט צו זאגען ?...

— געוויס. איך האב עס ביי איהם אויסגענארט, די קאנסט דאך מיך, ווען איך וויל עפעס אויסגעפינען, געפין איך עס אויס. ער האט מיר אין אנהויב טאקע גאר נישט געוואלט זאגען, אבער פון מיינע הענט קען מען זיך אזוי גרינג נישט אויסדרעהען...

— ער האט מיך ליב! — האט די יונגע פרוי אויסגערופען מיט א מין טאן פון בעדויער אין דער שטימע.

איינמאל אין א נאכמיטאג האט זי גאר צופעליג בעגעגענט בערנארדן אין פארק, זיי זענען אנגעקומען איינם אקעגען אנדערען, איבער דער זעלבער אלעע, אנא האט געפיהלט ווי איהרע באקען האבען געברענט, ווען ער איז צוגעגאנגען צו איהר און האט איהר דערלאנגט די האנט.

זי האט ארויסגעמורמעלט עטליכע ווערטער, זי האט אויסגעזעהען אזוי שעהמעוודיג און אומגעשיקט, ווען זי האט איהם געוואלט גלייך פערלאזען, אז ער האט מיט א אידעלען אנריהר ביים עלענבויגען זי צוריקגעהאלטען:

— איהר האט טאקע אזוי קיין צייט נישט, וואס איהר איילט זיך אוועקצוגעהן? — האט ער געפרעגט.

— יא, יא... איך מוז זיך איילען... איהר וועט מיר ענטשולדיגען...

אבער בערנארד האט באלד פערשטאנען אז אלבערט האט איהר דערצעהלט.

— אנא, — האט ער שטיל געזאגט, — אלבערט האט ארויסגעצוואונגען פון מיר מיין סוד און ער האט אוודאי געהאלטען פאר נויטיג אייך אלץ צו דערצעהלען...

— א, איך האב צו אייך גארנישט — האט זי געזאגט פערשעהמט.

— איהר וועט מיר אנטשולדיגען.. די ליבע איז געווען שטארקער פון מיין איינענעם ווילען... אזוי ווי איך בין אבער אלבערטס א געטרייער פריינד, בין איך בעסער אנטלאפען אידער איך זאל אויפדעקען פאר אייך מיין ליבע... אלבערט איז בעגאננגען א גרויסען פעהלער, וואס ער האט גערעדט צו אייך...

— ער האט נאר אויסגעפיהרט דערמיט, וואס איצט זענען מיר ביידע אומגליקליך — האט זי נעזאגט און ארונטערגעלאזען די אויגען.

— וואס איהר אויך! — האט בערנארד אויסגערופען.

— יא, איך אויך.. — וואס מיינט איהר, עס איז מיר גוט צו וויסען, אז איהר לײדט און איך קאן גארנישט טון צו מאכען אייך טרינגער ?

זי איז א ווײלע אנטשוויגען געווארען, דערנאך האט זי צוגעגעבען :

— איהר בעדארפט מיך מעהר נישט ליב האבען..

— עס פערדריסט אייך אויף מיר ?

זי האט אזוי שנעל געענטפערט : „א, ניין!״, אז בערנארד האט זי אנגענומען פאר דער האנד.

— נו ? — האט ער אומבעשטימט ארויסגעזאגט.

ער האט מעהר נישט געטראכט, נישט פון דער פריינדשאפט, וואס איהם האט געהאט צוגעבונדען צו אלבערטן, נישט פון דעם שעהנעם ביישפיל פון געטריישאפט, וואס ער האט איהר געוויזען, דאס איז שוין אייגענטליך, געווען נגנוג — האט ער זיך געזאגט — אז זי זאל מעהר נישט האבען קיין פאראיבעל אויף איהם פאר זיין ליבע.

— האט איהר טאקע אזוי שטארק ליב אייער מאן ? — האט ער געפרעגט.

— ער איז זעהר גוט צו מיר. און איך וואלט איהם נישט געוואלט וועה טון.

— דאס איז נאר ?

זי האט א זיפץ געטון :

— אך, צו וואס האט ער מיר עס בעדארפט זאגען, אז איהר האט מיך ליב ? פון יענעם טאג אן טראכט איך נישט ווילענדיג נאר פון אייך... פארוואס האט איהר מיך ליב ?

— ווייל...

און ער האט גערעדט צו איהר פערליבטע רייד פון איינעם, וואס איז פערליבט אהן האפנונג, איז איהם טאקע נישט געבליבען גאר קיין האפענונג ? עס זענען געווען באנאלע רייד, אבער זי איז געווען פון זיי שטארק געריהרט, ווייל זי האט נאך פון קיינעם נישט געהערט אזוינע רייד, פאר איהר זענען זיי געווען פול מיט טיפען זין, פול מיט צוזאגען, אויף עפעס א ניי גליק, טיף ביי זיך אין הארצען, — האט ער איהר געזאגט, — האט ער בעדויערט, וואס ער האט נישט גערעדט צו איהר פריהער.

— נו, איך מוז שוין איצט געהן, — האט אנא געזאגט.

— ווען וועלען מיר זיך ווידער זעהען ?

— צו וואס ?

— אנא ! — האט בערנארד ארויסגעזיפצט.

זי האט, שמייכלענדיג, ארויסגענומען פון איהר האנט־טאש אנ׳אדרעסען ביכעלע.

— ווי צודרינגליך איהר זענט עס! — האט זי געזאגט, ארייננקוקענדיג אין דעם ביכעלע. — מען טאר אזוי נישט זיין... קומענדיגען דאנערשטאג ?

— עס איז אזוי לאנג צוווארטען.... עס איז אזוי ווייט....

* * *

צוערשט האבען זיי זיך געטראפען יעדע וואך אין פארק, ביים שיידען זיך האבען זיי זיך צוקושט.

דערנאך איז ער צוגעשטאנען צו איהר, אז זי זאל געהן צו איהם אהיים. וואו ער האט איהר געוואלט ווייזען זיין ארבייט, נייע צייכענונגען פון פרויען־ציהרונג. זי האט לאנג נישט געוואלט געהן. אבער ער איז געווען געדולדיג, האט אזוי לאנג געמאהנט און געמאהנט איהר ליבע, ביז זי האט איהם נאכגעגעבען.

— וועסט דארפען ווידער אנהויבען קומען צו אונז, — האט אנא געזאגט, — עס וועט זיין לייכטער און בעקוועמער פאר אונז.

— דו גלויבסט אזוי?

אין אנ׳אוונט איז ער געקומען צוריק צו זיינע פריינד. אלבערט און זיינע געסט האבען איהם אויפגענומען מיט לוסטיגע, גוטמוטיגע אנצוהערענישען און שטעכווערטלעך וועגען זיין פערשווינדען אויף אזא לאנגער צייט. בערנארד האט זיך געפיהלט זיכער ביי זיך און ער האט געלאכט צוזאמען מיט זיינע פריינד. אנא האט זיך אויך געצוואונגען צו לאכען. זי האט עס געטון צו פערזיכערען נאך מעהר איהר מאן, כאטש אלבערט האט גארנישט געצווייפעלט אין איהר. ער איז געווען א מענש, וואס האט אין קיין זאך נישט געצווייפעלט.

— מארגען בייטאג ביי דיר, — האט אנא איינגערוימט איהר געליבטען, ווען זי האט שפעט אין אוונט איהם ארויסבעגלייט צו דער טיר.

—

קורצער פרייטאג און שבת הגדול

קורצער פרייטאג: איהר האט געהערט, פאניע שבת הגדול, אז דער בעבע־קלוב האט זיך ליקווידירט?

שבת הגדול: טאקע? ביטערע צייטען! אז אזא געשעפט קען נישט עקזיסטירען איז שוין עק וועלט...

—=—

ס'פנים איז א מסור
שמועס אויף א דאנסינג.

ער: ווי הייסען זי, פרייליין?

זי: יאדוויגא, וועגען וואס פרעגען זי דאס?

ער: ווייל לויט איהנ'ס פנים, האבען זי נעדארפט הייסען יאכנע.

אזא אידיאט!

אין א צוקערניע זיצען צוויי יונגעלייטלעך. דער צעהלט איינער:

— כ'האב געלעזען אין דער צייטונג אז מאקס שעלסע זעהענדיג אז זיין שוויגער טרינקט זיך אין א טייך איז ער אריינגעשפרונגען אין וואסער און זי ארויסגעצויגען פאר די האר.

— נו, יא, ס'טרעפט אמאל, אז א מענש פערלירט דעם שכל — האט דער צווייטער געענטפערט.

פון דער ספארט וועלט.

אויפן מעטש פוילען — רומעניען זאגט איינער פון די צושויער:

— דאס זענען אונזערע גוטע פריינד, און דאך שלאגען זיי אונז...

---

2 אויפשריפטען
וועלכער „ווידאק" איז שענער?

א יוד מיט נירען דערצעהלט אז אין שטשאווניץ האט ער אויף א בוים געזעהען אויסגעקריצט צוויי אויפשריפטען.

איין אויפשריפט:

„דא ביי דעם בוים בין איך געזעסען מיט מיין ווייבעלע אנקא, אך, וואס פאר א שענער ווידאק!

סאלאמאן שלימאק. ווארשע, 1933".

אונטער דעם א צווייטער אויפשריפט:

„דא בין איך געזעסען אהן ווייב, דער ווידאק איז נאך א שענערער.

מאניעק סערדעלעק, לאדז

אנקאס ערשטער מאן"

הינטער די קוליסען
פון יודישען טעאטער

אויף א פראבע אין יודישער טעאטער. מאכט דער רעזשיסער א בעמערקונג אנ'אקטריסע, וואס שפילט שלעכט די ראלע פון א פערדראטענער פרוי.

— שטעלט אייך פאר, זאגט צו איהר דער רעזשיסער, אז איהר ליבט אייער מאן ביז משוגעת, און יענער פערדראט אייך מיט אנ'אנדערע — וואס וואלט איהר אין אזא פאל געטון?

— איך? כ'וואלט מיט איהם געשלאגען כפרות, און וואלט חתונה געהאט מיט אנ'אנדערען — האט זי קורץ געענטפערט.

ער האט געזוכט דעם טויט...
שמועס צווישען יונגע אלמנות

ערשטע: זאגט איהן, לאבטינע, איהנ'ס מאן איז לאנג קראנק געווען?

צווייטע: ר'איז גארנישט קראנק געווען, ער האט נעבעך אליין געזוכט דעם טויט.

ערשטע: וואס הייסט?

צווייטע: ער האט זיך לעצטענס גענומען דאקטוירען און גענומען זייערע מעדיצינען.

אזא מין „ליניע".

— איהר ווייסט, ר' סענדער? מיין אשה, ווען מ'זאל זי שיסען וועט זי נישט אריינגעהן אין קיין קינא.

— אזוי נערוועזיש איז זי?

— ניין, אזוי ברייט איז זי...

אוי, וועט זי וויינען!

א בעקאנטער לופט פליהער האט געמאכט אנ' אויספלוג אויף זיין אעראפלאן מיט זיין יונג ווייבעל שוועבענדיג אין דער לופטען, זאגט ער צו איהר:

—בויג דיך נישט ארוים, דו קענסט נאך חלילה ארויספאלען, וועסטו שפעטער וויינען!...

א זוהן א שרייבער
צווישען שכנטעס.

— כ'זאג איהן, גילדענע, ווען גאט העלפט מיר און איך געווין דעם מיליאן, וואלט מיין זוהן נישט געדארפט פערדינען — און וואלט געקענט בלייבען א שרייבער.

א מארנע פאלק די מענער.

די פאננע פאלטשע זאגט אזוי:

— א מארנע פאלק די מענער! אז א פרוי האט שעהנע פיס, בעטען זיי ביי איהר די האנד!

זי האט א ווייך הארץ

פרוי (צום מאן): דו ווייסט מאריץ? די פרוי ב. איז דא געווען, מ'זאל שענקען אלטע אפגעטראגענע מלבושים פאר די נשרפים פון שטעטעל ז.

מאן: מ'דארף טאקע געבען אביסעל מלבושים, וואס מיר טראגען שוין נישט.

פרוי: כ'וועל געבען דיין אנצוג, וואס דו האסט געמאכט מיט צעהן יאהר צוריק, און מיין זיידען קליידעל, וואס כ'האב געמאכט מיט א חודש צוריק.

פון דר. ר'ס נאטיץ ביכעל.

דער דר. ר. פיהרט א טאג בוך, אויף איין בלעטעל געפינט זיך אזא נאטיץ:

„סאלעגע ש. איז א גוט דערצויגענער מענש און נישט קיין נאר. כ'האב איהם דריי מאל זאפראשעט צום מיטאג, און איז איין מאל אויך נישט געקומען".

דעם, וואס זי האט נישט גערעכענט

פרוי (צום מאן): זאג מיר, הענעך, וויפיל זענען דא אידיאטען אויף דער וועלט?

מאן: איינער מעהר וויפיל דו שטעלסט דיר פאר.

פייטעל און טרייטעל

פייטעל: דו זעהסט טרייטעל, איך האב מיר היינט גענומען סחורה אויף א מלבוש. האט מיר דער סוחר גאראנטירט, אז דאס איז פאר מלחמה־סחורה.

טרייטעל: משוגענער! די סחורה ווערט דאך איצט אויסגעארבייט!

פייטעל: נו איז וואס, דער סוחר זאגט דען א ליגען? מיר האלטען דען נישט איצט פאר א מלחמה?

וואס א מענש געהט אדורך!

— פרעג נארנישט, וואס איך בין היינט אדורכגעגאנגען.

— וואס אזיינס ביזטו אדורכגעגאנגען?

— קרום די פעטריקאווער נאס האב איך בעצאהלט א זלאטע קארע.

די פאסט איז שולדיג.

א בעקאנטער הונער פאבריקאנט האט זיך בעקלאגט אויף דער פאסט, אז זי ערלעדיגט נישט שנעל די בריף. א סימן ער האט ארויסגעשיקט 60 בריף צו בעלי חובות וועגען געלד, האט ער קוים פון איינעם בעקומען א תשובה.

— וואס האט דער איינער געענטפערט?

— „איהר זענט נישט קראנק צו ווארטען".

ביים שוויגער

יודענע: פאניע שוויגער, איהר האט דאך מיר שטאטם מילך געגעבען ריין וואסער.

שוויגער (אויפגערעגט): דער טייוועל זאל נעהמען מיין יודענע. זי האט שוין ווידער פערגעסען צום וואסער צוצוגיסען מילך!

ווין, ווייב און געזאנג

— זאג מיר, ווי איז דיין מיינונג וועגען וויין, ווייב און געזאנג?

— גאר פשוט: איך געה אייביג אוועק פון דער שטוב אויף א גלעזעל וויין, ווען ווייב הייבט אן זינגען...

„פאניענקעס" צווישען זיך

ערשטע: וויאבראזש סאביע צא זא פאדלאשטש פרעדעק האט זיך נעבטען אדוואזשעט צו וויראזשען אויף מיר, אז איך בין א גלופיע גענש.

צווייטע: פשעימאיע דיך נישט, קאראלטשא, ער האט אייביג ליב צו פאוטאזשען, וואס אנדערע זאגען.

פארן מאן האט זי קיין סוד נישט

יונגע פרוי (צום אלטען מאן): מיין ליבער מאריצעק, דו געדענקסט דאך, אז מיר האבען פאר דער חתונה בעשלאסען, נישט צו האלטען קיין סוד.... נו, וויל איך דיר טאקע זאגען, אז כ'האב ביי אדערבערגן געזעהען א פאר עלעגאנטע שיכלעך, וואס געפעלען מיר זעהר....

א יונג א כוואט.

ווען ער זאגט: איך ליב דיך זעהר,
איז ער דאך א יונג, א כוואט,
נאר א שוואכלינג אי זער דאמאלט
ווען ער שטאמעלט: „הרי את"...

דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 265 פרייטאג, דעם 15 נאוועמבער 1935

די ווירטסלייט, נעביך!..

געבויט אזעלכע „מאסיווע געביידעס" און אזוי נישט דאנקבאר!..

פאליטיק פון דער וואך

אין עגיפטען איז אניאויפשטאנד געגען ענגלאנד. צוזאמענשטויס צווישען עגיפטער און ענגלענדער און וואס ווייטער?

צווישען פאליטיקער שמועסט מען וועגען דעם זעהר א סך. מען שמועסט און מען שמועסט און אין עגיפטען איז נישט גלאטיג.

עס איז נישט גלאטיג דערמיט וואס עס איז גראד איצט, ווען עס קאכט זיך אין אביסיניען א מלחמה־קאכעניש און ענגלאנד האט אויך דארט עפעס שטעקען אין דעם קאך־קעסעל — מאכט זיך א קאפ פערדרעהעניש פאר ענגלאנד אין עגיפטען.

מיר דיפלאמאטען קוקען אויף דעם מיט חשד מיט א געקנייטשטען שטערן און טראכטען זיך: עס איז דעם ענגלענדער אויך נישטא וואס מקנא צו זיין, ער האט זיך אויך זיינע קלאפאטען און פאליטישע קאפ־פערדרעהעניש.

עס קאכט זיך און עס דרעהט זיך.

פון דער געלד-בערזע

פון אונזער „בערזע-רעדאקטאר" העכט

דער דאלאר שטעהט נישט שלעכט, דער פונט שטעהט נישט שלעכט, דער פראנק שטעהט נישט שלעכט, די מענשען שטעהען יא שלעכט

אריש און נאריש

שמועס ביי א פול טשארני.

— דו האסט געלייענט אין דער פרעסע, אז א יודישער דאקטאר האט בעקומען 9 יאהר תפיסה פאר קושען אן'אריש מיידעל.

— נו איז וואס? איך האב בעקומען אייביגע תפיסה פאר קושען א נאריש מיידעל.

א „מוזיקאלישע" יודענע

אונטערגעהערט אויפן „הזמיר" קאנ-צערט

אויפן לעצטען „הזמיר"־קאנצערט אין פילהארמאניע פרעגט איינער דעם צווייטען:

— איז אייער פרוי מוזיקאליש?

— זעהר מוזיקאליש, וואס אנ'אמת שפילט זי נישט אויף קיין שום אינסטרומענט, דערפאר איז זי אייביג „ראסטראיעט"...

אפילו הויזען אויך!

שמועס אין א מלבושים געוועלב אויף פאדזשעטשנא גאס.

קונה (צום פערקויפער): גיט נאר א קוק, וואס פאר א הויזען גיט איהר מיר, איין נאגעוויצע איז דאך קורצער פון דער אנדערער.

פערקויפער: איהר ווייסט דען נישט אז איצט ווערט אלץ געקירצט אויף 15 פראצענט!

ער ליגט אויף דער „פאמיאנטקע"...

ווי א קאטער אויף דער זרוע.

דער אין לאדז גוט בעקאנטער גביר ק—י, זאגט צו זיינע אנגעשטעלטע אזוי:

— וועגען אלעם קענט איהר מיט מיר רעדען, נאר נישט וועגען געלד, ווארים דאס איז די איינציגע „פאמיאנטקע" פון מיין פערשטארבענעם פאטער, און א „פאמיאנטקע" פון א טאטען דארף מען היטען.

נראף קאלי.

איך טאר נישט האבען קיין קינדער...

אוי די ווירטסלייט גוואלד די ווירטסלייט
ווי זיי קוועטשען, ווי זיי דריקען;
אלע קיין אדיס אבעבע
וואלט איך הייסען זיי פערשיקען...

ווער עס ליידט אצינד פון קריזיס,
אדער אויף אניאנדער צרה,
איך גראף קאלי לייד רבותי,
וואס מיין ווייב איז קיין עקרה...

צו קיין רבין נישט געפאהרען
און קיין מופתים מיר בעוויזען...
דאך מיין ווייב האט מיר געבוירען
זיבען קינדער ווי די ריזען....

זיבען גרעפלאך, זיבען העלדען
קיין בייז אויג זאל זיי נישט שאטען
אלע — פייערדיגע קעפלעך,
אלע געראטען אין דעם טאטען...

אין פערלויף פון פינף מינוטען
ווערט א ברויט אריינגעריבען ...
כ'האב זיך גארנישט וואס צו שעהמען
מיט די קינדער מיינע זיבען...

איין חסרון... היגע ווערטסלייט
— איינגעזונקען זאלען ווערען;
האבען גאר אן־אנדער מיינונג,
ווארט, רבותי, וועט איהר הערען:

ווי איהר ווייסט, איך וואוין אין קאלע,
אויף לעטניסקע... נאך אצינדער...
און איך קען קיין דירה קריגען
טאקע צוליב מיינע קינדער.

וואו איך קום א דירה דינגען
איז די ערשטע פראגע דאך:
— זאגט מיר, וויפיל האט איהר קינדער
און צו קלערט איהר האבען נאך?

חוץ „קאמארנע" און „אטסטעמפנע"
חוץ די אלע זיבען זאכען
מוז איך געבען א גאראנטיע
אז איך וועל קיין ברית נישט מאכען...

מיניסטער בעק איז ראבקי

(נישט פון דער פרעסע.)

דער מיניסטער בעק האט געוויילט אין ראבקי. אין פארק האבע זאיהם ארומגערינגעלט קינדער.

— פראשען פאנא, טוט אייך מיט אונז באוויען...

— אין וואס?

— אין „בלינצעלעך".

מיניסטער בעק האט א זיפץ געטון און צו זיך געזאגט:

— אומעטום דאס איינענע.

* * *

ליצים זאגען אויך אז מיניסטער בעק האט אזוי פעריונגערט די אויסערליכע פאליטיק אז ער האט געמוזט פאהרען אויף קוראציע קיין ראבקי.

דער „פעלקישער בעאבאכטער" און דער „קונדס"

וואסביידע זאגען וועגען נאצים און יודען:

אין „פעלקישען בעאבאכטער" שרייבט א בעקאנטער נאצי־חכם:

— „יודען זענען אנ'עמפינדליך פאלק: ביי א „ליאדע טשעפע" צערייצט מען זיי".

דער „קונדס" זאגט אויך אזוי: די נאצים זענען געגליכען צו א נאפט־לאמפ, — אז מען גיסט אריין (א כוסה) ברענען זיי, און יודען זענען געגליכען צו אנ'עלעקטרישער לאמפ, אז מ'גיט זיי א דריק ביים קנעפעל צינדען זיי זיך אן.. דער חילוק איז נאר וואס אנ'עלעקטרישע לאמפ ברענט בלויז, אבער אפברי־הען קאן מען דערמיט קיינעם נישט, און א נאפט לאמפ גיסט מען אריין און אייביג שטינקט זי...

ווער שלאגט זיך?

סענסאציאנעלע ידיעה פון אביסינישען פראנט.

סטאשעוו, (ספ. צום „קונדס"). א היגער נאפט־סוחר, וואס שטעהט אין געשעפטליכע פערבינ־דונגען מיט אביסיניען האט דערהאלטען א בריוועלע פון זיינעם אנ'אביסינישען סוחר, אין וועלכען ער שרייבט:

„גלויבט נישט די גאזעטען, ביי אונז אין אביסי־ניען קומט נישט פאר קיין שום מלחמה צווישען די אביסיניער מיט די איטאליענער, עס קומט נאר פאר א מלחמה צווישען די קארעספאנדענטען. די קארעס־פאנדענטען, וואס האלטען מיט איטאליען, מאכען אן פערוויסטונגען אין דער אביסינישער ארמעי, און פערטרייבען זיי פון אלע פאזיציעס, און די וואס האל־טען מיט אביסיניען — מאכען פון די איטאליענער אש און בלאטע.

וואס שייך די פריזען אויף נאפט, דארפט איהר זיך ווענדען צו מיין שותף אין לאנדאן

פיניעלע מזיק

גיט לשון

די וואך האב איעך אפיליק ניש גיגאט קא קוראזש צי געיבן לושן. ציווייסץ פאוואוע? ציליב די מאנסע מיט די מאנדאלן. די ווילקער שמאלץ־באכער אנע גי־קריגן מאנדאלן אין איעך אב גיקריגן דעים יאס.

כיפרעיג ענק. אב איעך ניש גידאריפט קריגן א מאנדאל? סיוואלט מיער עפטשער נישט גיקלייט צין פונים? און זיי די ווילקער קאכילעפלין עט עס יא קליידן צי זייערע פיזענאמיעס? בא א גאליפקע עלן זיי זיך אעספיאקעווען אין די סמאקיס (געמיינט: סמאקינגס) מיט די אופגיגלאנצטע קליאפיס, עלן זיך אונהענגען דעים מאנדאל אין עלן שטוצן.

מאנדאלן, אנדערש זענע זיי ניש גיוואוינט, די ווילקער לאזוכיס!

אט מיעך טאקיש גיט גיקרענקט די מאנסע, נאר כעב זיי נאכניש שוואגן.

יעץ, עב איעך ענק פאציילן א נאיע מאנסע, א פינק נאיע מאנסע פין איונדזערע קנאלטיערס.

בא אינדז אין לאדזש, זענע דו קליינהענדלער־פריינדלעך. עפטשער א זעקס טיץ אזעלכענע, אט יעי־דים פריינדל א פרעזוס, מיט א גלאק, מיט א גרין לאליך אפן טיש, יעידער פרעזוס אט אזאכינע שלאטן שימוסים, מיהאקט א טשייניק, אין יאלדן געבן קעיסיף.

בין איעך פיניעלע, גיקימע אין אב אזוי גיזוגט: לאמע פין אלע שטיינער מאכן איין שטיין, צי־פאשטייט? פין אלע פרעזוסען עט ווערן איין פרע־זוס, איין גלאק, איין גרין לאלעך, אוען די שלאטן־שימוסים אין באסטא.

בין איעך גיוועין גיראכט?

ני, אבן דעך די קנאלטיערס מוירע גיגאט, אז זיי עלן גיין קאפיטש פין די בענקלעך, זענע זיי גיגאנע אין אבן אויסגיקלעירט א פינק נאיעם מיסמאטן— א בעהיים־ראט!

ציווייסץ וואעס דוס איז אזאכעס א בעהיים ראט? זאך אזוי וויסן פין בייז. פין וואנע זאל איעך וויסן אז זייערע כיכומים אליינט ווייסן אכיט א מאקע!

זיי אבן איין צלוכע, וואעס זיי לויפן ארים מיט זייערע זיצעכצער יעידעס מועלט אין אניאנדירע מי־לינע. נאר טאמער על איעך פאקן א זיצעכץ פין זיי־ער בעהיים־ראט, על איעך זיי פאציילן די מאנסע פין שוויגער, ציווייסץ וואעס איעך עב זיי זוגן?

גייץ צי אלדע ריכים מי טעוקירע קרע'מליך צי־נעזאמעט! אף טישאנצע גיפורים דארף מע ענק מיט ענקירע גליקן! עץ מיינט דען די טויווע פין די קליינ־הענדלערס? זאלט עץ אזוי! מיעך פיניעלען, עט עץ ניש טשאקין: איעך ווייס שוין וואעס עץ ווילט. פאוואוער זאך אזוי לעיבן, ווי איעך ווייס, כיוויל ענק נאר ניש פאשוכירן — אזוי על איעך זיי זוגן.

דערוואל אצץ מיער, יאטן, א גיטן שאביס אין אצץ מיער גיזינט.

וואס האב איך געזעהען אין אביסיניען?

רייזע-איינדריקען ספ. פארן „קונדס"

אדיס אבעבא.

פונקט דריי פארמיטאג בין איך אנגעקומען קיין לאסס. אזוי ווי איך האב נאר געשטעלט דעם ערשטען טריט אויף דער אביסינישער ערד, האב איך באלד דערפיהלט, אז איך בין אין אביסיניען, מחמת די ווייבער געהען כמעט נאקעט, און די מענער — אהן הויזען...

זעהר א סך וועלדער פערמאגט אביסיניען, אז איהר קוקט מיט אייער פאעטיש אויג, אויף די אבי־סינישע וועלדער, דאכט זיך אייך, אז איהר זענט נישט אין א וואלד נאר אין יודישען טעאטער —אזוי פיל קלעצער! אזויפיל דרעננער!

אויף די בוימער וואקסט דא אזעלכעס וואס אונ־זער גמינע גיט ארימעלייט — פיגעס! די געוויקסען בכלל אין אביסיניען זענען מאדנע. ווען מ'פערזוכט אזא געוואוקס ווילט זיך ברעכען. די ערינע גאל געהט איבער, ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי מ'וואלט געלייענט דעם „ארענדאוויק".

איצט לאז איך מיך אויף א נים - קעמעל צום פראנט. און אויב איך וועל נישט קריגען א שנעל פון אנ'איטאליענישען טאנקס, וועל איך ווייטער שרייבען איינדרוקען.

די ענדעקעס זענען שוטים!

א פאסירונג מיט צוויי חסידישע בחורים

צוויי חסידישע בחורים זענען אין אוונד געגאנגען אויף בזשעזשינער גאס האט איינער פון זיי איבערגעחזרט די תורה פון רבין, אז דער מענש איז גארנישט.

— אויב אזוי — זאגט דער צווייטער — בין איך גארנישט און דו ביזט גארנישט.

פלוצים זענען פון דער פראנצישקאנער גאס ארויסגעוואקסען צוויי ענדעקישע כוליגאנעס און אויסגעשריגען:

— העי, — קטא טאם?

— עי, קיינער נישט, האט איינער פון די בחורים געענטפערט — איך בין גארנישט און ער איז אויך גארנישט.

די ענדעקעס האבען נישט פערשטאנען די תורה און די בחורים ארענטליך צע'ממיתט.

ווען זיי זענען געקומען צוזאמען אין שטיבעל אריין מיט פערבונדענע קעפ, רופט זיך אפ איינער פון זיי:

— איצט זעה איך ערשט, וואס פארא שוטים די ענדעקעס זענען, זיי האבען דאך געמיינט אז זיי האבען עמיצען געשלאגען, און צום סוף זענען מיר ביידע גארנישט, און זיי האבען קיינעם נישט גע־שלאגען...

לויט דער שטימע

דערקענט א מאן.

א טעלעפאן געשפרעך:

—האלא! מיט וועמען פערבונדען?

— פירמע קאפעל.

— אהא, ה' קאפעל ביים טעלעפאן?

— יא, איך אליין.

— זענט איהר נישט אמאל א געלער?

— אין וואס דערקענט איהר?

— לויט אייער שטימע.

א קלוגע עצה

פון א מאן א דאקטאר

פרוי (צום מאן א דאקטאר): זעה נאר, סטעפעק ס'האט זיך מיר געמאכט דריי בראדאווקעס אויף דער אויבערשטער ליפ.

דאקטאר: אויב אזוי, וועל איך דיר מאכען דריי לעכעלעך אויף דער אונטערשטער ליפ וועסטו ס'מויל קענען פערמאכען אויף זאטשאסקעס.

אין פארק.

ער: וואס לייענען זי, פאניענקע?

זי: א ביכעל.

ער: ווי הייסט דאס ביכעל?

זי: „דאס לעבען פון מענש הויבט זיך אן נאך די 40 יאהר".

ער: אויב אזוי איז דאך איהן וואויל.

ער: מיט וואס?

ער: הייבען זי דאך ערשט אן צו לעבען אויף דער וועלט...

חיות וואס ווארפען זיך דירעקט אויף ווייבער

וואס לאדזער זעהען אין ווארשא.

בעריל ריבאייזען האט אויסגענוצט די לעצטע וויטשעטשקי פון 11טען נאוועמבער און צוזאמען מיט זיין ווייבעל געפאהרען „אדוויעדזשען" ווארשא.

זייענדיג אין זאאלאגישען גארטען האבען זיי זיך אפגעשטעלט פאר א שטייג מיט פוקסען. פרעגט זי דעם מאן:

— בעריל, פיקסען ווארפען זיך אויך אויף מענשען?

— זיכער, ספעציעל ווארפען זיי זיך אויף ווייבער און דערצו אויף זייערע העלדזער.

מזל-טוב!

כסף וזהב מטהר...

קליענט (צום אדוואקאט): נו פאניע מעצענאשע, וואס הערט זיך מיט דעם שולער, מיט דעם גנב, וואס האט א טאג פארן באנקראט ביי מיר אויסגענארט א פעקעל אויף 50 טויזענד זלאטים?

אדוואקאט: ס'איז אלץ אין בעסטען ארדנונג, ער האט חתונה מיט מיין טאכטער.

בראווא, בערעלע!

דער קליינער בערעלע שטעהט ביים טיש און ראי־ווענט, זאגט צו איהם דער פאטער:

— בערעלע, כ'הער דאך נישט א ווארט.

— כ'רעד דאך נישט צו דיר! — האט בערעלע געענטפערט.